ז. שניאור

# געזאמעלטע
# ווערק

ז. שניאור

# געזאמעלטע שריפטען

ליטעראַרישער פערלאַג, ניו יאָרק.
1918.

# אויף ביידע זייטען דניעסטער

## I.

דאס איז געווען א שטיקעל צייט נאך דעם פאגראמען-סאנאט. מיר זענען געזעסען אין א האלב-פינסטערען צימער און דערצעהלט שטילערהייד, איטליכער וואס ער האט זיך אנגעזעהן און אנגעהערט. ס'איז שוין געווען באלד נאכט. דער ווינטער-הימעל האט מונקעל-בלייך אריינגעקוקט אין די פענסטער און בענאסען אלעמענס פנים'ער מיט א טויט-געלבען אבשיין. איינער נאך דעם אנדערען האט מען דערצעהלט און איבערגע'חזר'ט בלוט-טהאטען, טויט-שרעקען... אויסגעגלאצטע אויגען פון דערשאסענע, דערמאהנט געזולעכער מיט טשוועקעס, העק מיט שארבענס, אבגעזעגטע פיס און אויסגעריסענע צייהנער מיט די יאשלעס צוזאמען... עס האט זיך שטארק עפיס געוואלט אויפרייצען דעם חבר'ס נערווען און איטליכער האט געזעהן אויסצומאלען זיינע זכרונות און איינצודריקען מיט וואס שארפערע און שווארצערע פארבען. נאר איבעריגעס האט זיך דאס קיינעם ניט איינגעגעבען. אונזערע נערווען זענען שוין געווען צו פיעל פערטעמפט, די הערצער צו פיעל פערשטיינערט.

— אין דער שטאדט דרייסיג דער'הרג'עטע... אין יענער שטאדט דריי הונדערט גע'הרג'עטע. און פערוואונדעטע ביז טויזענד...

**אויף אונזערע מידע געפיהלען האט דאס שוין געהאט דיזעלבע ווירקונג, ווי דרייסיג געשאכטענע היהנער, דריי הונדערט געקוילעטע אקסען, טויזענד געשטרעטענע קעלבער...**

נאָר אײנע, אַ בלײכעס פרײלין מיט גרויסע בלאָהע אויגען, וואָס איז מיט אונז צוזאַמען געזעסען, פלעגט נאָך איטליכער בלוט־ערצעהלונג נערוועז און ביטער אַ לאַך טהון דורך די צוזאַמענגע־דריקטע צײהן און אַרויסרעדען:

— חאַ — חאַ, דאָס 20־טע יאָהר־הונדערט...

אָדער זי פלעגט פערשטעלען דעם פּנים מיט איהרע דאַרע הענד און שעפּטשען ווי פאַר זיך אַלײן:

— עלעקטרע... ציוויליזאַציע... פּאָגראָמען... דאַמפּף־מאַשינען... חוליגאַנעם... שוואַרצע מאות...

— וואָס איז מיט אײך? אײך איז נישט גוט? געבען אַ גלאָז וואַסער?

— איבסען און עדיסאָן און פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס... און אַנטאָקאָלסקי און צושפּאָלטענע בײכער... חאַ־חאַ — —

— אַך, נאָט מײן גאָט... — האָט אײנער זיך אַ הויב געטהון — אפשר וועט שוין נאָר זײן גענוג?

און דערבײ האָט ער זיך אָנגעטהון אַ כּח און ניט געלונגען אַ געניץ געטהון.

— עולם!... — האָט דער בעל־הבית אויסגערופען — אפשר וויל מען גאָר טײ? טײ!

— טײ? מען דאַרף נישט קײן טײ. שפּאַצירען

— שפּאַצירען, שפּאַצירען; — האָבען עטליכע קולות אונטערגעחאַפּט.

עטליכע בענקלעך האָבען אָנגעהויבען רודערן, די שטאָהלענע געדערם פון דער כאָפּקע האָבען אַ ברום געטהון. נאָר אין דעם האָט זיך דערהערט אַ דײטליכער און אונבעקאַנטער באַריטאָן:

— „גאָספּאָדאַ“, איך וויל אײך אויך עטוואָס דערצעהלען...

אַלע זענען תיכף שטיל געוואָרען און מיט הכנעה געבליבען זיצען אויף די ערטער. דער אונטערגעשטריכענער „אויך“ מיט דעם עצם טאָן האָט אַלעמען אינטערעסירט.

דאָס האָט אַרויסגערעדט אײנער אַ יונגערמאַן, וואָס איז מיט אונז דאָס ערשטע מאָל בעקאַנט געוואָרען. מיר האָבען נור געוואוסט וועגען איהם, אַז דאָס איז אַ דורכפאָהרער, אַן עמיגראַנט. די גאַנצע צײט, וואָס מיר האָבען צווישען זיך גערעדט, איז ער געזעסען אָן אַ זײט און געשוויגען, און אַלע האָבען אָן איהם פער־

געסען. איצט איז ער געזעסען מיט'ן פראפיל צום פענסטער, א גלייכער, א מאט-בלייכער מיט א פעך-שווארץ בערדעל, מיט צו-נויפגעלעגטע הענד, מיט צוזאמענגעוואקסענע ברעמען... דער גע-שטארבענער ווינטער-טאג האט אונטער זיי אריינגעקוקט און האט שוואך באלויכטען א פאר גרויסע מאדנע אויגען מיט א מיערען, איראנישען פייערל...

— יא, — האט ער זיך נאך א רגע שווייגען אויפגעחאפט און א רייב געטהון זיך דעם שטערן.

דאס בלייכע פריילין האט א ציטער געטהון, אויפגעהויבען דעם קאפ און געבליבען קוקען א צושראקענע, א פערגליווערטע.

— איהר האט געדולד? איך וועל אביסעל מאריך זיין.

אלע האבען מיר געענטפערט דאס, וואס מען ענטפערט געוועהנליך אלע מאל אנ'אונבעקאנטען מענשען אויף אזא שאלה.

— איך פאהר איצט פון דער געבענשטער בעסאראביע נאך... ווייט, ווייט פאהר איך — האט דער יונגערמאן אנגעהויבען:

— איך פאהר דאס פון דארטען, וואו ס'זענען געשאפען געוואָ-רען אלע מאלאראסישע לידלעך, פון וועלכע מיר לעקען אזוי די פינגער, וואו עס טאנצען אין די הייסע סטעפען שלאנקע, שווארץ-ברעמענדיגע שיקסעס, בעהאנגענע מיט פארביגע סטענגעס און בוסען, און וואו לעבהאפטיגע „פארובוקעס" שפילען אויף ציטרעס און באלאלאיקעס

איך פאהר פון דארטען, וואו צוזאמען מיט סטעפ-בלומען וואקסען אויס שרעקליכע אינסטינקטען, וואו צוזאמען מיט אקאציעס בליהען אויף אמאל הײדאמאטשינע, און איצט — חוליגאנישע עקעלהאפטיגע אכזריות...

יא. און אט זיץ איך איצט צווישען מענשען און דערצעהל. און צוריק גיב איך א קלער, אז איך זיץ גאר ניט און דערצעהל ניט; אז איך ווייס ניט און פערשטעה גארניש... ס'איז אין גאנ-צען א נעבעטיגער טאג. ויארום זעהן, וואס איך האב געזעהן, און עסען אלע טאג מיטאג און טראגען געקראכמעלטע קראגע'לעך מיט גאלדענע שפאנקעלעך און לייענען בלעטער און ארומגעהן איבער די גאסען — איז איהר הערט? אנ'אונפערשטענדליכע זאך... אונפערשטענדליך פאר זיך אליין...

זיין קול איז געוועזן א זיבערער, א בויגזאמער, א טרויעריג-

ליבער... און דאָך האָט זיך אין איהם געפֿיהלט אַ מאָרנע־מאָדנע גלייכגילטיגקייט ווי בײַ אַ מענשען מיט צוגעטעמפטע נערווען.

— מײַן שטעדטעל איז אײנס פֿון די גליקליכסטע פֿאַר יודען אין בעסאַראַביען. אין די 70—80־ער יאָהרען האָט מען דאָרט יודען ערלויבט צו קויפֿען ערד, פֿערפֿלאַנצען ווײַנגערטנער. און אַזוי האָבען זיך דאָרט יודען אײַנגעלעבט, אײַנגעוואָרצעלט האַלב פּויעריש, האַלב בעלי־בת'יש, און גענומען קוקען אויף זייערע נחלות ווי :ז'; אנ'אײגענטום: מײַן בית־המדרש, מײַן שטיבעל, מײַן פֿערדעל, מײַן ווײַנגאָרטען, מײַן סטעפּ, מײַנע, חאַ־חאַ — מ ײַ נ ע...

אַזוי האָבען מיר זיך אײַנגעשמועסט, אַזוי האָבען מיר זיך אײַנגעוועהנט קלערען, און דאָס איז אונז אַרײַן אין דאָס בלוט... מיר האָבען געפֿיהלט אונטער זיך וואָרצלען. און ביטער, זעהר ביטער איז אונז דערנאָך געווען צו דערפֿיהלען, אַז מיר זענען די־זעלבע שוועמלעך ווי אַלע יודישע געמײַנדעס אין די איבריגע ערטער. אַביסעל ווילגאָטש, אַביסעל לופֿט, אַביסעל פֿוילע מאָך — אָט האָט איהר אײַך אַ שוועמעל. אַ בלאָז אַ טרוקען ווינטעל, אַ טאָטשע אַ וואָרם — און אויס שוועמעל... אויס!

שווער, זעהר שווער, אפשר שווערער פֿון אַלעמען, איז אונז דערנאָך אויסגעקומען מודה צו זײַן זיך פֿאַר זיך אַלײן, אַז מיר זיצען אין דיזעלבע לופֿט־אכסניות ווי אַלע איבריגע יודען; הײַנט דאָ און מאָרגען דאָרטען; אַז דער פּעקעל מוז אַלע זײַן גרייט... אַז מען מוז אַלע מאָל שלאָפֿען נישט קײַן אויסגעטהועגענער, אין די קלײדער, אין די קויטיגע וואַנדער־שטיוועל...

שרעקליך איז געווען דערנאָך מודה צו זײַן זיך, אַז דאָס, וואָס מיר האָבען געליעבט און געפֿילנעוועט, איז געווען נישט אונזערע. און ליעב־האָבענדיג אונזער באַשטאַן, אונזער פֿעלד, אונזער הויז, האָבען מיר געטהון דעמזעלבען גײַסטיגען פֿערברעך, ווי מיר וואָלטען געליעבט און געלעבט מיט אַ פֿרעמדענס ווײַב...

אַרום אונז און צוזאַמען מיט אונז האָבען געלעבט מאָלדאַ־וואַנעס, ברײַטבײַנערדיגע מיט גרויסע טשובוקעס אין מויל, מיט שרעקליכע אָראָבגעהאַנגענע וואָנסעס, מיט אַ גוטען סכנים־אורח־דיגען שמײכעל אין די ווינקלען פֿון די ליפּען. ווער האָט געגלאַבט, אַז אַזאַ געזונדער קאָרפּוס, מיט אַזאַ נאַטירליכען דפק,

ווי אונזער שטעדטעל מיט די אָרומיגע קאָלאָניעס, האָבען אין דער טיעף אַזעלכע שלעכטע געבליטען... אַט בין איך איצט פון אַ יונגעל אויסגעוואַקסען אַ בחור, אַ „גדול" מיט אַ באָרד... אַ נאַרי־שער שוואַרצער באָרד, און האָב קיינמאָל ניט חושד געווען, אַז אין אונזער געזונדען לעבען קאָנען אַרויסשפּרינגען אַזעלכע צרה'דיגע מכּות ווי פּאָגראָמען, שחיטות... אַז פון אַזעלכע געזונדע, האָראַ־פּאַשנע יודען קאָן אין איינציגע טעג ווערען — פערצווייפעלטע, גנייס־טיג און קערפּערליך צובראָכענע בעשעפענישען, אויף וועלכע מען קלויבט נדבות און מען האָט רחמנות... אַז עס קאָן אַרויסשווימען אַזאַ ווילדע שרעקעניש ווי... ווי די אַלטע יוכבד, וועגען וואָסערער איך וועל אייך דערציילען... און איך האָב אַזוי געגלויבט אין'ס דאָזיגען לעבען און געהאָפט פון איהם. און געוועבט דאָרטען מיין צוקונפט פון קינדרווייז אָן, פון קינדרווייז אָן...

כ'דערמאָהן מיך אַ־נאַסיען־נאַכט פון קינדער־יאָהרען. דורך אַ נאַס וועלדעל בין איך דאַן מיט'ן טאַטען געפאָהרען. כ'געדיינק ניט נאָך וואָס. שוואַרץ און וויסט, מען זעהט קיין לעבעדיגען הונד ניט. פּלוצלונג גלייך אונז אין פּנים אַריין: „סטאָפּ!". נאָכ'ן טאַטענס ציטער־טהון האָב איך געמיינט, אַז דאָס זענען אונז גזלנים בעפאַלען... לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ בגילופין'דיגער מאָלדאַוואַן. ביי זיין טאַטער איז נעכטען חתונה געווען. אַ גדולה!. האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויפ'ן מיט'ן שאָסיי מיט אַנ'עמער ווייַן און מיט אַ טאָפּ געזייערטע באַקלאַזשאַנעס, און איז מכבד אַלעמען, וועמען ער טרעפט אָן...

און נאָך אַ סך, אַ סך אַ לכע זאַכען... און אַז איך דער־מאָהן מיך אָן זיי, ווייס איך ניט, צי שמייכלען, צי קריצען מיט די ציינער...

אונזער געזינדעל מיט נאָך עטליכע יודישע משפחות האָבען נישט געוואוינט ניפא און דעם שטעדטעל, וועגען וואָסערען איך דערצעהל אייך; צווישען אונזערע נחלאות און דאָס שטעדטעל האָט געפלייצט ווי היל־בלויעס, לעבעדיגעס גלאָז — דער דנעסטער. און אַזוי ווי אונזער הויפעל איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, האָט זיך דאָס גאַנצע שטעדטעל פון אונזערע פענסטער געזעהען, ווי ביי זיך אויפ'ן האַנד...

אַ סך, אַ סך הייזלעך האָבען זיך געזעהען פון יענער זייט

טײַך. װײַסינקע, רײנינקע, שטענדיג אױסנעקאַלבטע, מיט שװאַרצע פּאַסען בײַ די װינקלען נאָכ׳ן קלײן-רוסישען געשמאַק. װמער האָבען זיך די דאָזיגע הײַזלעך געטרונקען און אַקאַציעס און אין גרינס פֿון די אַרומיגע װײַנגערטנער. און קוקענדיג פֿון בערגעל איבער׳ן דנעסטער, האָט זיך אָפּטמאָל געדאַכט, אַז אַ סך, אַ סך זיבעצעהניאָהריגע מײדלעך, אָנגעטהון אין װײַסען, בעהאַנגען מיט שװאַרצע סטענגעס, זענען פֿערלאָפֿען אין סאַמע געדיכטען גרינס אַרײַן, און גענומען זיך פֿאַר די הענד צו נעהן אַ קאַראַהאָד...

און װינטער איז די גאַנצע לאַנדשאַפֿט געװען װײַס. די הײַזלעך װײַס. די בױמער װײַס. די רונדע װײַנגערטנערבערג— װײַס... שאַ, שטיל... נאָר דער גלײַכער געקרײַזעלטער רױך פֿון די קױמענס פֿלעגט אָנזאָגען, אַז מיטאָג-צײַט, װען פֿערשװיצטע יודען מיט ברײטע פּלײצעס קומען אַהײם פֿון די שפּײַכלערס און קעלערס, װעלען זײ געפֿינען דעם טיש געגרײט, און רױט באַקענדיגע טעכטער װעלען דערלאַנגען עסען. און געזעצטע חררי-יונגלעך מיט שװאַרצע אױגען װעלען שטיפֿען און ליאַרעמען אַרום זײ...

אָפּטמאָל פֿלעג איך זעהן, װי די דאָזיגע יודען קומען צו מײַן טאַטען מאַכען געשעפֿט.. און דערנאָך. װי מען טרינקט „מאַהאַריטש״, און װי אַ חוואַט אַ יוד דערלאַנגט מײַן טאַטען אַ פּאַטש אין פּלײצע אַרײַן פֿון גוט-ברודערשאַפֿט, און װי מײַן טאַטע— אױך ניט קײן שװאַך קערעל—גיט זיך אַ בײג אין דרײען... געזונ-דע יונגען, זאָג איך אײַך, זענען דאָס געװעזען מיט געזונדע נשמות, מיט געזונדע זיהן, מיט טעכטער מיט פֿערברענטע פּנים׳ער און פֿעסטע ברוסטען. איך רעכען, אַז קײנער פֿון אײַך האָט נישט געזעהן, װי יודישע טעכטער אַרבײַטען אױפֿ׳ן פֿעלד... אונטער דער הײסער בעסאַראַבער זון האָט מען דאָס װאָו ניט װאו געקאָנט זעהן...

און דערנאָך אַז איך בין געפֿאָהרען קײן אַדעס לערנען זיך און איך בין אַרױף אױף „מאָלדאַװאַנקע״ און דערזעהן אונזערע יודע-לעך דאַרטען מיט די דינע פֿיסלעך, מיט די גרױסע מאָהנענדיגע אױגען, האָב איך זיך גענומען פֿיהלען אַזױ יתום׳דיג, אַזױ אומ-גליקליך... איך האָב כמעט װי מורא געהאַט בעגעגענען זיך מיט די דאָזיגע מענשען. עפּיס פֿלעג איך מיך שעמען... עפּיס בין איך זײ געװען שולדיג...

קוים, קוים פלעג איך מיך דערוואַרטען קאַניקול און גלײַך—
אַ היים. מיך האָט געצויגען אונזער הויפעל מיט'ן באַשטאַן מיט ד'
שלאַנקע קוקורוזע־ואַנגען... אונזערע אָקסען מיט אונזער פערדעל—
מײַן פערדעל, — וואָס דער טאַטע האָט איהם אַ נאָמען געגעבען
„פעטער זלמן". אַז איך פלעג קומען צופאָהרען, פלעגט ער מיר
אָבגעבען שלום־עליכם מיט אַ פרעהליכען הירזשען. אונזער שכן
יאַקים, אַ מאָלדאַוואַן מיט מורא'דיגע, גוטע און גרויליכע וואָנ־
סעם — ווען איך בין נאָך אַ יונגעל געווען — פלעגט ער מיר מאַכען
פײַפעלעך און ברײַנגען מיר די ערשטע צײַטיגע הײַנגלעך ווײַנטרויג
בען און קיצלען מיך מיט'ן בײַנדעל פון גראָבען פינגער — אַזאַ
סאָרט בײַנדעל האָט ער געהאַט... אונגערן האָט ער זיך אײַנמאָל
מיט'ן האַק אַ שטיקעל פינגער אָבגעהאַקט, און אַזוי איז דאָס גען
בליבען — אַ פינגער אָהן אַ נאָגעל מיט אַנ'אַרויסגעשטאַרטשעטען
בײַנדעל... אַז איך בין נאָך געווען אַ בר־מצוה־שנעק, האָט מיר
שוין יאַקים גענומען אונטער־ווינקען מיט אײַן אײַגעל פון אונטער
זײַן שווערער „פאַפאַכע"... ווען איך פלעג אַרויף אויפ'ן פאַראָם
אַריבערצופאָהרען אין שטעדטעל, פלעגט יאַקים אַרויסנעהמען זײַן
געטרײַע פיפקע פון מויל:

— אַ שצאָ? דיוּוקאַ? חע—חע...

און דאָס פנים האָט איהם בשעת־מעשה געלויכטען ווי בײַ
אַ מענשען, וואָס ווינשט דעם אַנדערען גליק און „הצלחה" מיט'ן
פולען האַרצען...

אַזאַ איז געווען יאַקים.

און,קומענדיג קאַניקול־צײַט אַ היים, פלעג איך אַזוי גערן אַראָב־
וואַרפען דאָס גימנאַזיע־מונדירעל און אַרײַנקריכען אין אַ פאָר פאַרוסיגע
הויזען, אין אַ פאָר שטויביגע שטיוועל מיט לאַנגע חאָליאַוועס, און פלעג
מיך אַוועק־ לאָזען אַ זומער־לעב איבער די פעלדער און ווײַנגערטנער...
שנײַדען, אַבטונג געבען... גריסען זיך מיט די פאַרובוקעס פון אונזע־
רע און פרעמדע פעלדער... עסען מיט זײ צוזאַמען זײַער פריהש־
טיק: קאַוועגע מיט ברויט, שרײַבען קוויטלעך... אַרומפליהען אויפ'ן
„פעטער זלמן" פון שײַער צו שײַער... מײַנע חברים אין גימנאַזיום
האָבען פון דעם אַלעם געוואוסט און האָבען מיר אַ צונעמעניש געגע־
בען: „טאָלסטאָיס פלימעניק"... דער דאָזיגער נאָמען פלעגט געזאָגט
ווערען מיט זעהר אַ טיפער איראָניע; דאָס רוב, ווען איך פלעג

מיך אָבזאָגען פון זייערע „סחאָדקעס", ווען איך פלעג ניט איינשטימען מיט זייערע מיינונגען, ניט אונטערהאלטען זייערע לאנגע, נעלע ויכוחים...

און אָט דאָ מיט א האלב יאָהר צוריק, האָב איך איננאנצען פערענדיגט מיט מיין אייביגען שטודירען. מיר איז נמאס געוואָרען לעבען צוליעב דעם לערנען. מיר האָבען דערעסען די פראַצענטען מיט די פירבערדיגע עקזאמענעס. ניט געשלאָפען, ניט געגעסען... די קלאָץ-שאלות פון פעטע, געלאסענע פראָפעסאָרען מיט דעם גאנצען שטאָדט-לעבען בכלל. ביז צום ברעכען האָבען דערעסען די חברה סטודענטען מיט אלע איבריגע קאָלעגען מיט זייערע הונדערטער בראָשורען מיט די לאנגע שמאלגיגע נעמען, וואָס האָבען אלע איין טעם, איין ריח, מיט זייערע תרי"ג מצוות פאַר טובת הכלל, מיט זייער רחמנות-קוק אויף דעם, ווער עס טהוט ניט וואָס זיי טהוען, זייערע אונטערגעשאָרענע בלייכע מיידלעך, וואָס ארבייטען „אין עסק", און רויכערן פאפיראָסען, זייער צוטהיילען די גאנצע וועלט נאָר אויף צוויי מינים מענשען, זייער שטאָלצירען מיט דער צוקונפט פון „אונזער פאטערלאנד רוסלאנד"... אייגענטליך, האָט דאָך מיר דאָס לעצטע געדארפט זיין זעהר נאָהענט, און פאַר וואָס האָט דאָס מיר אזוי געריסען די אויערן, ווען דאָס פלעגט ארויס פון זייער מויל?

קורץ, איך בין געוואָרען זעהר נערוועז און האָב אָנגעהויבען זעהן די היים ווי א וויספע פון נאטירליכען לעבען און ארבייט אין א ים פון שימעל און פראזען... מיר האָט זיך געדאכט, אז ווי נאָר איך וועל קומען אהיים און כ'וועל ארייַנקריכען אין די לאנגע שטיוועל און אוועקלאָזען זיך אין פעלד, אין באשטאן... אז ווי נאָר כ'וועל נעהמען צוהעלפען דעם טאטען, וואָס איז שוין אלטליך און גרוי געוואָרען, און כ'וועל דורכרייטען א פאָר מאָל אויף דעם „פעטער-זלמן", וועט אלץ אריבערגעהן. איך וועל מיך בערוהיגען, געזונד ווערען. און כ'וועל אָנהייבען פיהרען דאָס נאטירליך לעבען, צו וועלכען איך בין געוועהנט געוועזען פון קינדער יאָהרען אָן...

— א — אָ — אָה... — האָט איינער פון אונז אין מיטען דעריגען שמאקהאפטיג א גענייץ געטהון, בילד אבער פערחאפט זיך און דערשטיקט דעם סוף געניין אין האנד...

דער ערצעהלער איז באלד אנטשוויגען געוואָרען, ווי מיט

אַ מעסער אָפּגעהאַקט, אַ ווײַלע איז געשטאַנען אַנ'אונרוהיגע, ניט אָנ'געגעהמע שטילקייט, באַלד אָבער האָט זיך ווײַטער דערהערט יעגעמס קול אין דער פֿינסטער:

— יאָ, איך בין אַביסעל פֿערקראָכען דאָרטען אַפֿילו... נאָר באַלד וועט ווערען זעהר אינטערעסאַנט, זעהר אינטערעסאַנט — אַ סענסאַציע...

מיר האָבען אַלע אינסטינקטיוו דערפֿיהלט, אַז יענער שמייכעלט אין דער פֿינסטער, און אַ פֿרעסטעל איז דורכגעלאָפֿען.. דער, וואָס האָט געגעניצט, האָט זיך גענומען פֿערענטפֿערן:

— ניין, ניין, אדרבא, פֿערקעהרט...

דאָס בלייבע פֿרייַלין, וואָס איז מיט אונז געזעסען, האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטען:

— ווער האָט שוועבעלעך?

און אַז דער לאָמפּ האָט זיך אָנגעצונדען אונטער'ן גרינעם אַבאַזשור, האָבען אַלע פֿערוואונדערט דערזעהן, אַז יענער זיצט אַ קאַלטער, אַ בלייכער מיט צונויפֿגעצויגענע ברעמען און צוזאַמענגעלעגטע הענד, ווי פֿריהער.

---

## .II

„...אַ היים בין איך אוועקגעפֿאָהרען, לאַנגע שטיוועל האָב איך אַרויפֿגעצויגען, אָבער אויסצורוהען איז ניט אויסגעקומען.

אָט איז צוגעקראָכען דער פֿערגאַנגענער צרה'דיגער הערבסט מיט זײַנע שטרייקען, מיט די „מאַסען אין די גאַסען", מיט די רויטע בענדלעך אויף די לאַצען, מיט דעם איראָניש־צופֿרידענעם שמייכעל אויף די ליפּען פֿון יונגע לייטלעך: „אַהאַ, ווער האָט אויסגעפֿיהרט?". און אָט האָבען אומגעריכט אָנגעהויבען צו קומען שוואַרצע בשורות פֿון דאַנען און פֿון דאָרטען... עס האָבען גענומען געהן קלאַנגען, אַז אין די אַרומיגע דערפֿלעך, דאָ און דאָרטען, האָבען שוין פּויערים אָנגעקלאַפּט עטליכע יודען די בייער פּאָר קליינינקייטען, אָדער סתם אַזוי — פֿון „פּראָבע" וועגען.

די אויגען פֿון די שכנים־מאָלדאַוואַנעם זענען עפּיס געוואָרען מוטנע. אַז מען האָט זיך געגריסט מיט אַלטע בעקאַנטע פּאָרוב־

קעס, האָבען זיי עפּיס געענטפֿערט זעהר שטיל, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, האַלב פֿערשעמט, האַלב ברויגז'דיג. און דאָרטען איז שוין געוועזען... און דאָרטען וועט זיין... און דאָ קלויבט מען זיך... און אָט געהט דאָס, און אָט שטעהט דאָס... און אָט שרייבט מען... און אָט קומט דאָס אָן...

די הייזלעך האָבען עפּיס גענומען שרעקען ביי נאַכט מיט זייער ווייסקייט. די הוילע גערטנער האָבען אימה'דיג געשושקעט, פּונקט ווי זיי וואָלטען ביי טאָג בלוטיגע טעלעגראַמעס געלייענט. אַז מען האָט דורכגעפֿיהרט אַ פּאַס וויין, אַ וואָגען מיט פּירות, פֿלעגט דאָס עפּיס זיין אַזוי, ווי אַ לויה וואָלט דורכגעגאַנגען. די שייערס האָבען גענומען קוקען מיט אַ רחמנות. ביי די יודען האָבען זיך אין אַ פּאָר טעג די פּנים'ער אויסגעצויגען, און ביים ריידען מיט אַ „גוי", האָבען ביי זיי די אויגען געפֿלאַקערט מיט טיפֿען חשד און שנאה. פֿרעהליכע רויטבאַקענדיגע קינדער האָבען זיך מיט קיילעכדיגע אויגען גענומען צוהערען, וואָס „די גרויסע" ריידען. יודישע בהמות האָבען טרויעריג מעלה'גרה געוועזען. און איין מאָל אין אָוועגד איז אונזער שכן יאַקים אַריינגעפֿאַלען אַ האַלב־שיכור'ער צו אונז אין שטוב אַריין, אָנגעקוקט דעם טאַטען אַזוי, ווי ער וואָלט איהם געזעהען צום ערשטען מאָל, אַרויסגענומען דעם טשובוק פֿון מויל און אויסגעשריען מיט אַ מאַחאָרקע־רויך:

— אַ, קאַושי מיני, אַבראַמקי, חיבאַ צע פּראַודאַ?! 1)

און אַז דער טאַטע און די מאַמע האָבען איהם מיט הערצקלאַפּעניש גענומען פֿונאַנדערפֿרעגען, וואָס ער ווייס, האָט ער דערצעהלט:

— אַ אָס פּרישאָו קומע וואַסילי; האָוואָריאָו, האָוואָריאָו, ברעשיעש, קאַזשו, אַ ווין קאַזשע, ני קאַזשע, נע ברעשו... 2)

נו. דערצעהלט האָט ער, פֿערשטעהט זיך, דאָס וואָס אַלעמען איז גוט בעקאַנט פֿון די בעוואוסטע בלעטלעך מיט דער וואָלוועלער, געקויפֿטער שנאה, מיט די גוזמאות'דיגע, גראָבע בלבולים..

---

1) זאָג נאָר מיר אַברהם'על, איז דאָס טאַקי אמת?

2) אָט איז געקומען דער קרוב וואַסילי, האָט ער גערעדט און גערעדט; דו לייגנסט זאָג איך און ער זאָגט, ניין, זאָגט ער, איך לייג נישט.

און דערצעהלענדיג האט יאקים מיך, זיין געוועזענעם „מאזונטשיק", אנגעקוקט מיט גרוים חשד.

ס'איז געווען ווילד און אונפערשטענדליך אוועקצוווארפען קלערען מכח ליפערן אין דער צייט תבואה, מאהלען קוקורוזע, מכח בהמות, דעם „פעטער זלמן" און אנהויבען מיט א מאל טראכטען איין עפוש'דיגען, אונענדליכען געדאנק, אז א העסליכער שיכור'ער מיט שמוציגע פערוואקסענע הענד קאן קומען אריינ- שלאגען טשוועקעס אין שארבען. יא.

אין די צרה'דיגע טעג פלעג איך כמעט אלע נאכמיטאג אריבערפאהרען מיט'ן פאראם אויף יענער זייט דנעסטער — הערען, זעהן, און אגב פלעג איך דארטען פערגעהן גע־יאהר ווערען מיינע קרובים, וואס האבען געוואוינט אין עק שטעדטעל און האבען זיך זעהר געשראקען.

געוואוינט האבען דארטען: מיינע א קוזינע — ז י נ ע האט זי געהייסען, א יונג ווייבעל מיט פרישע בעקלעך. וואס האט זיך אזוי לאנג מכין געווען אבצוגעבען עקזאמענס, ביז וואנען זי האט חתונה געהאט, — איהר מאן — א ב ר א ש ע, און איהר שוויגער.

אבראשע — א וויין־קאמיסיאנער, א נעגרויזעלטער ברוינעט מיט א היבש בערדעל, א צוטראגענער, א ווייכער, איז שטענדיג געווען פערנומען אין געשעפט. בפרט, אסיען־צייט, בעת דעם רעכטען קאך פון וויין־בעשטעלונגען, האט ער זיך גאנצענע טעג און אווענדען אין דער היים נישט געפונען. אפילו אין יענע אומרוהיגע טעג האט ער זיך ניט געקאנט אבצייסען צו קומען א גלעט טהון זיין צושראקענעם, יונג ווייבעל.

מיט זינען, פלעגען נאר בלייבען אין שטוב איהר האלב־ יאהריגעם קינד און אבראשע'ס מוטער — י ו כ ב ד, אנ'אלמנה פון א יאהר פינף און פופציג, מיט פערטראכטע טיפע אויגען, מיט טונקעלע, געדיכטע האר — גאר ניט נאך איהרע יאהרען נאך.

אין די דאזיגע גראהע בין־השמשות'ן, וואס זענען געווען אנגעזאפט מיט שרעק, פלעגט זינע גאנצענע שעות נאכאנאנד אומגעהן איבער'ן שטוב, פון וואנד צו וואנד, אנ'עלענדע. א בלייכע, מיט איהר האלב־יאהריגען נפש'ל אויף די הענד, פלעגט ציטערן פון איטליכען שארך און ווענדען זיך אלע וויילע מיט א קוש צו איהר קינד:

— עופ'עלע מיינס, עופ'עלע מיינס...

אָדער זי פלעגט מיט טעמפּע עקשנות נעהמען קוקען אויף דעם קאלטבלוטיגען ציפערבלאט פון זייגער און ציהען מיט א בייינקענדיגען קול: — ווען וועט ער שוין קומען, רבש"ע ? ווען וועט ער שוין קומען ?

איך פלעג צו זיי קומען, ווען ס'איז נאך געווען גאנץ ליכטיגליך, און דאך פלעג איך שוין געפינען זייער טהיר פערשפּארט און פערקלאפּט, ווי א פעסטונג, מיט א שלאָס און מיט א רינגעל, און מיט א קייטעל, און מיט א גרויסער הילצערנער זאַוואַלע.

אז איך פלעג אנקלאפּען, פלעג איך פריהער דערהערען פון אינוועניג א דערשטיקטעס „אי" און דערנאך א לאנגען „ששש", און ס'פלעגט ווערען שטיל, און דערנאך ניט זיכערע טריט און זיגעם קול: „ווער איז דאס ?"

איך פלעג מיך אנרופען.

— אך, דאס ביסטו! — און באלד הויבט אן קרעכצען דער שלאָס, און גרילצען דאס קייטעל, און קריצען דער רינגעל, און קלאפּען די זאַוואַלע, און ווי נאר איך האב אריבערגעחאפּט מיין צוויטען פוס איבער'ן שוועל, ווייטער א שליסערייי מיט א קייטעלעריי: זרר, דרר, דראס...

מיינע אנגעצויגענע נערווען פלעגען עס נישט אויסהאלטען און איידער זאגען „גוט'ן אווענד". פלעג איך כמעט וויינענדיג בעטען זיך:

— גענוג וועט דיר זיין, זינע!

און זינע פלעגט ענדיגען איהרינגעס און באלד צוחאפּען זיך צו מיר:

— נו, וואס הערט זיך, ביי אונז? ס'הערט זיך גארנישט?

איהר קול איז געווען בלייך און איהרע קארע אויגען האבען אויף מיך געקוקט מיט אזוי פיעל געבעט, פונקט ווי אן מיין ענטפער איז אלץ געווענדט.

מיט'ן זעלבען קוק פלעגט יוכבד צוגעהן פון אנדער צימער, — און מיט איין פינגער ביים מויל:

— וואס? פראן נייע טעלעגראמעס? ס'וועט שוין ווען ניט איז גע[illegible]ען אנ'עק צו די צרות?

— גארנישט — פלעג איך בערוהיגען די ווייבער — ס'ווערט דאכט זיך שטילער, אומעטום, דאכט זיך.

ביי יוכבד'ן אויף די ליפען בעוויזט זיך א שטאלצער, איראנישער שמייכעל:

— איהר טרייסט אונז?

— באמת — פרוב איך לייגען.

— און וואס איז דאס? — שלעפט זי מיר ארויס א פרישען בלאט פון אונטער'ן טישטוך און ווייזט מיר אן א גאנצען רייסטער פון נייע פאגראמען, — איהר לייקענט מיר?

— ניין, פערקעהרט, — הויב איך מיך אן טומלען, — ניט אזוי, איך האב געמיינט —

— אך, לאזט צו רוה. — גיט זי א מאך שטאלץ מיט'ן האנד, רוקט זיך אב אן א זייט און בלייבט זיצען א שטומע, א שטריינגע, א ברוגז'דיגע.

— און ער איז נאך אלץ ניטא, — ווענדט זיך זינע מיט שרעק און בענקעניש צום זייגער, — רבונו של עולם!

און באלד האפט זי זיך קושען דאס קינד:

פ'לע מיינס, עופ'עלע מיינס.

און יוכבד זיצט און קוקט אין איין פינטעל אריין, מיט'ן פינגער פעסט ביי די ליפען, ווי זי וואלט פערשווארען זיך אליין: „רייד נישט, רייד נישט".

בכלל, איז די אלטע יוכבד עפעס שטענדיג געוועזען א מאדנע— מיט איהרע טונקעלע האר, מיט איהרע צוזאמענגעדריקטע ליפען און שווייגען, בשעת איהר פלעגט עפעס וועה טהון, מיט איהר שטרייגגען און שטילען צוהערען זיך און צוקוקען זיך, מיט איהר האלב-פינסטערען אלקערעל, וואו זי האט געשלאפען, און פון וואנען זי פלעגט ארויסטראגען אפטע נדבות. ווען זי פלעגט בליי-בען זיצען אזוי אן א זייט האלב ברוגז'דיג, האלב פערטראכט, האט זיך מיר געדוכט, אז די דאזיגע יודינע בעהאלט אין זיך א פער-בארגענע אלטע קראפט, און שוויגט, און שוויגט.

אויף מארגען קום איך ווידער צו זיי אריין, און יוכבד בע-ליידיגט זיך ווייטער דערפאר, וואס איך טרייסט זי, און נעהמט מיר לייענען א רייסטער פון נייע אומגליקען, און זינע הערט זיך צו, ברעכט די הענד און קושט דאס קינד, און קוקט אויפ'ן

ווײנער, פלוצלונג האָט זי ציטערדיג און מיט׳ן גאַנצען האַרצען אַ זאָג געטהאָן:

— גאָט מײַן גאָט, זאָל חאָטש „ד א״ ניט זײַן.

יוכבד האָט זיך אומגעריכט אַ הויב געטהון, ווי זי וואָלט דערפיהלט אונטער זיך אַ שלאַנג, און אַ געשרײַ געטהון אויף אַזעלכען קול, אַז די לעצטע איז אַ פערצאַפּעלטע געוואָרען:

— פערד!

און גלײַך האָט זי זיך געלאָזט געהן צו זיך אין אלקערעל אַרײַן.

אויפ׳ן שוועל פון אלקערעל האָט זי זיך ווײַטער אומגעקעהרט צו זיינע׳ן אַזאַ בײַזע, אַ שטאָלצע:

— דו ביזט אַ פערד, הערסט?!

און באַלד האָט זיך געלאָזט הערען אַ געוויש פון פערשפּאַרען אַ טהיר.

זיינע איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַ צומישטע מיט אַ רחמנותדיג צוקרימטען פנים, דערנאָך האָט זי זיך אַראָבגעלאָזען אויף אַ שטוהל און האָט זיך היסטעריש צוווײַנט.

און יענער נאַכט, אַז איך האָב זיך צוריקגעקעהרט אַהײַם, איז מיר געווען אַזוי שווער, אַזוי שווער, דער שרעק איז געהאַנגען אין דער פײַכטער אַנגעלאָדענער לופט, דער שרעק האָט געטריפט פון די דעכער, דער שרעק האָט בלײַך געקוקט פון די געקאַלכטע הײַזלעך. און דער דנעסטער האָט גערוישט אַזוי פרעמד, אַזוי פרעמד, אַזוי גוייש. און דאַן האָט מיר צום ערשטען מאָל אַ בליץ געטהון אַ געדאַנק: ווי גוט עס איז אַוועקצוּוואַרפען די „נחלה׳ מיט׳ן סטעפּ, מיט׳ן באַשטאַן, מיט די בהמות, אונטערהאַקען אַלע וואָרצלען, אויפהויבען זיך ווי אַ פעדערעל מיט אײַן קלײַן פעקעלע אין האַנד און אַנטלויפען קײַן אַמעריקא, קײַן אַפריקא, אין הרי-חשך, אײַדער זעהן, אײַדער עס זאָל אויסקומען זעהן אַזעלכע אומזיסטע, ביטערע סצענעס אין אַזאַ רײַנעם און שטילען געזינדעל.

אַזוי האָבען זיך געצויגען נאָך עטליכע פינסטערע, אומרוהיגע טעג, פאַר וועלכע יונגע זענען אַלט געוואָרען און פון

אלטע זענען געוואָרען קינדער. איך רעדען, אז איטליכען פון איינך איז מעהר אָדער ווייניגער בעקאַנט דעם טעם שלאָפען ביי נאַכט ניט קיין אויסגעטהאָנענער, מיט אַנ׳אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער אין קעשענע, מיט בייזע חלומות, מיט אָנגעצויגענע נערווען, מיט אַ ביטער-זויערען טעם אין האלז, ווען ס׳איז גענוג איין געוועהנליכער שאָרך, אַז מען זאָל זיך אַ חאַפּ טהון און לויפען גלייך בעגעגענען דאָס, וואָס מען ערוואַרט...

נאָך אזא אומרוהיגער נאַכט האָב איך איינמאָל בעגינען דערפיהלט אויף מיר דעם טאַטענס האַנד. איך בין גלייך אויפגעשפרונגען, און גלייך— צום פענסטער געחאַפּט אַ קוק אריבער׳ן טייך אין שטעדטעל אריין.

ביי אונז אַלעמען אין האַרצען האָט עפּעס געדרימעלט אַ פיבעריש געפיהל. מיר זענען כמעט געווען איבערצייגט, אַז דאָס אומגליק דאַרף זיך אָנהויבען פון שטעדטעל, און אַז עס וועט ענדיגען זיינע מעשים ד אָ ר ט ע ן און וועט פון אַלץ מאַכען אַש און ביינער, וועט עס אריבערשווימען דעם דנעסטער און וועט אונז אויך בעפאַלען און וועט פון אונז אויך מאַכען אַש מיט ביינער, און צווישען ביידע שוואַרצע קופּעס אַש וועט זיך פלייצען דער דנעסטער אַ רוהיגער, אַ בלאָהער, אזוי ווי ער האָט שטענדיג געפלייצט...

און איצט, חאַפּענדיג דעם ערשטען קוק דורכ׳ן פענסטער, האָב איך ווי דורכ׳ן נעבעל דערזעהן, אַז אין שטעדטעל שפּאַצירט שוין דאָס אומגליק פראַנק און פריי, שטעקט שפּאָטיש נעלע, פייערדיגע צינגער, קרויזעלט הרחבה׳דיג אַ שוואַרצען געדיכטען רויך, ווינקט אין אונזערע פענסטער און לאַכט פון אונז, און חמורעט זיך.

איך האָב נישט דערקענט דאָס בילד פון שטעדטעל. די ווייסע הייזלעך האָבען זיך געבאָדען אין העלישען פייער. די ארוימיגע רונדע ווייגעטענער און סעדער זענען געווען פאַר פלייצט מיט ברייטע חוואַליעס פון רויך. נאָר פון דאַנען און דאָרטען האָבען נאָך ארויסגעקוקט אַ פּאָר הייזלעך, בלייכינקע דערשראָקענע, און האָבען געוואַרט, געוואַרט.

איך האָב מיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז נישט מעהר ווי אַ פאַרטזעצונג פון די ביי-

זיך חלומות, וואָס האָבען זיך שוין מיר עטליכע נעכט געחלום'ט.

דער מאַמעס קול האָט מיך אויפגעוועקט.

אין שטוב ביי אונז איז געשטאַנען א מיש-מאַש מיט א שרעק. די מאַמע מיט א גרויסען קישען אין די אָרעמס האָט זיך געפּלאָנטערט צווישען די שטוהלען און אַרום טיש און געשריען צו אונז מיט א פערצווייפעלטען, הייזעריגען קול, אַז מען זאָל נאָך איהר לויפען...

ברכה, מיין יונגערע שוועסטער, האָט א האַלב נאַקעטע מיט צושויבערטע צעפּ אַרויסגעחאַפּט פון שאַפע איהר יום-טוב-דיגעס, קאַראַקולענעס זשאַקעטעל, איז אַריינגעקראָכען מיט דער לינקער האַנד אין רעכטען אַרבעל, און מיט דער אַנדערער האַנד האָט זי געפאָכעט, און האָט אויך געשריען. דער טאַטע האָט געשוויגען, גאָר ער איז געווען אַזוי בלייך. אַזוי בלייך. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער ווייסער צייל האָר פון זיין באָרד איז א פאָרטזעצונג פון זיין פנים. מיט טרייסעלדיגע הענד האָט ער טיעפער אַנגערוקט זיין היטעל, פערשפּילעט נאָך א קנעפּעל פון פּידזשאַק און גענומען די האַק אין האַנד. נאָר ס'איז גענוג געווען איין קוק צו טהון אויף איהם, כדי צו פערשטעהן, אַז ער גלויבט אַליין ניט, אַז מיט דער האַק וועט ער האַקען מענשעשע קערפּערס...

— גזלנים, וואָס שטעהט איהר? האָט די מאַמע געשריען, — גזל-נים!

צום סוף זענען מיר אַלע אַרויסגעלאָפען.

ניט ווייט פון ברעג זענען געשטאַנען אונזערע עטליכע יודישע שכנים, מיט לאַנגע בערד, אַזוינע עלענדע, בלייכע, רחמנות'דיגע. שרעקליך איז צו זעהן, ווי געזונדע, דערוואַקסענע מענשען פּיהלען זיך קליין, אָבהענדיג ווי וויעג-קינדער. ווייבער האָבען געבראָכען די הענד און געשריען. און געשלעפּט די מאַנען פאַר די אַרבעל. געלאַסען צווישען אַלעמען איז געווען נאָר איין יאַקים. ער איז געשטאַנען אויפ'ן כמעט הויכען ברעג, שוין א ביסעל אויסגעטרונקען אויפ'ן ניכטערען מאַגען, און געמורמעלט האַלב צו אונז. האַלב צו זיך אַליין, צוגעשאָקעלט מיט זיין הויכער ברוי-נער פּאַפּאַחע.

— א אָס שצאָ קאַזאַל קומע וואַסילי. האָוואָריאו, האָוואַ-

ריִאו, בּרעשעש, קאַזשו, ני, קאוּשע, נע בּרעשו, קאוּשע, נע בּרעשו.

און דער דנעסטער האָט פון יענער זײַט געטראָגען ווילדע אויסגעמישטע קולות. עפּעס האָט דאָרטען געקנאַקט, עפּעס האָט דאָרטען געבּרומט און געלעקט, און געפרעסען מיט פײַערדיגע צינגער. עפּעס א גרויסעס, א מוראָ'דיגעס האָט געטראָטען מיט שווערע לאַפּעס:

— בּראָך—ך, בּראָך, בּר—ראָך—בּראָך.

אין מיטען דעם ליאַרעם האָט זיך ווײַט, ווײַט אַרײַנגעשפּאָלטען א דינער, עקבּערנדיגער פּאַלצעט: — אַי — א — געוואַ—א— און אָבּגעהאַקט זיך.

און עד היום פערשטעה איך ניט, פאַר וואָס גראָד אין יענער מינוט האָט זיך בּײַ מיר געפּלאָנטערט אין אויפגערעגטען מוח: — עופּ'עלע מײַנ'ס, עופּ'עלע מײַנס, און ער איז נאָך אַלץ ניטאָ, ניטאָ.

פּלוצלונג האָבּען אויסגעשריען עטליכע שטימען מיט אַמאָל:

— זעהט! וואָס איז דאָס? דאָרטען —

— „זײַ" לויפען שוין. אַי! זעהט.

— וואָס שטעהט איהר, גזל—נים!

אויף יענער זײַט, פוּנ'ם רויך און פײַער, איז אַרויסגעלאָפען א שוואַרצעס קופּקעלע מענשען און גלײַך צום וואַסער צו, צום פּאַראָם. זײַ האָבּען עפּעס געשריען, געמאַכט מיט די הענד.

— מיט הענד, מיט הענד, — איז דורכגעלאָפען א קול צווישען אונזערע.

עטליכע האָבּען געכאַפּט לויפען, אַנדערע זענען צוגעפאַלען צו יאַקימען, ער זאָל זײַ ראַטעווען, געשטופּט איהם דרײַרובּעלדיגע אין האַנד.

— בּהמות! — האָט זיך אין מיטען דעריבּען דערהערט מײַן טאַטענס קול, — ציגען, שלימזל'ניקעס! — האָט ער זיך גענומען זידלען, — וואָסער שוואַרץ-יאָהר! דאָס פאָהרען יודען, יו—דען! טפו!

— וואָ—אָס?

און אַלע האָבּען זיך אײַנציגוויײַז און ניט אײבּער גענומען אוסקערען און לויפען אַראָבּ צום בּרעג.

דאָס שוואַרצע קעפּקעלע מענשען איז שוין געשוואומען אויפ'ן טאַרען. אַלע האָבען דאַרטען פון אַלע כּחות געשלעפּט דעם קאַ-נאַט, געשלעפּט, געשטופּט זיך און געשריען. די שׂרפה פון שטעטעל האָט זיך חמורע, קאָפּ-אַראָב, אָבגעשפּיגעלט אין דנעסטער, און צווישען ביידע שׂרפות איז געשוואומען דער טאַראָם, ווי אַ שטיקעל גאַנץ-געבליבענער בנין מיט לעבעדיגע נפשות.

— נאַרנישט, זאָגט לויפען — האָט זיך מיין טאַטע נישט געקאָנט בערוהיגען, — לויפען...

אין אַ לאַנגער, לאַנגער ווייַלע איז דער טאַראָם צוגעשטאַנען צום בריקעל, און פון איהם זענען ניט טויט, ניט לעבעדיג אַראָבגעשפּרונגען ביי אַ מנין טויט-דערשראָקענע יודען מיט ווייבער מיט אַ פּאָר קינדער. אַלע פערשוויצטע, בלייכע, פערמאַטעטע; איינער מיט אַ גרויסען, בלויען און בלוטיגען ביי אויפ'ן שטערן. צווישען זיי אויך אַבראַשע, זינע מיט'ן קינד אויף די הענד און יוכבד. ביידע אָהן טיכלעך מיט צושויבערטע האָר. אַבראַשע'ן האָב איך קוים דערקענט. ער איז געווען איינגאַנצען נאַס. די קליידער נאַסע, צוגעקלעפּטע צום לייב, און פון זיין אויסגעוויקט בערדעל האָט עפּעס געטריפט ניט בלוט, ניט בוריקעס-ראָסעל.

עטליכע פון די אָנגעקומענע האָבען באַלד געחאַפּט לויפען באַרג-אַרויף און שרייען מיט אַ פערשטיקט קול אין דער וועלט אַריין:

— שטעהט ניט... שטעהט ניט... שטעהט ניט...

מיר האָבען זיי אַרומגערינגעלט און נישט געלאָזען לויפען:

— וואָס איז? וואָס איז?...

מיין טאַטע האָט געוואָלט איבערשרייען זיין אייגענעם שרעק.

— בהמות, חמורים! — האָט ער זיך געזידעלט — וואָס רעדט איהר ניט? פערד!

פון הינטען האָט זיך דערהערט אַ גראָבער, קאַלטער געלעכטער. דאָס האָבען געלאַכט די פּאַרובקעס אויף דעם אָבגעשוואומענעם טאַראָם.

איין ווייבעל פון די אָנגעקומענע, מיט גרעזערנע, אויסגעגלאָצטע אויגען, האָט זיך גענומען רייסען פון אונז און שעפּטשען מיט אָבגעחלש'טע ליפּען:

— לאָזט, לאָזט, אַט לאַכֿען זיי, איהר הערט דאָך, לאָזט, אַט לאַכֿען זיי —

— אַט מיט אזא קלאַץ, אָ! — האָט בעוויזען דער יוד מיט'ן בייל אויפ'ן שטערן.

אבֿראַשקע א נאַסער, א קלעפּיגער, האָט געקלאַפּט מיט די ציינער ווי אין קדחת:

— בעהאַלט—ט—ט אונז, מען וועט—טע באַלד—ד קומען, באַלד קומע—טען.

— איהר ווייסט ניט, איהר ווייסט ניט — האָט געחור'ט א נידעריגעם מבוּבל'דיגעם יודעל — איהר, איהר ווייסט ניט, און א יללה פון ווייבער:

— וואָס טהוט מען, וואָס טהוט מען?

— מען קוילעט ווי, ווי, שטעהט ניט, עס גיסט זיך בלוט אין די גאַסען, בלוט.

ביי דעם וואָרט בלוט זענען יודישע אויגען גרויס און קיי־לעכֿדיג געוואָרען, א מיש־מאַש, און אַלע האָבען זיך א וואָרף געטהון צו יאָקימען בעטען רחמים. פון דעם שטיק־מענשען, וואָס האָט ארומגעחאַפּט דעם פויער, האָט זיך נאָר דייטליך געהערט:

— דאָברי טשאָלאָוויק, דאָברי טשאָלאָוויק.

אומגעריכֿט פאַר זיך אַליין בין איך מיט אמאָל רויט גע־וואָרען. אָהן ווערטער האָב איך אָנגעטאַפּט דעם רעוואָלווער אין קעשענע און געלאָזען זיך לויפען צוריק צום טייך. אונטער'ן בריקעל איז געווען צוגעבונדען אונזער אַנ'אייגענעם שיפעל.

— משוגענער, וואוהין? – האָב איך נאָך זיך געהערט א ווילדען, הייזעריגען קווישטש.

דאָס האָט געשריגען מיין מאַמע. נאָר איהר קול איז עפּעס געווען וויים, וויים, ווי דורכ'ן חלום, אין קאָפּ האָט מיר נאָר געבליצט:

— עס גיסט זיך בלוט אין די גאַסען... דאָברי טשאָלאָ־וויק, דאָברי טשאָלאָוויק.

דער ווינד האָט מיר געפּייפט אין די אויערן, און דער רויך האָט געוואונקען: „קום, קום!". נאָך אין א סקונדע אַרום בין איך שוין מיט איין פוס געווען אין שיפעל. נאָר דאָ האָב איך דער־פיהלט, אז איינער האָט מיך פעסט אָנגעחאַפּט ביים אַקסעל,

שיִער־שיִער האָב איך ניִשט אויסגעשאָסען, – אזוי פלוצלונג האָט זיך דאָס געטראָפען. איך קעהר מיך אום: דער טאַטע!

זיין פּנים איז געווען גראָה־געלב און זיין גרויליבע לאַנגע באָרד האָט געציטערט:

— מיין זוהן – האָט ער נאָר געקאָנט אַרויסריידען און זיך אָבגעהאַקט. און זיין קוק איז געווען אזא יתומ׳דיגער, אזא אומגליקליבער, א פערגאָסענער מיט טרעהרען.

אָט דער דאָזיגער „מיין זוהן" מיט׳ן קוק האָבען מיך אין איין אויגענבליק פערשיכורט. די הענד האָבען זיך מיר אָבגעלאָזען – אַרוים דער גאַז און איך האָב פלוצלונג דערפיהלט, אַז אַלץ איז שוין ד אָ ר ט ע ן פעַרפאַלען. אַז קיינעם וועל איך שוין ניט העלפען, און דאָס וואָס געווען איז געווען. און דאָס וואָס וועט זיין, וועט זיין...

— איך האָב אַ רעוואָלווער, איך האָב אַ רעוואָלווער, — האָב איך נאָר געמורמעלט, ניט וויסענדיג צוליעב וואָס, און אַרויסגענומען דאָס, וואָס איך האָב גאַנצע טעג און נעכט געוואָרעמט אין קעשענע.

דער טאַטע האָט נאָר אַ שאָקעל געטאָהן מיט׳ן קאָפּ: „בעהאַלט!" און האָט מיך אַוועקגעפיהרט פאַר׳ן האַנד ווי אַ קליין קינד.

אין אַ ווייַלע אַרום בין איך שוין געגאַנגען מיט אַנ׳עדה בלייבע יודען און פערווייַנטע ווייבער. אונז אַלעמען האָט געפיהרט יאַקים, ווי מען פיהרט אַ סטאַדע צושראָקענע שעפּסען, און דער „גוטער פּאַסטוך" אַליין איז אונז נאָכגעגאַנגען, געקלונגען אין קעשענע מיט די זילבערנע רובעלם, וואָס מען האָט איהם געגעבען דערווייַל „נאַ הורילקו". גוטע געפיהלען האָבען איהם ניִשט געלאָזען רוהען, איז ער אַלץ געגאַנגען און האָט געדבר׳ט, צושאָקלענדיג מיט זיין שווערער פּאַפּאַחע:

— אַ אָס שצאָ הואוריוו קומע וואַסילי! ברעשעש, קאַזשו... ני, נע ברעשו, קאַזשע, נע ברעשו.

זינע איז געגאַנגען אַ האַלב־געחלש׳טע. דאָס קינד האָט בייַ איהר אומרוהיג געדרעמעלט אויף די אָרעמס, אַלץ געמאַכט מיט די ליפּעלעך, געקנייטשט דאָס נעזעל. ניט וויסענדיג פאַר וואָס, האָב איך מיט אַ מאָל גענומען שמייכלען און אַ זאָג געטוהן זינע׳ן שטילערהייד:

— און ער איז נאך אלין ניטא, און ער איז נאך אלין ניטא. זינע האט אפילו דעם קאפ נישט א קעהר געטהון.

יוכבד איז געגאנגען א בלייכע, א שטרייגע מיט אבגעדעקטע צווארפענע, דונקעלע האר, און איהר אלטער פראפיל איז געווען ארומגערינגעלט מיט די דאזיגע האר, ווי אנ'אלטעס בילד אין פרישען, נייעם רעמעל. דערזעהענדיג מיך, האט זי אויף מיך אויסגעשטעלט ביידע אויגען, ווי איינער טענה'ט: „היינט" וואס האסטו מיך געטרייסט?" — און א זאג געטהון:

— גוט!?

און הינטען האט געריעוועט און געקנאקט אלץ נעהנטער און ווילדער געטופעט מיט שווערע, בעוואפענטע לאפעס: בראך־ך, בראך־ך.

דער ייד מיט'ן בייל אויפ'ן שטערן האט געחאפט לויפען ארויס און שרייען:

— אי, גיבער, גיבער, גיבער!

## III.

בעהאלטען האט אונז יאקים ביי זיך אין זיין אלטען וויינ־קעלער הינטער די עטליכע יודישע הייזער, וואס זענען געשטאנען אויף דער זייט דניעסטער.

אז מיר האבען זיך גענומען אראבלאזען אויף די קרומע, פערפוילטע טרעפלעך, זענען אלעמענס פנים'ער געווען גראה־געל. ערנסט זענען אויך געווען די פנים'לעך פון די צוויי 4—5 יאהריגע קינדער, א יונגעלע מיט א מיידעלע, וואס האבען זיך אנגעהאל־טען אן די קליידער פון זייערע מאמעס. אין זייערע קינדערשע אויפגעריסענע אויגען האבען געציטערט קליינע נאאיווע פראגע־צייכענס. די „גרויסע" האבען זיך שטומערהייד איבערגעקוקט און איטליכען האט זיך מיט א קרענקליכען, קלמען גרויל אי־בערגעגעבען דעם צווייטענס געדאנק: „ווער ווייסט, צי מען וועט פון דאנען לעבעדיגערהייד ארויסגעהן?", און דאס עלטערע פון ביידע קינדער — דאס מיידעלע, האט זיך א ווילע איינגעשטארט מיט איין פיסעל אין א טרעפעל:

— מאמ... מאמע, וואוהין נעהען מיר דאס?...

די מאמע האט איהר פערשטעלט דאס מײליכעל מיט'ן האנד:

— ש-ש-שטיל, מײן קינד, זאלסט שוױיגען, מען טאר ניט, מען וועט אונז דארטען געבען וױין, וױין...

— וױין?

די מאמע האט נישט אויסגעהאלטען דעם אומגלויביגען, אפענעם בליק פון איהר קינד און אבגעקעהרט דעם קאפ.

און וואונדערבאר, וואס אין אזעלכע צרה'דיגע מאמענטען בעמערקען זיך ניט ווילענדיג אלע קלײניגקײטען, און ווי שווערע שטיקלעך בלײ פאלט דאס אראב אין זכרון. דערמאהנענדיג זיך דאס אראבלאזען זיך אין קעלער, געדײנקט זיך פון אײן זײט א רונדער בארג מיט יאקים'ס קארשען-גארטען, א הויכער גארטען, א נאסער, א שווינדזיכטיגער, — און פון דער אנדער זײט א פײכ-טער, געשלײנגעלטער וועג, וואס פיהרט קײן „באלנעשטי"— אײנס פון די ארומיגע דערפלעך. אויפ'ן וועג איז געלאפען א געל הינטעל און האט געשמעקט דאס נאסע זאמד, ווי דער שטײגער איז בײ הינטלעך, און אויף יענער זײט צוים פון קארשען-גארטען איז געשטאנען יאקים'ס שײגעצ'ל מיט רויטע בארוויסע פיסלעך און עפעס געפארקעט זיך דארטען. ווי נאר ער האט דערזעהען יאקימען, האט ער גענומען ליארעמען און ווינקען:

— הא—הא... טיאטקא! זשאבא, טיאטקא, זשאבא...*)

יאקים האט אויף איהם אויסגעגלאצט א פאר בלוטיגע אויגען:

— צאיץ, צאיץ... בים טאבי!**) — און האט איהם בע-וויזען א ברוינעם, הארטען קולאק.

אז דער לעצטער פון אונז האט זיך אראבגעחאפט אין קעלער ארײן, האט יאקים בחפזונ'דיג פערמאכט הינטער אונז די שווערע, דיקע טהיר, און באלד האט זיך דערהערט א הײזע-ריגער קנאק פון א גרויסען שלאס, אין וועלכען מען דרעהט איבער אנ'אלטען, פערראסטעטען שליסעל.

די פינסטערניש האט אונז אײנגעשלונגען. שטיל. אלע האבען מיר דערפיהלט, אז פון איצט אן ליגט שוין דער שליסעל

*) הא, הא טאטע! א זשאבע, טאטע, א זשאבע!

**) שווײג, שווײג... דער טײוועל זאל דיך!

פֿון אונזער אַלעמענס לעבען בײַ יאַקימען אין די ברײטע „שאַראַוואַרעס“ ...

די פֿינסטערניש אין קעלער איז געווען אַ פֿײַכטע, אַנ'אַלטע, זי האָט געשמעקט מיט אַ שאַרפֿער פֿײַכטקייט, מיט איבערגעזויערטען פּראָסטען ווײַן און מיט צוגעלעגענע ווײַנטרויבען. נאָר אײן קלײנעס, גראַטען־פֿענסטערעל — מעהר אַז העלפֿט אײַנגעגראָבען אין דער ערד, האָט אַרײַנגעטראָגען אין קעלער אַ גראָהען פֿלעק ליכטיגקײט און האָט עס געוואָרפֿען איבער אונזערע קעפּ אויף די נעמויערטע, פֿײַכטע וואַנד וואָס אַנטקעגען. אַז אונזערע אויגען האָבען שוין שלום געמאַכט מיט דער פֿינסטערניש, האָבען פֿון דער לעצטער גענומען אַרויסשווימען טעמפּע, ברײטע און בײַכיגע פֿיגורען.

דאָס זענען געווען ווײַן־פֿעסער.

נאָר עטליכע פֿון די פֿעסער זענען געשטאַנען שווערע, אָנגעגאָסענע. די איבריגע זענען אַלע געווען פּוסטע, אָנגעשפּאָלטענע אָהן רויפֿען, אָהן שפּונטען. אַז אײנער פֿון אונז האָט זיך אוננערן אָבגעקלאַפּט אָן אַזאַ פֿאַס מיט'ן שוך, פֿלעגט עס אַרויסגעבען פֿון זיך אַ דומפּיגען הילך:

— באָ—הו...

דער דאָזיגער הילך האָט געשראָקען, פּונקט ווי אַ מגושמדיגער, שיכּור'ער גוי וואָלט זיך אויפֿגעהאַפּט און גראָב אַ זידעל געטהון פֿון פֿאַס אַרויס. אַלע האָבען דערפֿאַר געזעהן צו פֿערנעהמען וואָס װעניגער אָרט און מאַכען וואָס קאַרגערע און פֿאָרזיכטיגערע בעוועגונגען.

פֿון דער שוואַרצער, אָנגעשפּאָלטענער סטעליע האָבען געריפּט שווערע, קאַלטע טראָפּענס נאַסקײט. אַראָבפֿאַלענדיג האָבען זײ שווער און הײזעריג געפּויקט אויף די אָבגעבראָכענע פּוסטע פֿעסער: דאָק—דאָק—דאָק—אַזוי מאָנאָטאָן, לאַנגזאַם אײנס נאָך אײנס. און מיט אַ מאָל, פּונקט ווי זײ וואָלטען פֿאַרלאָרען די געדולד! דאָק—דאָק—דאָק—דאָק. אַזוי גיך־גיך, אַ ...ין פּיקערײ פֿון הונגעריגע היהנער. אין אַ ווײַלע אַרום ווײַ..ער אָבגעהאַלטען, אײַנציגווײַז. אַ טריף נאָך אַ טריף. „דאָ...—ק“ און שטיל, און ווײַטער: „דאַק—ק“ און שטיל. שלעכט האָט דאָס געווירקט אויף אונזערע אָנגעצויגענע נערוועַן. ס'האָט

זיך געוואַלט פֿערטומל'ען די קלאַפּערייַ מיט אַ ליאַרעמדיגען געשרייַ, נאָר ריידען הויך האָט מען מורא געהאַט.

— קאַ-אַלט-ט, — האָט אַבראַשע געקלאַפּט מיט די ציינער און געטוליעט זיך צו אַ פֿולען פֿאַס ווייַן:

מיין טאַטע איז צו איהם פֿאָרזיכטיג צוגעגאַנגען:

— אַבראַשקע, און וואָס האָסטו זיך דאָס אַזוי אייַנגעגנעצט?

— שיער ניט דערטרונקען, — האָט אַבראַשע געקלאַפּט מיט די ציינער.

— וואָס? ווי אַזוי דערטרינקען? דיך?

— אייגענע גויים... ווער זאָל זיך ריכטען?

— וואו גויים?

— אין אַ פֿעסעל ווייַן, — האָט אַבראַשע געשעפּטשעט, ניט קיקענדיג אויף מיין טאַטען, — איך קום באַגינען צו קאָנדראַטענקען אין קעלער - צונעהמען דאָס פֿאַס ווייַן, וואָס איך האָב בייַ איהם נעכטען געקויפֿט, איך ווייס נאָך פֿון גאָרניסט, איך געה אַרייַן אין קעלער, מיין פֿאַס איז אויפֿגעבראָכען און קאָנדראַטענקעס פֿאַרובקעס מיט נאָך עפּעס גוי'עצען שטעהען אַרום פֿאַס און מען זויפֿט מיט גאַנצע טעפּ. שיכּור'ע, פֿערשטעה איך דאָך שוין. מהו איך זיך פֿונדעסטוועגען אָן אַ כּח און פֿרעג חאַפּט מען מיך קלאַפּען און טרייַסלען. אויפֿגעהויבען — און „בוך" אין פֿאַס אַרייַן. גענומען טובל'ן „אָם טאָבי — מאַכען זיי — זשיד, ווינאָ"[1])

גיפֿטיג דורך פֿערסקאַליעטע ציינער האָט אין מיטען יוכבד אַ פֿרעג געטהון:

— גו—וט?

און קיינער האָט נישט געוואוסט, בייַ וועמען זי פֿרעגט דאָס, ווייַל איהרע אויגען האָבען טעמפּ געקוקט אין דער פֿינסטער אַרייַן איבער אַלעמענס קעפּ

— מיט'ן קאָפּ אַראָב, מיט'ן קאָפּ אַראָב, - האָט אַבראַשע געקלאַפּט מיט די ציינער - „אָם טאָבי, מאַכען זיי זשיד, ווינאָ"... קאַלט, קלעפּיג, פֿאַסקודנע, בר ר ר.

און ווייטער אַ רגע שטיל. ווייבער זיפֿצען, דערשטיקט, אין זיך. שווערע טראָפּענס פּויקען אין די צושפּאָלטענע פֿעסער.

---

1) אָט האָסטו דיר, זשיד, ווייַן.

— וואָס האָבען דאָס די פּאַרובקעס פֿון פּאַראָם געלאַכט ! האָט זיך אײנער דערטאָהנט.

אַלע האָבען געשוויגען, נאָר טראָפּענס פּײַכטקײט האָבען געענטפֿערט: — ד־דאָק־ק־דאָק.

אין אַ װײַלע אַרום האָט אַ װײַבעל בעטראַכט דאָס, וואָס מען האָט געפֿרעגט:

זײ האָבען געמאָגט לאַכען מיט בלוט אפילו. צו קאַרב פֿון מענשען גענומען, נאָך געדאַרפֿט אַ דאַנק זאָגען.

דורך דאָס גראַטען־פֿענסטערל הויבט אָן דערגרײַכען אַ צוריבענער, װײַטער געריוש, אָפּטמאָל בעגלײַט מיט אַ דײַטליכען קנאַק, פּונקט ווי קעץ קלעטערן אויף אַנ׳אַלטען טרוקענעם דאַך פֿון שינדלען.

דער יוד מיט׳ן בײַל אויף׳ן שטערן האָט מיט אַ מאָל אַ חאַפּ געטהון מײַן טאַטען פֿאַר׳ן אַרבעל:

— איהר, איהר קאָנט איהם גוט? יאַקימען אײַערען.

מײַן טאַטע, אַנשטאָט צו ענטפֿערען דעם יודען, האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו מיר מיט אַ זיפֿץ:

— דאָס פֿערד מיט, מיט די בהמות אונזערע האָט ער אָבגעפֿיהרט צו זיך. אפילו אין לאָמפּ האָט ער שוין אַרײַנגעגאָסען, װײַטער איז.

און ווידער אַ לאַנגער, געבראָכענער זיפֿץ און אַ שפּרײַטאוים מיט די הענד:

— וואָס קאָן מען וויסען?

דער װײַטער גרילצענדער קאַצען־געריוש האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. אַלע די. ווען די פֿינסטערניש און שטילקײַט פֿון קעלער מיט דער פֿערשלאָסענער דעמבענער טהיר האָבען געווען אַ ביסעל פֿערזיכערט, האָבען זיך װײַטער אויפֿגעצאַפּעלט. מאַנסבילען האָבען שווער געאָטהעמט, געשושקעט זיך, די פּנים׳ער פֿון די װײַבער, אויף וויפֿיעל ס׳איז געווען מעגליך פֿונאַנדערצוקוקען אין דער פֿינסטער, צווישען די טעמפּע, בײַכינע פּעסער, זענען געווען געל. זײערע אויגען האָבען גאָרנישט געזעהן אַרום זיך, חוץ זײערע אײגענע שרעקענדע געדאַנקען.

דאָ האָט זיך דערהערט אַ רײַנעס, קינדערשעס קוליבעל, אַזאַ ערנסטעס:

— מאמע, וואס—דאס א „פאגלאם?".
דאס האט א פרעג געטהון דאס פינף־יאהריגע מיידעל.
די מאמע איהרע האט געחאפט און פערשטעלט איהר דאס מײליבעל.
— שטיל, שטיל, מרשעת — איך האב דיר דאך געזאגט מען טאר ניט.
אזוי האט זי זיך אנגעביזערט אויף דאס מיידעלע, אנב א קעהר געטהון זיך צו יוכבד'ן און א שושק געטהון:
— איהר הערט דאך. ס'פערשטעהט אלץ, א חכמה!!
ניט ריידענדיג קיין ווארט, האט יוכבד וויי'ך און געלאסען אנגענומען דאס מיידעלע ביים הענטעל און צוגעפיהרט צו זיך:
— א „פאגלאם". מיידעלע מיינס, איז דאס, ווען יודען דארפען זיצען אין קעלער, אט ווי איצטער, און דאר פען זיין שטיל' ששא — א, קליינע מיידעלעך אויך, ניט מען דערפאר ווען ' ס—א—ך.
— וויין? – האט שוין דאס מיידעלע א ביסעל אנגעהויבען גלויבען, – אזוי ווי פסח?
— יא, יא, מיידעלע, אזוי ווי פסח.
און שטיל. דאס מיידעלע האט צוגעדריקט דאס קעפעל צו איהר מאמען און געטראכט. ניט ווילענדיג האבען זיך ביי עטלי־בע איבערגעקרימט די ליפען אין א שטומען שמייכעל, און שווער איז אנגעקומען דער דאזיגער שמייכעל. נאך שווערער ווי אנ'אנ־דערש מאל וויינען.
פון דערווייטען האט מיט א מאל דערגרייכ... א מעהר יימליבער אויסגעשריי: „או—אה" און פונקט ווי אונטער געזונדע זויסטען האט א פלאץ געגעבען עפעס א ברעקעלדיגעס א טרוקען עס:
—כר־רא־ך־ך.
זינע, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען ווי א געחלש'טע, מיט דעם שלאפענדיגען קינד אויף די הענד, האט א ציטער געטהון:
— אבראשע, וואס איז דאס?
אבראשען האט שוין געפיבערט. ער האט אלץ שטארקער און שטארקער געקלאפט מיט די ציינער, א פערקיהלטער:

— אך, זינעלע, זינעלע. קאַלט, נאַס, קלעפּיג, אוך — און מיט אַ מאָל האָט ער פֿערקריצט די ציינען:

— אוים. אַ קללה אויף זיי מיט זייערע ווײַנען, אוים געשעפֿטען מיט ווײַן ביי מיר.

יוכבד איז צו איהם שטיל ווי אַ שאָטען צוגעגאַנגען און אַ שעפּטשע געטהון ביטער, איראָניש:

— וועמען קלויבסטו זיך דאָס אָבטהון? — מײַן זוהן.

— וואָס אָבטהון? — איז אַבראַשע אויפֿגעשפּרונגען — זאָל נאָר גאָט געבען, עס, עס זאָל אריבער, איז, איז אוים, וואוהין די אויגען טראָגען.

פֿריער האָט זיך דאָס עפּעס געהערט, ס'האָט זיך נישט געגלויבט, אַז דאָס רעדט אַבראַשע. איך האָב איהם געקאָנט אַלס אַן'אמת'ען פֿאַנאַטיקער פֿון ווײַן־מסחר, נאָר זײַן פּנים, וואָס האָט געגלאַנצט פֿון פֿערטריקענטען ווײַן אנטקעגען דעם מוטנעם אָבשײַן פֿון פֿענסטערעל, מיט זײַנע פֿיבערישע אויגען האָבען פֿערייבערט — אין זיי האָט געברענט די עכטע יודישע נקמה...

יוכבד האָט איהם עפּעס אָבגעענטפֿערט, נאָר קיינער האָט נישט געהערט, ווײַל אין מיטען האָט פֿון דאָרטען געגעבען אַ ברום:

— ר—ר—רא—אַ...

— זיי שווימען... — איז דורכגעלאָפֿען אַ שושק.

און טראָפּענס פֿײַכטקייט האָבען אונטערגעפּויקט אויף די פֿענסטער:

— דאָק—ד—דאָק...

איינער אַ גרויסער, הויכער יוד פֿון די אָנגעקומענע האָט זיך דערשראָקען, און מיינענדיג, אַז דאָס חלום'ט זיך איהם, האָט ער גענומען אויספּרובען זײַן קול:

— מיר האָבען זיך מיט נסים... מיט נסים — ארויסגעהאָפּט פֿון, פֿון דאָרטען, ווי איהר זעהט מיך לעבעדיג, מיט נסים.

און רײַדענדיג האָט ער געציטערט.

יוכבד האָט איהם שטרײַנג און שטיל אַ פֿרעג געטהון:

— אנטקעגען וואָס דערצעהלט איהר דאָס?

— איך זאָג אנטקעגען דעם, — האָט דער יוד מבולבל

געשעפטשעט – אנטקעגנען דעם וואס, די יונגע לייט שיסען, גאר־ נישט, שיסען זיי, זאגען מיר, לויפט מיט אונז, ווילען זיי נים זיי שיסען, מען האט שוין עטליכע פון זיי...

יוכבד האט איהם אבגעהאקט:

– מען ווייסט, שווייגט!

יענער האט מיט הכנעה אראבגעלאזען דעם קאפ און איז אנטשוויגען געווארען.

– דאק–דאק. – האבען שווער געפויקט די טראפענס.

און זויער און פינסטער און געדיכט איז געווען די לופט אין קעלער, און דער שרעק איז געהאנגען שווער איבער אלע־ מענס קעפ. אויף אנ'איבערגעבראכענעם שטרוי איז ער געהאנגען. אט, אט פאלט ער אראב און דערשטיקט אונז.

מיין טאטע האט מיט א מאל שטיל א זיפץ געטהון.

– אך – אך – אזא מעשה!

– וואס איז? – האט אויסגעצויגען דעם האלז א צווייטער.

– מען האט געדארפט איבערדרייסען דעם קאנאט, געדארפט.

— וואסער קאנאט?

— פון פאראם.

אלע האבען געשוויגען. ס'האט זיך געוואלט גלויבען, אז אזא פערצווייפעלטעס מיטעל איז פריהער געווען מעגליך. און ס'האט וועה געטהון, וואס איצט איז שוין דאס צו שפעט און אונמעגליך.

דער שליסעל פון אונזער תפיסה איז געווען ביי יאקימען.

א רגע האט נאר אין אויפגערעגטען מוח א קאך געטהון א זודיגע נקמה־פארשטעלונג: א לאז אראב די האק, און דער שווערער, אנגעצויגענער, איינגעפיכטער קאנאט צושפרינגט זיך פייפענדיג אויף צווייען. דער בלאהער, סאמעטענער שטראם פון רנעסטער גיט זיך א בייזער און א שטורם דעם אנגעפאקטען פא־ ראם און פערשלעפט איהם אראב־וואסער צו אלדי שווארץ־יאהר, מיט זיי צוזאמען, מיט זיי צוזאמען, – און שרייט אייך „זשידי", און מאכט אייך מיט די פויסטען, ווי־פיעל איהר ווילט. צו די פעלזען! צו די פעלזען!

— אורר–רא. – האט פון „דארטען" רייטליך און הייזעריג א דונער געטהון. און א מיש־מאש פון א סך שיכור'ע, שרייענדע

העלזער האט זיך אריינגעריסען דורכ'ן פענסטערעל, אבגעשלא-
גען זיך אן די פייכטע ווענד און אבגעהילכט אין די פוסטע פעסער ׳
אלע זענען פערשטיינערט געבליבען. אין מוח איז ווייטער
קאלט, קאלט געווארען. ביי עטליכע ווייבער האט זיך ארויסגע-
ריסען א פערשטיקטער „אוי״. און באלד פערהאפט זיך. אנדערע
ווייבער האבען זיך אבגעקעהרט מיט פערשמאכטע ליפען צו די
פעסער, צו די ווענד און גענומען שעפטשען, און גענומען ריידען
מיט גאט אויף לשון „דו״.

ביי דעם פענסטערעל אין דער הויך האט זיך מיט א מאל
בעוויזען א שאטען פון א גרויסען, געגרויזעלטען קנויל און דער-
הערט האט זיך א גראב קול:

— טעפער, פאנאווע, צאיך! בא אידוטש*).

און דער שאטען איז ווייטער אויעקגעשוואומען.

— ווער איז דאס? — האבען עטליכע פערצאפעלט א שעפ-
טשע געטוהן.

און עטליכע אבגעהאקטע תשובות זענען ארויסגעשוואומען:

— דאס איז ער — יאקים — זיין פאפאחע איז עס, ער זאגט:
שטיל.

— וואס האט ער דאס געזאגט „אידוטש״? — האבען אנדערע
ניט געוואלט פערשטעהן.

— „זיי״ פון דארטען.

און באלד איז די שושקעריי פונקט ווי פערלאשען געווארען.
אלע האבען זיך שטום און פארזיכטיג גענומען אראבלאזען אויף
דער ערד, טוליען זיך צו די שווארצע ברייטע פעסער. מיר הא-
בען זיך צוגעדריקט צו די דאזיגע פעסער, ווי פערמשפט'ע אויף
טויט צו די גראב'ע טעמפע פיס פון פעטע רוהיגע ריכטער. מיר
האבען זיך געבעטען ביי זיי רחמנות. מיר האבען געוואלט זיך
צונויפגיסען מיט זיי צוזאמען, און דאס איז נאך געווען ווייניג.
ס'האט זיך געוואלט, עס זאל ווערען א חשך-מצרים, אז מיר אליין
זאלען ווערען שטיקלעך פינסטערניש, וואס מען קאן ניט זעהן
און מען קאן ניט אנטאפען. דאס שטיקעל בלייכע גראטען-פענס-
טערעל אין דער הויך איז געווארען איבריג און האט גענומען

*) איצטער, עולם, שטיל! וועל מען געהט...

שרעקן, ווי אַ גרויסעם גראָהעם און שלעבטעם אויג פֿון אַ שפּיאָן האָט עם אַרײַנגעקוקט.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ טופּען פֿון אַ סך שווערע פֿיס און אַ הייזעריגע, שוידערליכע קאָמאַנדע:

— ר-ר—ראַז!

און גלײַך האָט זיך געלאָזט הערען אַ מיש-מאַש פֿון גריל-צענדע קולות, אַ ברעכערײַ מיט אַ קלאַפּערײַ צוזאַמענגעמישט מיט אַנ׳עקבערנדיגען קלונג פֿון גלאָז, און איטליכער געלונגענער בראָך האָט זיך בעגלייט מיט אַ שיכור׳ן הפקר-געלעכטער — דאָס אומגליק איז אַריבערגעשוואומען דעם דנעסטער און האָט דאָ אויך גענומען געוועלטיגען, ווי אויף יענער זייט. אין אונזער אויפ-גערעגטער פֿאַנטאַזיע האָט עס זיך אונז פֿאָרגעשטעלט אין אַ גע-שטאַלט פֿון אַ גרויסער משוגע׳נער חיה מיט אַ סך. אַ סך שווערע טופּענדע פֿיס. אָט לויפֿט זי מיט אַנ׳אָפֿענעם, מורא׳דיגען שמיי-בעלדיגען פּיסק פֿון אַ קראָקאָדיל, אָנגעשטיקט מיט שטאָהלענע צייהנער, ברייטע און פֿערפֿלעקטע ווי יאַטקע-העק. לויפֿט און פֿרעסט און חרומשקעט אַלץ, וואָס זי בעגעגענט אויפֿ׳ן וועג: גלאָז, האָלץ, ציגעל, לעהם, כלים, בעט-געוואַנט, קליידער אַלץ צוזאַמען, אַלץ צוזאַמען פֿרעסט זי, אַלץ צוזאַמען רייסט זי מיט די נעגעל און שלינגט, זי איז טויט-הונגעריג.

צווישען די פֿעסער האָט מען געשעפּשעט:

— רבונו של עולם, רבונו של עולם...

ס׳האָט זיך דערהערט אַ דערשטיקטעם, געצויגענעם קול׳כעל פֿון דעם 4-יאָהריגען יונגעלע:

— מאַמע, איך׳ל, איך׳ל מורא, מאַמ...

זיין מאַמע האָט איהם ניט דערלאָזען ריידען ווייטער און האַכטיג אַ שעפּטשע געטהון:

— מען דאַרף ניט-מורא, וואָס עפּעס מורא? נאַרעלע, ס׳איז גאָרנישט, ש-שאַ.

דאָס יונגעלע האָט אַ ווײַלע געקלערט און דערנאָך אָנגע-הויבען שטיל צו וויינען:

מאַמע, כ׳וויל ברויט מיט פּאָווידלע, מאַמע.

די מאַמע זיינע האָט איהם עפּעס גענומען אײַנשמועסען.

דאָס פֿינף־יאָהריגע מיידעלע האָט זיך צו איהם צוגערוקט און אָנ־געהויבען גלעטען איהם ווי אַ גרויסע:

— זעהסט, איך אויך אַ קליינינקע און וויין ניט, ס'איז אַ „פּאָגלאָם", אַ „גלוי־סעל" פּאָגלאָם! מוז מען זיין שטיל, מאַמע זאָגט, געבען וויין, מאַמע זאָגט.

— זיסען? — האָט דאָס יונגעלע איבערגעפרעגט; און ניט וואַרטענדיג אויף אַנ'ענטפער האָט ער זיך שטיל געווענדט צו זיין מאַמען:

— מאַמע, ס'אַ פּאָגלאָם?

— יאָ, עופעלע, זאָל זיין שטיל. אַט הערסטו?

— גויים מיט טאָרבעס, מאַמע?

יאָ, יאָ, מיט טאָרבעס, זיי שלאָגען זיך, שטי־איל.

דאָס יונגעלע האָט באַלד אַ שטופּ געטהון פֿון זיך זיין קליינע חבר'טאָרין.

— אי־אי־איך'ל ניט טרינקען, איך'ל אַוועק!

און איז אַנטשוויגען געוואָרען ווי אַ „גרויסער".

---

## I V.

אין דעם ווילדען ליאַרעם, וואָס האָט צו אונז דערגרייכט, האָט זיך גענומען אַריינמישען עפּיס אַ דריבנע קנאַקערײַ. פּונקט ווי אַ האָגעל וואָלט געפֿאַלען. און איידער מיר האָבען פֿערשטאַנען, וואָס דאָס איז, האָט זיך איינעמס אַ בלייכער פֿינגער בעוויזען אַריבער אַ פּאַס, און אַ צושראָקענער קול האָט אַ שעפּטשע געטהון:

— זעהט... וואָס איז דאָס?...

מיר האָבען אויסגעגלאָצט די אויגען, אויף ווי פֿיעל עס איז געווען מעגליך אין דער פֿינסטער.

דער גראָהער פֿלעק ליכטיגקייט פֿון פֿענסטערעל, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דער אַנטקעגענדיגער, נאַסער וואַנד — אַנ'אויבעווענליכער, אַ טויטער ווי אַנ'אויג פֿון אַ אָבגעשטאַ־נגער פֿיש, האָט זיך איצט אונרוהיג בעוועגט... און ניט בלויז

איז ער געווען; איצט איז ער געוועזן רויט, רויט און לעבעדיג און האט זיך געוואָרפען און האט געטאַנצט...

מיין טאטע האט גלייך פערשטאַנען. מיט אַן׳אומעטיגען קול פון קינות האט ער שטיל געגומען טענה׳ן פאַר זיך, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ צום פאַס, אנטקעגען וועלכען ער איז געזעסען:

— אוים שטוב, אוים שפּייכלער, אוים תבואה, אוים...

אונטערגעצונדען, האָבען נאָך עטליכע פערשטאַנען און זענען אַנטשוויגען געוואָרען...

פון שרעק האָבען מיר וועניג גערעדט. נאָר איטליך אָבגעריסענעס וואָרט, וואָס פלעגט פאַרזיכטיג און ציטריג אַרויסשווימען אין דער פינסטער, האָט ביי אונז געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג, אַ שטאַרקע מאַכט. און פלעגט איינזינקען ווי אַ בליי אין נשמה אַריין.

און דער רויטליכער פלעק האָט אַזוי לעבעדיג געטאַנצט, אַזוי פרעהליך געשפּרונגען, ס׳האָט זיך ניט געוואָלט גלויבען, אַז דאָס איז אַן׳אָבשיין פון אַ שרפה, גיכער האָט דאָס אין געדאַנק אַרויסגערופען אַ צוהיצטען פּנים פון אַ פּאַרובאָק, וואָס געהט אַ קאַפּינעס זיך־טענצעל, אונטערפּאַטשענדיג מיט די הענד אויף די לאַנגע חאַליאַוועס, און זינגט און זינגט עפּיס אַ פרעהליכס אין׳ם פרייען סטעפּ אַריין. און דאָך האָט דער דאָזיגער טאַנצענדער פלעק אַזוי געביסען, אַזוי גענאָגט ביים האַרצען... ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דאָס ווערט אַלץ רויטער און רויטער, אָנזויגענדיג זיך מיט אונזער בלוט...

— מען האָט געדאַרפט פערשטעלען, — האָט איינער רחמנות׳דיג אַ שעפּטשע געטהון.

אַלע האָבען געשוויגען.

— דאָס פענסטערעל, — האָט נאָך איינער פערמייטשט.

נאָר קיינער האָט זיך ווייטער ניט געריהרט. מען האָט מורא געהאַט צו מאַכען דעם קלענסטען געריוש צווישען די פּוסטע, הילכיגע פּעסער.

אויפ׳ן גאַס איז דער משוגענער ליאַרעם געוואָרען אַלץ נעהנטער. מיר האָבען שוין דייטליך געהערט, ווי די חיה סאָפּעט און שנאָרכט פון צו פיעל פרעסען, ווי זי ברעכט אויף אַלע בעהעלטעניששען, טאַפּט זיי אָרום און שמעקט זיי אָרום, רוקט אַריין די

נעגעל אין אלע שפאלטען, זי זופּט, זי ברילט... עס איז איהר אלץ ווענינ. פון אונזער האָב און גוטס איז זי נישט צופרידען. זי וויל מענשען פליייש, מענשען פליייש...

און אָט פיהלען מיר נאָך די קולות נאָך, אז זי איז שוין גאָר נאָהענט, אז נאָר יאָקים׳ס-קאַרשען גאָרטען שטעהט צווישען אונז און צווישען „אמגליק", און מיט אַ מאָל צונעהמט זיך עפּים דער לענטער אָבהאַלט אויך. ער ווערט דורכזיכטיג און לופטיג ווי רויך, ס׳דערהערט זיך אַ שטאַרקער שאָרך, עטליכע שווערע טריט טיילען זיך אָב פון געפילדער און קלאַפּען נעבען צוים פון קאַרשען-גאָרטען, און עס דערהערט זיך אַ גראָב קול:

— ע—עך... דאַ אוטשיקלי זשידי!

או—טשיקלי... — בעדויערן עטליכע אויפגערעגטע שטימען.

— דאָ באַלנעשטי אוטשיקלי — דערהערט זיך מיט אַ מאָל יאָקים׳ס קול און צוגיסט זיך ווי אַ באַלזאַם—דאָ באַלנעשטי...

און אַ נצחון׳דיגער, פעטער געלעכטער, אַ באַס פון בויך ארוים:

—אָ—חאָ—חאָ חאָ—חאָ...

און אין פינסטערניש פון קעלער הויבען אָן צו שוועבען העק, ברייטע, גלאַנצענדיגע העק, וואָס האָבען זיך מכין געווען צו ווערען רויט און נאַס און זענען געבליבען טרוקען, ווייל: „אוטשיקלי"...

פונ׳ם געפילדער רייסען זיך דאַרטען אַ ווילע ארוים: אַ שניידענדער ריס פון עפּים אַ דינעם שטאַרקען געוואַנד; אַנ׳אויפגערעגטער, הייזעריגער בעפעהל: „היי חלאָפּצי". די שווערע טריט קעהרען זיך אום, און ווידער ווערען זיי דערטרונקען אין אַ מיש מאַש פון ברעכען און האַקען, און דאָ אויף דער נאַסער וואַנד טאַנצט אַלץ דער רויטליכער פלעק, טאַנצט זיי צום טאַקט, און דאָס אַלץ איז אַזוי נאָהענט און אַזוי שרעקליך, אַז דער מוח זאָגט זיך אָב ארומצונעהמען דאָס, צו גלויבען, אַז דאָס איז אַנ׳אמת.. אינסטינקטיוו האַלטען מיר זיך איין ניט אַ פרעג צו טהון איינער ביי׳ם צווייטען, וואָס דאָס איז, אפילו אַבראַשע סקאַליעט מיט די לעצטע כחות די ציינער און לאָזט זיי ניט קלאַפּען זיך! אפילו דאָס 4-יאָהריגע יונגעלע, וואָס האָט ערשט געוואָלט פּאָווידלע, האָט זיך צוגעטוליעט צו זיין מאַמען און ריהרט נישט מיט זיינע אומרוהיגע פיסלעך.

א דינע, שווארצע סטרונע פון אומת-מות האט זיך אלץ שטארקער און שטארקער אנגעצויגען ארום אונז, און מיר האבען מורא געהאט אנצוריהרען זי אפילו מיט אונזער אטהעם.

און פלוצלינג — דאס איז געווען העכער פון אונזער השגה — פלוצלונג האט די סטרונע א פלאץ געטהון און צוריסען זיך איבער אונזערע קעפ מיט א הילכיגען, הילכיגען געוויין פון א קליין קינד.

מיר האבען זיך א צאפעל געטהון, פונקט ווי א הארמאט וואלט אויסגעשאסען אין דער פינסטערער, אויסגעהאלטענער שטילקייט פון קעלער. מיר זענען געבליבען א ווײַלע זיצען ערשטוינטע, און ערשט נאכדעם האבען מיר זיך ערלויבט א שושקע טהון:

— ווער איז דאס? ווער איז דאס?

— זאל גאט היטען. וועמענס איז דאס?

א פאר פינסטערע פיגורען האבען זיך צוגערוקט צו יענעם ארט.

— דאס איז אײַערס, זינע? אײַערס?

— שטילט עס איין, גיט עס זויגען, האט רחמנות.

דאס האט זיך טאקע אויפגעחאפט און פונאנדערגעשריען זינעס האלב-יאהריגעס קינד, וואס האט די גאנצע צייט אומרוהיג געדרעמעלט אויף איהרע ארעמס. און דאס געשריי האט זיך אבגעגעבען אין די פוסטע פעסער אזוי הילכיג, אזוי אימה'דיג, פאר שרעק איז עס נאך אונז געווען גרויס אין די אויגען.

— גיט עס זויגען, — האבען זיך מענשען שאטענס געבעטען — גיט עס זויגען.

— גיט עס זויגען, — זענען צוגעשטאנען נאך א סך פינסטערע פיגורען צו זינע'ן און אין זייער קול האט זיך שוין געפיהלט גיפט.

זינע האט מיט א ציטערדיגער, טונקעלער ברוסט געפרובט פערשטאפען יענעם קלײנעם מסובכ'דיגען ארט, פון וואנען עס האבען זיך געריסען אזעלכע שרעקליכע, צאפעלדיגע געשרייען. ס'האט נישט געהאלפען, דאס שרײַענדע אפאראטעל האט זיך נאר א רגע פערהוסט און נאך מעהר צורייצט צושריען זיך.

— וויל ניט, — האָט זינע אָבהענגיג געחליפּעט — דאָס בּייבּעל טהוט איהם וועה, דאָס בּייבּעל.

— שש — אַ — איז דורכגעלאָפען אַ בּייזע שׁפּערי דורך די ציינער. — אַ צוגאָב די מאַמע.

דאָס געוויין איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרען. מען האָט גענומען האָפען, נאָר דאָס קינד האָט נאָר געמאַכט אַ קליין הפסקה'לע, שווער אויסגעבראָכען און נאָך שטאַרקער צושריען זיך — פּונקט ווי אַלע וואָלטען געווען שולדיג... דאָס קליין העלזעל האָט זיך געריסען מיט אַלע כּוחות, אַרויסלאָזענדיג פערצווייפעלטע, עקבּערנדיגע געשרייען, פּלאַטערנדיג מיט די הענטלעך און פיסלעך פון אָנשטרייגגען זיך. אָט, אָט פּלאַצט עס ווי אַ פּענכּערעל. אַלע ווײַלע אָבגעהאַקט זיך און זיך פערשלוכצעט, און אַלץ אַזוי פריי און אָפען, אַזוי חוצפה'דיג מיט אַזוינע תביעות, מיט אַזאַ קוויטשערײַ, — אַזוי נאָר ווי עס איז פעהיג צו שרײַען אַ קינד, וואָס ווייס גאָרנישט און פערשטעהט גאָרנישט, חוץ זײַן אייגענעם וועהטאָג. נאָר אונז, גרויסע דערוואַקסענע מענשען מיט בּערד, האָט זיך דאַן געדוכט, אַז דאָס וויל פון גאָרנישט וויסען און וויל גאָרנישט פערשטעהן. פינסטערע פיגורען האָבען נישט אויפגעהערט צו שטרעקען צו דער צוטומעלטער זינען ציטערדיגע לאַנגע הענד:

— האָט רחמנות, שטי—אילער, האָט רחמנות.

אַנדערע האָבען זיך געבּעטען גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— זאָל עס שוויגען, זאָל עס שוויגען, זאָל עס שוויגען,

בּיי זינען האָבען זיך געטרייסעלט די הענד און זי האָט מיט זיי זעהר שלעכט קאָמבּינירט צו בּערוהיגען דאָס צורייצט נפש'ל. איהר פולער, מילדער פּנים איז געווען אַזוי בּלייך, אַז ער האָט געבּלאַנקט אין דער פינסטער. אַבּראַשע האָט פערגעסען, אַז איהם איז קאַלט און נאַס, ווי אַ פערסמ'טער האָט ער זיך גענדרעהט אַרום זינען. ער האָט עטליכע מאָל געווען אויסגעשטרעקט זײַנע קלעפּיגע, קאַלטע הענד, אַ גלעט צו טהון מיט זיי זײַן צורייצטעס קינד, און בּאַלד דערמאָהנט זיך, אַז ער איז נאַס, און צוגעחאַפּט צוריק. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישען די בּייזע צושראָקענע מענשען און האָט אַלץ געשעפּטשעט, אַלץ פערענטפערט זיך.

— ווער איז שולדיג? מיר, זי איז נערוועז, האט איהב אין דער פריה אנגעזויגען מיט צוזודערטער מילך, מיט צוזוי דערטער.

נאר קיינער האט איהם ניט געהערט. און די שושקעריי ארום זיינע'ן מיט איהר „שרייער" איז געווארען אלץ בייזער, גיפטיגער, גרעבער:

— וואס האט איהר צו אונז? וואס האט איהר צו אונז?

— נאך ווייניג, ברייינגט מען נאך קראנקע קינדער, בלוט־זויגער!...

— פערשטאפט איהם זיין פיסק, דעם סמארק, פערשטאפט...

און איינעם עפיס א ווייבעל האט א זאג געטהון מיט'ן גאנצען הארצען, פונקט ווי זי וואלט תפילה געטהון:

— דערשטיקט זאל עס ווערען.

און אומגעריכט האט דאס דאזיגע ווייבעל א חאפ געטהון דאס שרייענדע קינד פון זיינעם ארעמס און גענומען עס הוידען, שיפענדיג ווי א שלאנג דורך די צייהנער:

— שווייג, טייערינקער, שווייג, ממזר'ל, שווייג, שטום ואלסטו ווערען, שוויג.

יוכבד איז פלוצלונג ווי א שטיין ארויסגעוואקסען פון צווישען צוויי פעסער, וואו זי איז פריהער געזעסען און קיינער האט זי ניט געזעהן. ניט רעדענדיג קיין ווארט האט זי מיט איין האנד צוגענומען דאס צאפעלדיג נפש'ל, און מיט דער אנדערער האנד אפגעשטופט דאס מבולבל'דיג ווייבעל, און פעסט און לאנגזאם גענומען קושען דאס שרייענדע מיילכעל מיט פערשמאכטע, שטומע ליפען. דערנאך האט זי איהם געהוידעט, דערנאך עטליכע מאל אריבערגעדעקט און אבגעדעקט. נאר דאס און אלע איבעריגע מיטלען האבען ניט געהאלפען. דאס שרעקליכע קינד האט אלץ שטארקער און שטארקער געשריען מיט א הילכיגען, עקבערנדיגען פאלצעטעל, און זיינע קולות האבען זיך געריסען ארויס דורך דאס גראטען פענסטערעל, געריסען זיך אלץ אהין צו זיי, צו זיי, און האט אויסגעזאגט, און האט געמסר'ט אזוי עזות'דיג, אזוי אונערבארמדיג, מיט אזא טעמפער גלייכגילטיגקייט צו פרעמדע יסורים, צו מורא'דיגע יסורים פון גרויסע דערוואקסענע מענשען.

און „די גרויסע דערוואקסענע מענשען, האבען זיך געביסען די ליפען און געקריצט מיט די ציינער. איטליבער קוויטש, איטליבער שלוכץ האט אונז געפייניגט, געשניטען מיט טעמפע מעסער. אונז האט זיך שוין געדוכט, אז דאס איז ניט קיין קינד, ניט אזוי א קינד, ניין, דאס איז עפיס א רשע, א טייוועל, א שונא אין לעבען. אט שרייט עס כלומר'שט ווי א קינד, וועלכען ס'טהוט וועה, נאר אין אמת'ן טהוט ער אונז אין טויט אריין, ער סמא-קעוועט אונזערע יסורים, ער חלש'ט, אז מען זאל אונז צוהאקען מיט העק, ער חלש'ט.

איך בין דאן געזעסען ערגיץ אין א ווינקעל און מיינע הענד האבען געגראבעלט ארום זיך די ערדיגע פאדלאגע ווי פון קאנ-ווולסען. אונגערן האב איך אנגעטאפט א נאסע שמאטע, און וועלכער עס וואלט מיך געעקעלט אנצוריהרען אנ'אנדערם מאל, נאר דאן האב איך זי פעסט צונויפגעדריקט אין פויסט און געטראכט מיט א ווילדען תענוג: ס'ארא גוטסקייט עס וואלט געווען ארייננצו-שטופען די דאזיגע שמאטע דעם קליינעם רוצח'ל אין האלז אריין.

אפילו זינע, זיין מאמע, האט געבראכען די הענד און גע-שעפטשעט:

עופ'עלע, וואס האסטו צו אונז? עופ'עלע, וואס האסטו צו אונז?

פונקט ווי דאס קינד וואלט עס געקאנט פערשטעהן.

און אבראשע האט זיך אלץ געפלאנטערט און אלץ פערענט-פערט זיך, אז ניט ער איז שולדיג, ניט זיין זינע, זי איז נאר נערוועז, און האט אנגעזויגען מיט צורודערטער מילך, מיט צו-רודערט ער.

קיינער האט איהם נישט געהערט.

שווייגענדיג, כמעט רוהיג איז געווען יוכבד. א בלייכע ווי מארמאר און א שטומע ווי מארמאר, האט זי אלץ געהוידעט דעם שרייער, קושענדיג איהם אלע ווייַלע אין אפענעם, צאפעלדיגען מייַלכעל מיט דורשטיגע לאנגע קושען, נאר איהרע אויגען האבען בשעת-מעשה געקוקט ערגיץ ווייט, מאדנע. וואס האט זי זיך דאן פארגעשטעלט? אויף וואס האט זי געווארט?

אייגענטליך האבען זיך כמעט אלע פינסטערע פיגורען אין קעלער געפלאנטערט, געשושקעט, געשאלטען, געגעבען עצות.

און דאָך איז דאָס אַלץ אַרויסגעקומען אַזוי פֿאַרזיכטיג, אַזוי שטיל, ווי בײַ מאַלפֿעס, ווען זיי קריכען איבער מענשען. דער שרעק האָט אונז געניט צו ברעכען די הענד, בעטען רחמים, קריצען מיט די צייהן, און דער אינסטינקט האָט אונז אַלץ געהייסען שווײַגען, שווײַגען. אין קעלער האָבען זיך אין אינקוויזיציע־יסורים געפּײַניגט אונזערע מידע קערפּער, און אין דרויסען האָבען גע־פֿלאַטערט און מיט טויט־שרעק זיך צוגעהערט אונזערע פֿערצווייפֿעלטע נשמות. דאָרטען האָט נאָך אַלץ געקנאַקט און געברילט. דאָרטען האָט אונז נאָך אַלץ געזוכט דאָס „אומגליק" מיט טרוקענע, גלאַנצענדיגע העק, און דאָ האָט אַלץ דאָס שרעקליכע קינד געמסר'ט, געגעבען סיגנאַלען, געשפּיעלט זיך מיט אונזער לעבען...

און היינגענדיג אַזוי אויף איין האָר לאַנגע, אימה־דיגע מינוטען, האָט זיך בײַ אונז אין אָנגעשטרענגטען, צוהיצטען מוח גענומען מישען דאָס אַלץ, וואָס אויפֿ'ן וואָהר האָט זיך געפֿלאָנטערט מיט די ווינקענדיגע, ווילדע בילדער פֿון אונזער פֿאָרשטעלונג, און מיר זענען שוין ניט געווען ביכולת אָבצוטיילען איינס פֿון דעם אַנדערען. עפּיס, ברעכט מען דאָרטען, עפּיס שרײַט דאָ אַ קינד, עפּיס וועט מען באַלד אויפֿברעכען אַ טהיר און מען וועט האַקען מענשליכע קערפּער, צי מען האַקט שוין? צי מען געהט ערשט האַקען?

און ווײַטער איז אַ שאָטען אַריבערגעפֿלויגען בײַם פֿענסטע־רעל, אַ פֿלאַטער געטהון אין דעם רויטען פֿרעהליכען פֿלעק אויפֿ'ן וואַנד. און יאַקימ'ס קול האָט אַ ברום געטהון — אין זײַן ווײַבען באַס האָט זיך געפֿיהלט רוגזה! — ציץ טאַם... צי—ץ... און איז פֿערשוואונדען געוואָרען.

דער יוד „מיט'ן בײַל" האָט נישט אויסגעהאַלטען און געחאַפּט זיך מיט בײדע הענד פֿאַר'ן קאָפּ:

— רבונו „של עולם", זאָל מען שוין קומען מיט העק, מיט העלצער, מיט טשוועקעס, זאָל מען שוין אונז צוהאַקען, זאָל שוין נעהמען אַן עק...

און מײַן מאַמע האָט תיכּף אויפֿגעקאָכט און איז אָנגעפֿאַלען אויף איהם מיט פֿערשטיקטער זידלערײַ:

— פּגר, חמור, ווער פֿרעגט בײַ אײַך? ווער רעדט מיט אײַך? מנוול!

נאָר אין יאַקים'ס אזהרה, אין דעם יודענס פֿערצווייפֿלונג,
אין דעם טאַטענס זידלעריי מיט דעם נאָהענטן בלוטדורשטיגן ליאַרעם אין דרויסן, מיט דעם קינדס געשריי, וואָס האָט נאָך אַלץ געהילכט מיט זיין שרעקליכער דייטליכקייט, זענען שוין עפּיס געווען אומפֿערשטענדיג, מיט אַ נעבעל פֿערוויקעלט. פֿרעמד — ווי פֿון אַנאַנדער וועלט. און דאָך האָבן אונזערע אויערן געטהון וויי'ערם, זיי האָבן זיך צוגעהערט.

און ווידער טיילען זיך אָב פֿון דעם דרויסענדיגן ליאַרעם שווערע שטאַרקע טריט, אָט טרעטן זיי און קנאַקן נאָך אַ מאָל ביי דעם צוים פֿון קאַרשען-גאָרטן, און אַ שיכורער אויסגעשריי גיט זיך אַ שפּאַלט אויף און קייקעלט זיך אַריין אין קעלער און שטיקט אונז דעם אָטהעם:

— העי, טשאַלאָוויק, אַ טאַם-טאָ שצאָ?

און ווי דורך אַ געדיכטן רויך יאַקים'ס עטליכע אומפֿאַר-טיגע ווערטער הינטער'ן וואַנד:

— חיבאַ — אַ.. זנאַיו שצאָ? אַ — אַ! צע... צע קיצקי, חלאָפּצי, קיצקי... (1

נאָר גראָד אין דער רגע האָבן מיר דערפֿילט, אַז אין קעהלער פֿעהלט עפּיס, פֿעהלט. ס'איז געווען שטיל ווי אין בית הקברות. פֿון וואַנען האָט זיך מיט אַ מאָל גענומען די דאָזיגע שטילקייט? מיר האָבן דערפֿילט, אַז דאָ איז עפּיס פֿאָרגע-קומען. און פֿאָרגעקומען איז אַזוינס, וועגען וואָס מיר האָבן מורא און ערלויבן זיך ניט קלערן. אינסטינקטיוו האָבן מיר זיך צו-גערוקט צו יענעם אָרט, וואו עס האָט זיך געדראַפּט געפֿינען יוכבד, און שטיל ווי שאָטענס גרופּירט זיך אַרום איהר. אפילו די צוויי קליינע קינדער האָבן זיך אויך צוגערוקט און זענען גע-בליבן שטעהן פֿערוואונדערט מיט די פֿינגערלעך אין מויל. אַנטקעגען אונז, דייטליך אַרויסטיילענדיג זיך אויף דעם שוואַרצן פֿאָן פֿון קעלער. מיט'ן רוקען אָנגעשפּאַרט אָן אַ פּאָס און פֿער-גליווערט ווי אַ סטאַטוע, איז געשטאַנען יוכבד. דעם קינד'ס פֿער-וויקעלטע פֿיסלעך זענען ביי איהר געווען פֿערדריקט אונטער'ן ריי-טען אָרעם, און איהרע עטוואָס בעלויכטענע אַלטע פֿינגער זענען

---

1) איך ווייס וואָס דאָס איז? אַ — אַ! דאָס זענען קעץ, חברה, קעץ!

זיי צוואנגען געווען איינגעשצעמעט אין יענעם ארט, וואו עס האט געדארפט זיין דעם קינדס העליזעל, דער קאפ-איהרער איז געווען עטוואס איינגעבויגען, עטוואס אויסגעצויגען, און איהרע שווארצע אבגעדעקטע האר זענען איצט געווען איבערגעווארפען מיט א ווייס טיכעל, וואו האט זי עס געקראגען? — איהרע פערקיהלטע ליפען זענען געווען האלב אפען—קענטיג, אז אט ערשט האבען זיי געקושט דאס קינד, און א פאר אפענע גרויסע אויגען האבען אונז אנגעקוקט פון אונטערן שטערן ארויף, א פאר משונה'דיגע אויגען, וואס קוקען און זעהען ניט דעם צווייטען, ניט זיך אליין ...

— מאם... מאמע... — האט אבראשע גענומען שטאמלען, ניט פערשטעהענדיג וואס דא טהוט זיך.

יוכבד האט געשוויגען אין דערזעלבער פערגליווערטער פאזע. נאר שווערע טראפענס פייכטקייט האבען געענטפערט די פוסטע פעסער:

— דאק, דאק ...

נאר דא האבען אלע דערזעהען, אז דאס איז ניט יוכבד. אז דאס איז גאר ניט יוכבד'ס פנים. און אויפ'ן קאפ ביי איהר איז ניט קיין ווייס טיכעל, ווי עס האט זיך געדוכט, נאר סיווע, שניי-ווייסע האר, וואס האבען ארומגערינגעלט איהרע איינגעפאלענע באקען און געווען צושאטען אויף איהרע אקסלען. די דאזיגע האר זענען געווען אזוי ווייס, אז זיי האבען געבלאנקט מיט א פאספארישען גלאנץ אין דער פינסטער...

דא האט זיך דער ערצעהלער א שטעל געטהון און איז אנטשוויגען געווארען.

אלע, וואס זענען געזעסען אין צימער און צוגעהערט, האבען זיך נאך איהם א הויב געטהון ווי פערכישופ'טע:

— נו?

— איהר וועט ניט גלויבען. זי איז אין איין מינוט גראה געווארען.

---

אין א שעה ארום האבען איהם עטליכע פון אונזער קאמפאניע בעגלייט צו זיין האטעל. זינט ער האט געענדיגט זיין ער-

צעהלונג, האָט ער מעהר קיין איינציג וואָרט ניט אַרויסגערעדט, מיט אַ קליין ווײַלע צוריק האָט זיך מיט אונזער בלײַבען פּרײַלין געטראָפען אַ היסטערישער אַנפאַל. אַלע האָבען זיך אַ וואָרף געטהון מינטערן זי. נאָר דער ערצעהלער אַליין איז געבליבען שטעהן אַ בלײַכער, אַ קאַלטער. האָט געקוקט אויף די גאַנצע סצענע אָהן אַ ברעקעל התפעלות און אַלץ געווײגט און געסקריפּעט מיט'ן קאַמאַש אויף איין אָרט. איצט געהענדיג, האָט ער נאָך אַלץ עקשנות'דיג געשטומט, און ס'האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דער דאָזיגער הויכער גלײַכער שאָטען האָט ערשט דערצעהלט דאָס, וואָס האָט נאָך אַזוי געפּלאַמט און געטריקענט אונזער מאַרך. ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, די ווינטער-נאַכט איז געשטאַנען אַ קאַלטע, אַ נעבעלדיגע, אַ פינסטערע. מיר האָבען אויך געשווינגען און נאָכגעגאַנגען איהם ווי די שאָטענס. און די אויגען האָט זיך אַלץ וואָס אַרום געשאָקעלט ווי נאָך אַ שווערער קרענק. בײַם סאַמע אײַנגאַנג פון האָטעל האָט זיך איינער פון אונז ניט אײַנגעהאַלטען:

– זאָגט נאָר, פערצייהט, איך וואָלט אײַך געבעטען.

– מאַכט עס בקיצור!-האָט יענער אונגעדולדיג אַ זאָג געטהון.

– און וואָס איז געווען דער סוף?

– אַ! דער סוף? ס'איז טאַקי געבליבען, אַז „צע קיצקי".

– און יוכבד?

– זי? געהט אום אַ באַרוויסע מיט צולאָזענע שניי-ווייסע האָר, דאָס רוב אין די בלויע בעמאַראַבער נעכט, קוקט פערריסען דעם קאָפּ צו דער פולער לבנה און שמייכעלט.

ער האָט ניט זיכער און לאַנגזאַם אויפגעהויבען די האַנד אין דער לופטען.

— אַ פּנים זי זעהט אין דער לבנה אַ פערגלייך מיט אַ קליינ־לעכדיגען קינדערשען פּנים'על.

— אַזוי, און איהר? בײַ אײַך?

— מיין טאַטע קאָן זיך נאָך אַלץ פון דאָרטען ניט אָפּרייסען. און איך—איך האָב אונטערגעהאַקט אַלע גאַנץ-געבליבענע וואָרצלען און פליה. וואוהין דער ווינד טראָגט! אַדיע!

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אויף מאָרגען איז ער אויעקגעפאָהרען.

# דָאם פּאָר'ל .

אין קעלער-שטיבעל האָבען זײַ געוואָהנט זאַלבעדריט : ער באָנצי, זײַן אַלטע מאַמע, און די שוועסטער זײַנע, ציפּקע די האַרבולקע, וואָם איז אַלעמאָל געזעסען אויף אײן אָרט, א געלע ווי וואַקס און שווער, שווער געאָטהעמט .

דער מפרנס פֿון דער דאָזיגער געזינדעל איז געוועזען באָנצי — א דאַנק דעם, וואָם ער האָט קײן פֿים ניט געהאַט .

אַז מען האָט נישט קײן פֿים, וואָם טהוט מען ? קויפֿט מען זיך א וועגעל מיט פֿיער רעדלעך, און מען לאָזט זיך אויף איהם אוועק אין שטאָדט אַרײַן און מען בעטעלט .

און אַזוי האָט באָנצי אויך געטהון .

אַרויספֿאָהרענדיג, האָט ער קײנעמ'ס הילף ניט בעדאַרפֿט, ער אַלײן האָט זיך אויפֿגעמײַסטרעוועט אַזעלכע קלעצלעך אונטען מיט טשוועקלעך, אויבען מיט הענטלעך, און אַרײַנזעצענדיג זיך מיט די קאַליקע פֿים אין נידעריגען, שמוציגען וועגעל, פֿלעגט ער זיך גוט צובינדען און פֿלעגט זיך אַוועקלאָזען גראָבען די גראָהע געשלײַנגעלטע טראָטואַרען, אונטערשטופּענדיג מיט די קלעצלעך פֿון בײדע זײַטען וועגעל .

פֿאָהרענדיג אַזוי טאָג טעגליך, לאַנגע יאָהרען נאָכאַנאַנד האָט ער זיך אַזוי אײַנגעאַרבײט מיט די קלעצלעך, ביז ער פֿלעגט זיך בעוועגען ניט ערגער פֿון אַלע מענשען . ער איז געוואָרען אַנ'עכטער אַרטיסט פֿון דעם דאָזיגען סאָרט פֿאָהרען. פֿלינק ווי א מאַלפּע פֿלעגט ער מיט די קלעצלעך קאָמבינירען און קערעווען דעם וועגעל, רעכט'ס, לינק'ס, באַרג אַרויף, באַרג אַראָב, ווזא

הין די הארץ גלוסט . קינציג פלעגט ער זיך שליינגלען אויף די טראָטואַרען צווישען מענשענע פּים און קליידער, קיינמאָל מיט'ן וועגעל ניט בעריהרט אפילו דעם זוים פון א דאַמען-קלייד. מייסטערהאַפט פלעגט ער זיך אריבערהאַפּען פון איין זייט גאַס צו דער אַנדערער , אויסמיידענדיג דערביי שפּרינגענדע פערד, לויפענדע קאַרעטען .

דער שטענדיגער אָרט , וואו באַנצי פלעגט בעטלען , איז געווען ראָג „לאַנגע און וויסע” . דאָרטען פלעגט ער זיך פון אין דער פריה בעזעצען מיט זיין וועגעל , אויפּעפענען אַ גרויסען מויל און מיט אַ געמאַטטען נארישען קול אָנהויבען ברומען זיין שטענדיגען מזמור :

— האָט רחמנות, אויף אַ וויסטען קאַליקע ... אָהן פּים ... האָט רחמנות .

ביי וועמען צו בעטען רחמים איז דאָ . פערביי באַנצען געהען און לויפען אַ סך, אַ סך מענשען : שעהן געקליידעטע , מיט שפּאָקולען און אָהן שפּאַקולען , פון אַנדערע וויבער שמעקט אַ גוטער ריח, פון אַנדערע — מיט הערינג און זויערע אוגערקעס . אַלע געהען, אַלע רייסען זיך פאָראויס רעכטס, לינקס, אין אַלע זייטען . איטליכער איז פערטהון מיט זיינ'ס ; און באַנצי סטאַרעט זיך אָבצוקעהרען זייערע פערטראָגענע אויגען צו זיין וועגעל האָטש אויף איין איינציגע סעקונדע .

— האָט רחמנות , אָהן פּים האָט רחמנות .

הונדערט מענשען געהען פערביי און גיבען אפילו נישט אַ קוק אין יענעם זייט. איינער פון הונדערט גיט יאָ אַ קוק און קעהרט אָב די נאָז . און נאָר איינער פון צוויי—דריי הונדערט לאָזט אַראָב די האַנד אין קעשענע און פאַרקעט זיך דאָרטען .

באַנצי'ס אויג איז שאַרף , ער דערקענט שוין נאָכ'ן בעוועגונג פון האַנד , צי יענער וועט טאַקי געבען און וויפיל יענער וועט געבען. און לאָזט זיך נאָך ,יענעמ' לויפען אויף אַלע פיער רעדלעך פון זיין וועגעל .

— אַ קאַליקע אָהן פּים, האָט רחמנות .

און נאָכלויפענדיג אַ אונטער-געהאַקטער , אַ צוגעשמידטער צום נידעריגען וועגעל , און אונטערשטופּענדיג פון ביידע זייטען גיך, גיך מיט זיינע קלעצלעך , און ברילענדיג זיין „האָט רחמנות-

מיט א נאַריש צוריסענעם מויל, איז ער דאָן משונהדיג, און פאַר־לירט זיינע לעצטע, גאַנץ־געבליבענע, מענשענע שטריכען. גיכער זעהט ער דאַן אויס, ווי א מין גרויסער פלעדער־מויז־קראָקאָדיל פון דור־המבול, וואָס יאָגט זיך נאָך נאָך זיין רויב.

— האָט רחמנות, ברילט דאָס בעשעפעניש און שליינגעלט צווישען די פאַרביינגעהער.

און בעקומענדיג די קאָפּיקענע נדבה, קעהרט זיך באַנצי אום צוריק צו ,זיין" ראָג און זיין אָפענער מויל בעט רחמנות פון גע־וואָנהייט, פון אינערציע.

זומער, בשעת די לופט איז וואַרעם און מענשען זענען אָנגעטהון אין לייכטע קליידער און די האַנד איז נאָהענט צום קע־שענע, געהען, ,די געשעפטען" ניט שלעכט, צו פאַרנאַכט צו פיהלט שוין באַנצי מיט גרויס הנאה, אז די קעשענע ווערט שווערליך. נעמט ער אַרויס דאָס ביסעל קופּער און צעהלט אויס שטילערהייד פון האַנד צו האַנד עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד:

— איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף, זעכס.

און אז מען געהט דורך פאַרביי, קען ער זיך נישט איינהאַל־טען און שרייט אויס זיין „האָט רחמנות".

— זיבען, אַכט, ניין, צעהן. א וויסטען פינסטערען קאָ־ליקע. פופצעהן, צוואַנציג, פינף און צוואַנציג, האָט רחמנות.

די „יאָגדע" צוריק א היים נאָך אַזאַ טאָג איז זעהר א פרעה־ליכע. אויף דער שמאָלער גאַס האָט ער שוין א בעקאַנטע בודקע. דאָרטען שטעלט ער זיך אָב און דערקוויקט זיך מיט א גלאָז זעל־צער־וואַסער און א ראָזינקעקיכעל.

אַזוי איז זומער. און ווינטער איז גאָר אַנדערש.

דער טאָג איז קורץ, אויפ'ן גאַס איז קאַלט. די קאַליקע פיס פריהרען שרעקליך אין וועגעל. די קלעצלעך אין די הענד בעוועגען זיך זעהר שווער. און מענשען זענען אַזוינע בייזע המורע, אָנגעפּעלצטע; זייער קעשענע און האַרץ זענען בעהאַל־טען אונטער א דיקען פּאַנצער פון קליידער. און איינער פון הונ־דערטער מענשען, וואָס ערבאַרעמט זיך יאָ אויף באַנצין, פוילט זיך אַרויסנעמען די האַנד פון הענטשקע און קריכען אין ביטעלע.

און פאַרנאַכט איז נאָך ביי באַנצען אין קעשענע זעהר גרינג. ער צעהלט עס ניט איבער, ווייל ער געדיינקט שוין אַזוי אויך די

צאָהל פֿון זײַנע גראָשענס, אַ פֿערביטערטער זיצט באָנצי אויף
ראָג ווײַסע — און לאַנגע און שפּאַלט די קאַלטע לופֿט מיט זײַן
פֿערצווײַפֿעלטען מזמור.

---

אײַנמאָל אין אָנהויב־פֿריהלינג האָט באָנצי פֿערשפּעטיגט אויף „זײַן ראָג" אויף גאַנצע צוויי שעה. זײַן שטײַגער איז געווען קומען 8 אין דער פֿריה, און ער איז געקומען צעהן.

צופֿאָהרענדיג, האָט באָנצי צו זײַן גרויס הארצווײַטאָג דער־זעהן, אַז אויף „זײַן ראָג", זיצט עפּעס אַ אשה אין שמאַטעס און אויס־ציהענדיג די האַנד בעטעלט זי אויף שטום־לשון:

—או–או–בע–מעטע–מעטע.

אַנ'אָנגעצונדענער איז באָנצי געוואָרען. קבצנים זענען אויך סאָלידאר. בײַ קבצנים איז דאָ זייערע תקנות. איטליכער בעטלער האָט זיך „זײַן ראָג" און דאָ, נאַ דיר, גאָר פּלוצלונג אַזאַ נבלה. ס'געהערט?

— שטומע ליאַלע, איז באָנצי מיט זײַן „רײַטוואָגען" אָנגע־פֿלויגען, ווי אַ פֿײַל פֿון בויגען—און אַ טורקע געטהון זײַן קאָנקו־רענטקע מיט'ן קלעצעל — „אַוועק פֿון דאַנען! פּאָשלאַ! דאָ זיץ איך ... איך. (דאָ האָט באָנצי געקלאַפּט זיך מיט'ן קלעצעל אין האַרצען).

— או–או–מעטע–מעטע–האָט די שטומע גענריזלצט איהּ־ריגעס, און אָנגעקוקט באָנצי'ן.

באָנצי האָט דערזעהען פֿאַר זיך אַ מין געשטופּעלטע בע־שעפֿעניש מיט איין געזונטעם גראָהעס אויג. דאָס אַנדער אויג אין געווען בלינד און אינגאַנצען פֿערלאָפֿען מיט ווײַסעל. און דאָס משונה'דיגע פֿאַר אויגען האָבען אויף באָנצין געקוקט מיט אַזוי פֿיל ריידענדער שנאה—גאָר ניט ווי בײַ אַ שטומער.

באָנצי האָט מיט אַמאָל דרך־ארץ געקראָגען פֿאַר דעם האַלב בלינדען, האַלב זעהענדיגען בליק, האָט זיך אַנ'אויפֿגערעגטער אָבגערוקט אַביסעל אָן אַ זײַט און גענומען בעטלען מיט זײַן נוסח:

— האָט רחמנות אויף אַ קאַליקען, אָהן פֿיס, האָט רחמנות!

— או־או־בע–מעטע–מעטע, האָט זײַן קאָנקורענטקע גע־פּלאַפּעלט און געצויגען די הענד פֿאָראויס.

און א גאַנצען טאָג איז באָנצי צעפּלאַצט געוואָרען. אַלע נדבות פליִגען אַריינפאַלען נאָר צו איהר. ער, באָנצי, איז שוין אַלע דורכגעהער געוועזען גוט בעקאַנט. האָט שוין אַלעמען גאַנץ גענוג אָנגעמוליעט די אויגען און אויערען, מיט זיין וועגעל און מיט זיין מזמור. די שטומע אָבער איז געווען א חדוש. דער עפעקט איז געווען נײַ, האָבען זיך דערפאַר אַלע גראָשענס גע־קײַקעלט נאָר צו איהר.

און באָנצי האָט א גאַנצען טאָג אומגעריטען אין זיין וועגאַל הין און צוריק, געיאָגט זיך נאָך דעם, געיאָגט זיך נאָך יענעם, און מעהר ווי פינף קאָפּיקעס האָט ער ניט אויפגעמאַכט... א צוקאָכטער פלעגט ער אַלע ווײַלע בעמערקען, ווי די שטומע בע־קומט און בעקומט, און אויף איטליכען גראָשען, וואָס זי האָט נעקראָגען, פלעגט איהר באָנצי פון דער ווײַטענס שאָקלען מיט אײַן קלעצעל, וואָס האָט געהייסען, אַז ער, באָנצי, וועט איר מיט דעם דאָזיגען קלעצעל צושפּאַלטען דער מוח, אויב זי וועט נישט אָוועקגעהן.

און די „שטומע ליאַלע“ האָט איהם געהערט פאַר א פּיטאַק און האָט געצויגען איהר „לאָזער“ לאַנגזאַם און שפּאַטיש, ווי מיט א זעג איבער באָנצי'ס גאַל:

— או—או—בע—מעטע—מעטע...

און אויף דעם צווייטען טאָג דאָס זעלבע.

באָנצי האָט געזעהען בחוש, אַז די בלינדע, געשטופּעלטע־ליאַלע מאַכט איהם „אומגליקליך“. וואו איז דאָס געהערט געוואָ־רען אין דער וועלט?, וואָס? זי וויל אַפשר, אַז ער, באָנצי, זאָל אײַנלאָזען זיין חזקה און זוכען זיך אַן'אַנדער ראָג? וואַרט, ער וועט איהר ווײַזען, ער וועט איהר פלעטען דעם מוח, ווי ער איז א יוד, ער וועט איהר פלעטען דעם מוח..

און אויף דעם דריטען טאָג פאַרנאַכט האָט באָנצי א הונגע־ריגער, א דערפרוירענער ניט אויסגעהאַלטען און האָט דער שטומער גוט מנדב געווען מיט דעם קלעצעל איבער די פּיס...

—אַי—אַי האָט זיך בײַ דער „שטומער“ ניט ווילענדיג אַרויס־געריסען, נאָר באַלד האָט זי זיך פאַרכאַפּט. דערמאָנט זיך, אַז זי איז שטום און געגומען געוואָלדעוועט אויף שטום־לשון: —

— או — או — או...

— וואָס? האָט באַנצי אויסגעשטעלט אַ פּאָר קײַלעכדיגע אויגען —

— אַי, אַי? אַ האַ... אַ שטומע? חי—חי... איהר הערט? האָט ער זיך מיט נצחון געווענדעט צו דער גאַס, זי רעדט, זי איז אַ רײַדעגדיגע, די גנבֿ'טע, איהר הערט? אַ האַ, בעטע מעטע? האָט ער זיך ווײַטער אַ חאַפּ געגעבען צו דער „שטומער" אַנו, שרײַ אַקאָרשט אַביסעל!

און דערבײַ האָט ער מיט אַלע כּחות גענומען שלאָגען זי מיט זײַנע שווערע קלעצלעך.

און די „שטומע" האָט זיך אײַנגעשפּאַרט אין וואַנד און גע־שריִען אין זיך מיט אַ דערשטיקטען „אַי", ווי אַנ'אמת'ע שטומע. נאָר איהר בּלינדע אויג האָט זיך געדרעהט מיט שטאַרקע שרעק און שנאה אויף באַנצי'ן און אויף זײַנע העלצלעך.

לסוף האָט זי נישט אויסגעהאַלטען און גענומען יאָמערען ווי אַ רײַדעגדיגע:

— אַי, אַי די פּוס, איך חלש, געוואַ—אַלד.

— איהר הערט?

אַזוי האָט זיך באַנצי ווײַטער געווענדעט צום רעדעל, וואָס האָט זיך אַרום זײַ אַרומגעקליבען. און דערבײַ האָט ער מיט גרויס גאוה אַרויסגעשטעקט זײַנע קאַליקע פּיס. אַ נו — זאָל מען טאָקע זעהן, ווער עס איז גערעכט; עס האָט אויסגעוויזען, אז ער איז צו פּלאַמט, ניט ווײַלע ער האָט פון דער שטומער געלי־טען, נאָר ווײַל אויף דער וועלט קומט בכלל פאָר אַזאַ שווינדעל.

פּלוצלינג האָט ער זיך דער[illegible]:

— דאָס געלד גיעב אַהער, גנבֿ'טע, דאָס געלד!

דאָס ביִנטעלע נדבות האָט די „שטומע" געהאַלטען אין האַנד אין עפּעס אַ ברודיג'ס. האָט דאָס בײַ איהר באַנצי האַסטיג אַרויס־געריסען און אַבגעפאָהרען מיט'ן וועגעל אָן אַ זײַט, גרײַטענדיג זיך מיט בײדע קלעצלעך מלחמה האַלטען ביז'ן טויט אַרײַן.

נאָר די שטומע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זי האָט זיך מעהר נישט ווי נאָך שטײַפער צוגעדריקט צום וואַנד. און גע־בליבען זיצען אין חליפען, צוהערענדיג זיך ווי אַ קינד צום אײגע־נעם געוויין.

אַ צוהיצטער, ווי נאָך אַ שווערען שטרײַט, איז באַנצי גע־

פאַהרען אהיים, אַרבייטענדיג מיט די קלעצלעך פון ביידע זייטען וועגעל. ס'האַרץ האָט איהם נאָך ניט געשטילט. אַזאַ עולה אָבּ־טהון איהם, קאַליקען אָהן פּיס! וואָס, קראַנק איז זי געהן האָרעוועו? וואַרט, ער וועט איהר נאָך מאָרגען ווייזען...

נאָר ביסלעכווייז, וואָס מעהר ער איז אָבגעפאָהרען פון זיין „ראָג", אַלץ קיהלער און קיהלער איז איהם געוואָרען אויפ'ן האַר־צען. ס'האָט איהם מיט אַמאָהל ווי גענומען באַנג טהון, וואָס ער האָט אַזוי געשלאָגען אַ, אַ פרויענצימער, שדים וויסען! וואָלט דאָס חאָטש געווען אַ מאַנסביל. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט זיך געטוליעט צום וואַנד און געכליפּעט, ניט געענט־פערט און ניט געשלאָגען זיך צוריק, און איהם איז אומעטיג געוואָרען—און פאַמעליבער האָט ער גענומען בעוועגען מיט די קלעצלעך.

איהם האָט זיך מיט אַמאָל פאָרגעשטעלט דאָס נאַסע קעל־לער־שטיבעל, וואו ער וואָהנט, און די אַלטע מאַמע, וואָס נעהמט ביי איהם אָב דעם לעצטען גראָשען, און די האָרבולקע, די ליעבע שוועסטערעל זיינע, וואָס זיצט נאָר און עסט, און איז מיט אַמאָל אויפגעגעגעט געוואָרען, וואָס ער, באַנצי, דאַרף אויף זיי „האָרעווען" אין קעלט און אין היץ; אַ מפּלה אויף דער האָר־בולקע.

ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז אַלע מאַנסבילען, וואָס געהען און געהען אין די גאַסען, האָבען ווייבער, וואוילע ווייבער, גוטע ווייבער, וואָס... המ... וואָס גיבען אויף זיי אַכטונג, און העלפען אין געשעפט. יאָ, און ער, באַנצי, גאָט ווייס, ווען ער וועט דאָס האָבען, און וואָס וועט זיין דער סוף? אַ איד איז מען דאָך.

און פּלוצלונג, ניט ווילענדיג, האָט באַנצי אָנגעטאַפּט אין קעשענע דאָס געלד, וואָס ער האָט אָבגענומען ביי דער „שטומער" און אַ געפיהל פון רחמנות האָט זיך אין איהם אַ הויב געטהון צו דער געשטופּעלטער פרויענצימער, וואָס ער האָט אָט ערשט אַזוי מביש געווען.

— אַך, שטומע ליאַליע, שטומע ליאַליע, האָט באַנצי געערעדט צו זיך מיט וועהמאָג—נאַ דיר גאָר, אַ שטומע ליאַלע — און דערביי האָט ער זיך מיט אַמאָל פערקעהרעוועט מיט'ן

וועגעל און גענומען גראַבען מיט'ן גאַנצען אימפּעט צוריק, צו „זיין ראָג".

די געשטופּעלטע איז נאָך אַלץ געזעסען אויפ'ן ראָג אין דער פריהערדיגער פּאָזע, די פים אונטער זיך, די קאָפּ אראָבגעלאָזען.

ווי זי האָט דערזעהן באַנציש וועגעל, האָט זי זיך דער־שראָקען און געוואָלט אַנטלויפען. נאָר באַנצי האָט זי תיכף בע־רוהיגט.

— דו, וואַרט, כ'וועל דיר גאָרנישט טהון.

דאָ איז באַנצי צוגעפאָהרען נאָהענט, האָט אוועקגעלעגט איין קלעצעל און דערלאַנגט דער „שטומער" איהר בינטעלע געלד.

די „שטומע" האָט איהם חושד'יג אָנגעקוקט, אַ פריהער מיט דער בלינדער אויג, נאָכהער מיט דער געזונטער אויג, און ערשט דאַן האָט זי צוגענומען דאָס געלד.

באַנצי האָט דערפיהלט, אַז ער האָט דאָ אָבגעטהון עפּעס ווייער אַ פיינע זאַך. אַלע מאָל פלעגט ער נעהמען ביי פרעמדע און יעצט, צום ערשטען מאָל אין לעבען, האָט ער גע'נתנ'ט, און ווי פיעל? אַ גאַנצע בינטעל.

אי וואָס ער האָט דאָס אָבגענומען?... האָט ער דאָך אָבער אָבגענומען „זיינ'ס"...

מיט דעם לינקען קלעצעל האָט באַנצי אַ שטופּ געטהון דעם וועגעל און צוגערוקט זיך מיט אַ זייט, האַרט צו דער שטומער:

— ע—פון וואַנען ביזטו, שטומע?

— בע—בע... פון שניפּישאָק, האָט די שטומע גענענט, פערט און פערשעמט זיך פאַר איהר אייגענעם קול — —

— פון שניפּישאָק? זעה, טאַקי? האָסט דאָרטען וועמען?

— בע—בע... קיינעם ניט.

באַנצי איז בלייך געוואָרען:

— זעה, און אַ מאַן אויך ניט?

— אויך ניט, כ'בין נאָך אַ כלה'בע—בע...

— טאַקי? און וואו נעכטיגסטו?

— בע—בע, ביי דעם שמש נעכטיג איך, דאָרטען, פיער קאָפּקעס אַ נאַכט צאָהל איך.

אַ ווייל'ע האָבען זיי ביידע נייגעריג אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערען. ס'איז שוין געווען פינסטערליך. מענשען זענען גענאַ־

גען, קאַרעטען זענען געפּאָהרען און קיינער האָט קיין קוק נישט געטהון אין יענעם זייט.

באַנצי איז געווען ניט מיט אַלעמען. ווי אַ מבולבל'ער, האָט ער געדרעהט די שמוציגע קלעצלעך אין די הענד — —

— בנאמנות.. האָט ער פּלוצלונג אַ רעד געטהון און אנט־שוויגען געוואָרען.

די „שטומע" האָט אויף איהם אַבגעשטעלט איהר בלינדע אויג.

— בנאמנות — האָט זיך באַנצי אָנגעטהון אַ כח — בנאמנות, קום צו אונז, מיין מאַמע, בנאמנות, זי וועט ביי דיר גאַרנישט נעמען.

— כ'וויל ניט—האָט זיך די „שטומע" ארוק געטהון אָן אַ זייט און בעהאַלטען דאָס בינטעלע נדבות אין בוזעם.

באַנצי איז מלא חמה געוואָרען: „זי וויל נאָך ניט!" און פּעסט אָננעהמענדיג די קלעצלעך אין ביידע הענד, מוכן ומזומן אָפּצו־רייזען יעדער מינוט, האָט ער נאָך אַמאָל אַ פרעג געטהון:

— ווילסטו ניט? ניין?

— ניין.

— נו, טו גיה דיר כּף־הקלע צו דיין שמש... מאָרגען זאָלסטו זיך זוכען אַנ'אַנדער גאַס.

און באַנצי האָט מיט גרויס פּערדרוס, אָבער אויך מיט שטאָלצקייט אַ שטופּ געטהון זיין וועגעל — און פּאַשאָל — אוועקגע־פּאָהרען מיט דאָס גאַנצע מהירות פון אַלע פיער רעדלעך...

נאָך אויף דער צווייטער גאַס האָט ער פּלוצלונג דערהערט הינטער זיך גיכע און ווייכע טריט, ער קוקט זיך אום — די „שטומע" — ווי ער איז אַ יוד — „די שטומע"...

כע—כע, האָט איהם די געשטופּעלטע לעבלעך און פּער־שעמט אַ לאַך געטהון...

און ווער עס איז דורכגעגאַנגען יענע גאַס, האָט געזעהן, ווי באַנצי פּאָהרט זעהר געלאַסען — שטופּט און גרעבעט מיט זיינע קלעצלעך פּאַמעלעך, גאַר ניט, ווי זיין שטייגער; און האָרט נעבען די וועגעל, געהט עפּעס נאָך אַ געשטופּעלטע אשה מיט איין בלינדען אויג. אַלע ווייבער האַפּט אויף איהר באַנצי אַ קוק און אַ

מאָרגנ׳ע זיסקייט צוגנסט זיך איהם איבער זיין ברייטען מויל, וואָס איז איהם צוצויגען פון אייביגע „רחמנות־בעטען״...

און ווער עס איז אין יענעם פאַרנאַכט דורכגעגאַנגען די שמאָלע געסעל אַראָב שטאָדט; האָט געזעהן ווי באָנצי שטעהט מיט׳ן וועגעל ביי אַ בודקע און איז מכבד די געשטופּעלטע מיט אַ גלאָז סאָדע־וואַסער און מיט אַ ראָזינקע־קיכעל.

די געשטופּעלטע טרינקט און לאַכט און ווערגט זיך פון גרויס נחת, און באָנצי האַלט צו איהר פעררייסען דעם קאָפּ פון וועגעל און פרעגט מיט דרך ארץ:

— נו, וואָס? גוט. יע? גוטע וואַסער?

פון דאַמאָלסט אָן, איז צו באָנצי׳ס שמוציגען וועגעל צוגעקומען אַ נייער הילצענער ביינקעלע...

ווי פריהער זיצט באָנצי אויף דעם ראָג „לאַנגע און ווייסע גאַס״, און האַרט נעבען איהם אויף דעם ביינקעלע זיצט אַ געשטופּעלטע שטומע אשה.

באָנצי ברילט זיין אַלט־באַקאַנטען מזמור:

האָט רחמנות... אויף אַ ווייסטען קאַליקע... אָהן פיס... האָט רחמנות...

און די שטומע חאַפּט אונטער און העלפט ווי אַ נ׳אמת׳ע אשת־חיל.

— או—או—בע—מעטע—מעטע...

# מיין ערשטע דירה.

## I.

## אנשטאט א הקדמה.

יעצט בין איך א בחור א נע-ונד'ניק. נאר ביז א יאהר פירצעהן בין איך מיר געזעסען אין מיין קליין שטעדטעל, וועלכע איז פערזונקען אין בלאטע, און אין גרינס, און אין טרויעריגע שטילקייט, און געחלומ'ט וועגען גרויסע-גרויסע שטעדט. דארט וואו ס'איז געברוקירט די ערד און ס'איז ניטא קיין בלאטע און קיין גרינס, און נאר עס קאכט און עס רוישט, און מחנות פון מענשען און פערד לויפען, פליהען, טראגען זיך מיט א ווילדען אימפעט, מיט א ווילדען לעבען-קרחות. היציגע פערד און מענשען, מענשען און פערד, און דאך מיידען זיי אויס איינער דעם אנדערען, און פערד צוטרעטען נישט קיין מענשען... יא!

קיין אנדער פארשטעלונג וועגען שטאדט האב איך נישט געהאט. אנדערש ווי אז „פערד לויפען און טרעטען נישט קיין מענשען" האב איך דעם דארטיגען לעבען נים פערשטאנען. און דאך האט דאס ביי מיר אין דער פאנטאזיע געהאט אזא צויבער-קאליר, און האט אזוי פיעל געצויגען צו זיך, ביז מיר איז נמאס געווארען דאס שטעדטעל אין גאנצען. נמאס איז מיר געווארען צו זעהן טאג טעגליך, ווי א ווייסע נארישע ציג פארקריכט ביזן האלז אין דער שווארצער זומפיגער בלאטע און לאזט ארויס א ציטערדיגען לאנגען „מע-מע", ס הייסט: „יודען ראטעוועט". סקוטשנע איז געווארען צוקוקען, ווי מען פערריכט תמיד די צוימען פון די גערט-

נער און דאך זענען די גערטנער שטענדיג פול מיט חזירים און וועלוועל-באק דער מלמד אין בלויזען טלית-קטן מיט פערקאטשעטע תחתונים רק ער יאגט זיך נאך, ביי זיך אין גארטען, נאך א גרוי-סען חזיר, שפרינגט יאלדיש איבער די גרינע קעפלעך קרויט און גוואלדעוועט ניט מיט זיין קול: „אוס... חאלעריע אויף דיר".

סקוטשנע איז געווארען צו קוקען ווי א גרויסער גאלאנדסקער האן קוואקצעט עפעס און חראבר׳עט זיך פאר א גאנצען הארעם מיט הינער, שארט מיט די דינע פיסלעך אין דעם מיסט און טרייסעלט שטאלץ מיט׳ן רויטען קאם. ס׳דאכט זיך אז דאס בע-רימט ער זיך פאר די הינער: „איהר נשים קענט זיך דא אפילו גראבען פון היינט ביז מארגען וועט איהר אויך גארנישט מאכען, און א „נאש בראט" איז ניקאקיך! א שאר מיט׳ן פיסעל איינמאל, איהר זעהט? פיק! און ס׳איז דא וואס מע בעדארף."

אין שטוב איז אויך אלץ נמאס געווארען. ווייטער ווארעמעס און וועטשערע, ווייטער מנחה און מעריב, ווייטער פערגעסען זאגען „יעלה ויבא" אום ראש חודש און „נשמת כל חי" אום שבת. רק די מאמע מיט׳ן טאטען האבען צוטהון מכח א נייעם ראק. די מאמע זאגט אז ער מוז האבען א נייעם ראק, און דער טאטע זאגט אז ער קען אויסקומען אהן א נייעם ראק. ראק אהער, ראק אהין, און אזוי ציהט זיך דאס גאנצע חדשים, גאנצע יאהרען נאכאנאנד.

די מאמע רק זי לאטעט העמדער און דאך זענען די העמ-דער שטענדיג צוריסען. וואו נעמט זיך דאס אזוי פיעל שמאטעס? די קעכען, נאר זי טענה׳ט, אז איידער מען קעהרט די שטוב מיט׳ן בעזים, איז די בעסטע זאך אשפריצטהון מיט א ביסעל וואסער כדי עס זאל קיין שטויב ניט זיין. און דאך איז די שטוב בשעת׳ן קעהרען שטענדיג פול מיט שטויב ביז צו דערשטיקט ווע-רען. א גאנצען טאג לערען איך אין דער ישיבה און דאך דוכט זיך שטענדיג אב דער מאמען אז נאר איך פלאנטער זיך אונטער די פיס, און דער טאטע טענה׳ט אז איך געה ארום „פוסטאפאס" אוןווארפט אויף מיר קרומע בליקען.

און מיינע קלענערע ברידערלעך נאר זיי רייסען זיך צווישען זיך שטילערהייד, קרימען זיך איינער געגען דעם אנדערען ווי די מאלפעס. יענקי׳ל שטעלט אויס בערלען א פינגער „אף צופוקעניש" איז זיך מישב בער׳ל און שטעלט אויס יענקל׳ן צוויי פינגער „אויף

נאָך מעהר צופּוקעניש" פאַלט יענקעל אויף אַ סברה און קלעפּט צו זיין פינגער אַ שטיקעל ברויט און „טהו איהם עפּעס!" האַפּט באַלד בעריל און שטעקט זיך אַריין אין נאָגעל אַ ביינדעל פון הערינג; און אָט אַזוי פּוקען זיי זיך און וועָרען, שונא ישראל, צופּוקעט און צוזעצט און קנייפּען זיך ביז בלוט אונטער'ן טיש, און שאַ. שטיל דער טאַטע זאָל ניט דערהערען.

אין דער היים איז מיר ניט היימליך און סקוטשנע, טאַטע־מאַמע איז אויף מיר אָנגעשטויסען, ברוגזדיג אויף דעם „14־יאָהריגען בחור" וואָס זוכט זיך ניט קיין תכלית. און נאָך ערגער איז מיר ווען איך ווער עפּעס קראַנק, ווען די מאַמע געהט צו מיר צו און לעגט מיר אַרויף איהרע וואַרעמע הענד אויף מיין שטערען, און דער טאַטע בויגט זיך איבער מיר אַזוי נידעריג, אַז זיין לאַנגע, שוואַרצע באָרד קיצעלט מיר אין האַלז אַריין. אָט די פלוצלונגדיגע ליעבע האָב איך נישט געקענט אַריבערטראָגען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז פאַלש, אַז דאָס מאַכען זיי זיך ווי פערזאָרגטע איבער מיין געזונד, אַז דאָס טהוען זיי מעהר ניט ווי אַ צולהעב; ווי זאָגט מען דאָס, פאַרט אַ קראַנקער! און אָט די שלעכטע מחשבות פלעגען מיך נייטען רויט צו ווערען פון בושה, בעהאַלטען מיינע אויגען פון זייערע פערזאָרגטע פנים'ער אָדער מאַכען זיך גאָר אַז איך שלאָף.

— מען דאַרף פאָהרען אין אַ גרויסער שטאָדט!

אין וואָסער גרויסער שטאָדט! אין אָדעס. וואָס עפּעס אין אָדעס? אין אָדעס איז דאָ „אַ מפיצי השכלה" וועל איך זיך לערנען.

אַזוי פלעג איך זיך מיט זיך זעלבסט דורכטענה'ן אין די לאַנגע, לאַנגע ווינטערנעכט, אין די זיס־טרויעריגע זומער אָוועַדען, ווען עס פלעגט מיך ציהען דאָס האַרץ ניט וויסענדיג וואוהין.

נאָר פיהלען האָב איך געפיהלט, אַז דאָס ל ע ר נ ע ן איז ביי מיר מעהר ניט ווי אַ תירוץ פאַר זיך אַליין, און אַן'אויסרייד פאַר מענשען, ווען מען וועט מיך אַ פרעג טהון: „נאָך וואָס פאָהרט דאָס „אַ ב ח ו ר פ ו ן 14 י אָ ה ר?" איך האָב געפיהלט אַז ווילען ווילט זיך מיר גאָר אַן'אַנדער זאַך, גאָר אַן'אַנדער זאַך...

מיר האָט זיך געוואָלט דאָס וואָס איך האָב אַליין ניט געוואוסט. און ווייל איך האָב ניט געוואוסט וואָס, דערפאַר האָט זיך מיר געוואָלט.

דערנאָך געדענק איך די קאַלטע אָסיען נאַכט נאָך סבּוֹת אַיידער איך בּין אָבּגעפאָהרען.

די מאַמע איז געשטאַנען בּלייך ווי קרייד און האָט געשטריקט די לעצטע זאָק פאַר מיר.

די בּרידערלאַך זענען געזעסען שטיל אין די ווינקעלעך, די הענטליך אין די קעשענעס און געגלאָצט מיט די קינדערשע אויגען.

דער טאַטע האָט בּעצאָהלט ווייסע, זילבּערנע מטבעות מיט אַ בּיטערע איראָניע אויף די ליפּען.

— פּופּצעהן רובּל וועט גענוג זיין? האָט ער מיך אַ פרעג געטהון און מיט איראָניע מיך אָנגעקוקט.

— גענוג.

— הייסט דאָס פאָהרסטו טאַקי?

— איך פאָהר.

— בּאַלד פאָהרט שוין אָן די בּויד!...

— איך ווייס.

מיר האָט הנאה געטהון דער מאַמע'ס שרעק, און דעם טאַטענ'ס איראָניע האָט מיך גערייצט. בּין איך געשטאַנען קאַלט און האַרט ווי אייזען און אָבּגעהאַקט געענטפערט.

צום סוף האָט דער טאַטע ניט אויסגעהאַלטען, אָנגעחמורעט די בּרעמען און מיט כּעס אַ זאָג געטהון:

— נאָר זאָלסט וויסען אַז אַ קאָפּיקע וועל איך דיר מעהר ניט שיקען!

— גוט.

— מעגסט דאַרטען אַפילו אויסגעהן פון, פון, הונגער...

— גוט.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון צושאָטענע, אויפ'ן טיש, מטבעות און דער טאַטע איז אָבּ אָן אַ זייט, בּאַמערקט די קלענערע בּרידערלאַך, צוגעגאַנגען האַסטיג צו איינעם פון זיי. אראָבּלאָזען איהם פלוצלונג אַ פייערינען פּאַטש און אַ געשריי געטהון.

— און די אוראָקעס זענט איהר קראַנק צו מאַכען?!

דערנאָך בּין איך עפּעס געפאָהרען אין מיטען דער נאַכט אין אַ איינגע בּויד, וואָס איז געווען געפּאַקט מיט מענשען און מיט פּעקלעך, אַלע פּאַסאַזשירען זענען געזעסען צונויפגעקוועטש, גערדעמעלט און געפּיקעט איינער דעם צווייטען מיט פאַרשלאָפענע לאַנגע

נעזער. מיך האט מען פארקוועטשט ערגעץ אין א ווינקעלע. וואס איך האב זיך מעהר געטולעט צום בויד האט מען מיך אלץ מעהר געדריקט. איינער א שלאפעריגער מגושמ'דיגער יוד, א קצב אדער א וואלד סוחר, האט מיר אריינגערוקט א גרויסען קאלאש אין שויס אריין און בשום אופן האב איך זיך פון דער גרויסער פוס ניט געקענט ראטעווען. אונמעגליך איז געווען א ריהר צוטהון זי פון ארט, האב איך געמוזט שווייגען, שווייגען, שווייגען און קוקען ווי פארביי מיר לויפען דורך פעלדער. נאסע אסיען פעלדער בעדעקטע מיט האלב צוגאנגענעם שניי, שווייגען און זעהען ווי דאס לעצטע פייערעל פון דעם איינגעשלאפענער שטעדטיל רוקט זיך און רוקט זיך און ווערט פערשוואונדען, ווי הוילע בוימער שושקען זיך עפעס, ווינקען זיך איבער מיט דארע שווינדזיכטיגע צווייגען, זאגען עפעס נבואה. און טייטלען אויף מיר ווי משונה'דיג גרויסע פינגער.

— אז איך וואלט געוואלט, האב איך איצט געקענט רוהיג שלאפען, אין דער היים, דארטען, אויפ'ן קושעטקע.

אזוי האב איך מיר געטראכט און ביטער ווי א דערוואקסענער מענש געשמייכעלט אין דער פינסטערער בויד, אז דאס שטאדט-לעבען, אז דאס רוהיגקייט פון שטעדטיל האבען מיר געצויגען. ביידע האבען געצויגען און ביידע האבען געשראקען. דאס שטעדטעל האט געשראקען מיט איהר פערגאנגענהייט, די גרויסע שטאדט מיט איהר צוקונפט, און איך „14 יאהריגער בחור" בין געהאנגען אין דער פינסטער צווישען ביידע מאגנעטען און געטראגען זיך מיט דער אנגעפאקטער בלאטיגער בויד איבער נאסע וועגען און פעלדער, און אלץ איינגעשמועסט זיך אז דאס פאהר איך, לערנען זיך, לערנען, לערנען, ווערען א דאקטאר, א פראפעסאר. לערנען זיך, לערנען זיך.

און דער נאסער וואלד האט זיך אויפ'ן בויד ווי א חמארע אנגערוקט. טרוקענע בוימער האבען זיך געשושקעט, שלעכטע נביאות אנגעזאגט און געטייטעלט אויף מיר מיט די הוילע צווייגען, ווי מיט אומגעלומפערטע שווינדזיכטיגע פינגער...

## II

מיין ערשטע דירה אין דעם גרויסען כרך איז איינענטליך געווען נישט מעהר ווי א יודישע שמוציגע אכסניא, אין וועלכער איך האב געוואהנט א טאג מיט א נאכט. נאר איבערגעלעבט האב איך אין דער 24 שעה'דיגער דירה נישט ווייניגער ווי אין אנדערע דירות אין וועלכע איך האב גאנצע חדשים אבגעלעבט אין דער פרעמד.

פערפיהרט האט מיך אין דער ערשטער דירה מיינער א שטיקעל קרוב, וועלוועל האט ער געהייסען, מיט וועלכען איך האב זיך געטראפען אין וואגאן עטליכע סטאנציעס פאר אדעס. דאס איז געווען איינער פון די קרובים וואס זיין טאטענס שוועסטער איז מיין באבעס א מוהמע" און אז מען בעגעגענט זיך פלוצלונג איז מען יוצא מיט דעם, וואס מען גיעט טרוקען א שמייכעל און מען רופט אויס: „א!" און נאכ'ן „וואס מאכסטו" איז שוין נישטא וואס צו רעדען.

נאר פיהלענדיג זיך זעהר עלענד צווישען די גליטשיקע פאליצעס מיט די פרעמדע, הארטע פעקלעך; צווישען שכורע סאלדאטען און פערשמייעטע יידען. האב איך זיך מיט וועלוועלען דערפרעהט ווי מיט אנ'אייגענעם ברודער. און וועלוועל האט מיר תכף דערוויזען זיין גרויס ליעבשאפט צו מיר און צו מיין משפחה און האט ביי מיר אויפגעגעסען די גאנצע ווארשט מיט די קעז מיט די עפעל וואס די מאמע האט מיר געגעבען אויפ'ן וועג, און דערנאך פריינדליך אוועקגעזעצט זיך מיר „דערצעהלען פון זיינע געשעפטען און גליקען ביז סאמע אדעס.

אחוץ דעם, וואס וועלוועל איז געוועזן א הויכער, אדארער, אנאזיגער מיט נאריש-קורצע הויזען, איז ער אויך געווען אנ'עכטער טיפ פון א וואנדער-בחור און א ווינד מענש; — איינער פון די שלימזלניקעס וואס חאפען זיך פאר אלץ און האבען גארנישט; וואס טויזענד פלענער איז ביי זיי אין קאפ און קיין איינציגער גראשען אין קעשענע. איהר ווילט א בוכהאלטער איז ער א בוכהאלטער. אפשר גלויבט איהר נישט? גיעט ער זיך א פארקע אין זיין קרעכצענדער קערבעל מיט לאנגע בלייכע פינגער און שלעפט אייך ארויס א פאפיר מיט גאלדענע אותיות און איהר לייענט בפירוש,

אַז „וועלוועל חײַמאָוויץ" האָט געענטפֿערט אויף 114 שאלות אין חכמת־הבוכהאַלטעריע. בקיצור... הײַנט וואָס איז די צוויי חדשים וואָס ער האָט פּראַקטיקירט אין אַ קאַנטאָר פֿון שוכוואַרג און האָט גענומען צוועלף זילבערנע רובל אַ חדש? לערערײַ זאָגט איהר! איז ווי איהר זעהט איהם אַ יורען, ווי ער האָט געהאַט אין טעלעגשטיבל אַ גאַנצען חדר מיט אַ נאָמען מיט, מיט אַ בלעכענעם שילט: „מעלאַמעד וועלוועל חײַמאָוויץ" ער האָט דעם שילט געלאָזען בײַ זיך „נאַ פּאַמיאַט" צום אַנדענקונג הײַסט דאָס, אָט ליעגט עס בײַ איהם אין קערבעל, אויב איך וויל קען איך עס זעהן, אַ רובל מיט פֿופֿציג קאָפּיקעס האָט איהם דער שילט „אָפּגעקאָסט" צי אפֿשר גאַנצע — צוויי, ער געדענקט שוין נישט גענוי... און וואָס איז אַ סוחר? און וואָס איז אַקאָמי־וואַיאַזשאָר? ער האָט דאָך געהאַנדעלט מיט גאָלדוואַרג אין מיט שטעמפּלעך און איז אַרומגעפֿאָהרען מיט ביכער און מיט אַפּטייק־שאַכטלעך, אָט היטען זיך נאָך בײַ איהם די פּרייז קוראַנטען; זאָל איך אַרײַן קוקען, אַדרבא. אַגב איז ער אַ חימיק ד. ה. ער קען גוט חימיע, און האָט זיך דערווײַלע נאָר אויסגעלערענט מאַכען שפּיגעל און זייף און סינקע, נו סינקע האָט ער דאָך אפֿילו דורך בריעף געלערנט מאַכען, דרײַ רובל פֿון פּערזאָן האָט ער גענומען, אָט איז נאָך בײַ איהם גאַנץ דער בלאַט־צײַטונג, וואו ס'איז געווען געדרוקט די סינקע־מודעה; נאָר איצט האָט ער אַ נײַע ערפֿינדונג וואָס האָט איהם „בלוט און געלד" אָבגעקאָסט. ער האָט זיך איצט אויסגעלערענט מאַכען אַזאַ מין „באַלזאַם" צו שוואַרצען און בענײַען אָבגעריבענע, שטאָלענע זײַגערס. גיעב איהם נאָר גאָט הונדערט קאַרבען ווי ער וואָלט זיך געמאַכט אַ קלײַנעם פֿאַבריקעל פֿון דעם דאָזיגען באַלזאַם, ווי ער וואָלט גליקליך געווען, און מכּח דעם טאַקי פֿאָהרט ער אין אָדעס, זוכען אַ שותּף פֿאָהרט ער דאָס ער האָט שוין צו דעם אפֿילו אַ נאָמען: „נעגרינאָן", וויל ער דעם באַלזאַם אָנרופֿען. אַזוי ווי אַ נעגער איז שוואַרץ אַזוי ווערען פֿון דעם די אָבגעריבענע זײַגערס אויך שוואַרץ, — און דעם סופֿיקס „נאָן" גיעט ער צו כּדי עס זאָל קלינגען פֿראַנצויזיש, פּונקט ווי פֿון אויסלאַנד, וואָס? ווי זאָג איך? נײַן?

דאָ האָט ער גענומען שלינגען דאָס שפּײַעכטס פֿון איפּרעגונג און זײַן שפּיציגער גאַרגעל האָט איהם גענומען טאַנצען אַרויף

און אראָפּ, גיך, גיך ווי אַ טײַוועל. ער האָט זיך אַ פּאָרקע געטהון אין זײַן קערבעל און ארויסגעכאַפּט פֿון דאָרטען מיט נצחון אַ פּאָר קלײַנע פּערקופּערטע פּלעשעלעך מיט עפּעס אַ פּליסיגס; לאַנגזאַם מיט גרויס פּערגניגען — ארויסגעצויגען פֿון זיי די קאָרקען און געשטופּט עס מיר גלײַך אין נאָז אַרײַן — איך זאָל שמעקען. פֿון אײַן פּלעשעלע האָט מיר אַ שפּאַר געטהון מיט אַ שטיקענדע זויערס און פֿון דער אַנדערער מיט יאָלקע עהל; נאָר וועלוועל'ס פּנים האָט בשעת מעשה אַזוי געלויכטען, אַז איך האָב איהם געמוזט טהון דאָס צוליעב און אַ שמײכעל טהון און זאָגען: יאָ", מיט אַזאַ טאָן פּונקט איך וואָלט גוטע פּערפֿומע דערשפּירט.

יאָ אומגליקליך איז ער וואָס ער האָט „קאַקראַז" נישט קײַן הונדערטער, לכל הפּחות אַ פּופֿציגער, נאָר מיט גאָטעס הילף, אָט אין אַדעם, וועל איך אַלײַן זעהן. יאָ, אגב, אפשר האָב איך אַ צוויי רובל ביז אַדעם. מעהר דאַרף ער נישט. דאָרטען ווו ער קומט אַיז, מעהר דאַרף ער נישט. וואָס, נײַן אפשר?

איך בין אַ ביסעל מבולבל געוואָרען פֿון דער פּלעצליכער קלאָץ־בקשה און מיט אימפּעט געכאַפּט זיך צום בײַטעלע.

וועלוועל ציהט אויס זײַן דאַרען האַלז פֿון שמוציגען פּאַפּירענעם קאָלנער און קוקט מיר אַרײַן אין בײַטעלע מיט אײַן אויג — ווי אַ האָן דער וועהענדיג אַ קערענדעל.

— אָהאָ ביסט דאָך גאָר אַן עושר!

— זיבען קאַרבען איז מיר נאָר געבליבען. — ענטפֿער איך און ווער עפּעס פּלוצלונג אַנגעשטויסען אויף וועלוועלען פֿאַר זײַן קריכען.

— און וויפֿיעל האָסטו פֿאַר'ן פֿאָהרען געהאַט? אַ ודאי...

— פּופֿצעהן! חאַפּ איך אונטער מיט גדלות, און קוק וואָס פֿאַר אַ רושם עס וועט מאַכען אַזאַ ציפֿער אויף וועלוועלען.

— אָהאָ? מאַכט וועלוועל און קוקט מיר אַלץ מיט אײַן אויג אין בײַטעלע.

איך דערלאַנג איהם צוויי רובל פֿון מײַנע זיבען, און וועלוועל נעמט עס צו עפּעס נישט ווילענדיג מיט די שפּיצען פֿינגער, און קוקענדיג אין פֿענסטערל פֿון וואַגאָן גיעט ער עס אַ וואָרף אַרײַן אין וועסט־קעשענע ווי אײַנער זאָגט: אויך מיר געלד.

איך פֿערשטעה מיט אַמאָל דעם קלײַנעם ווערטה פֿון די

אָרעמע פינף רובל, וואָס מיר איז יעצט געבליבען, ס׳וועט עפּעס אומעטיג אויפן הארצען, עס ווילט זיך אז וועלוועל זאָל מיט מיר רעדען, דערצעהלען ווי עס לעבט זיך דאָרטען, ער זאָל מיר מאַכען גרינגער. נאָר ער זיצט שוין קאַלט. זיין געפלאָכטענע קערבעלע מיט די פּרייזקוראַנטען האָט ער פערשלאָסען, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף איהר מיטן עלענבויגען און גענעצט. אפילו אַן זיין „געגרינאָן" האָט ער פערגעסען.

— וועלוועל, פרעג איך איהם און קוק איהם אָן מיט געבעט, אויף וויפיעל קען זיין גענוג פינף רובל, דאָרטען?

— כ׳ווייס! גענעצט וועלוועל, — אויף אַ וואָך, אויף אַנידערטהאַלבען.

מיר ווערט קאַלט אין רוקען און אין האַלז ווערט שווער, דאָך סטאַרע איך מיך אַביסעל אָבדינגען:

— און איך רעכען אז אויף אַ גאַנצען חודש. וועלוועל, אַ? ועסט זעהן.

— אָ! גענעצט וועלוועל מיט בטול. —

— און אויף דריי מאָכען אויך נישט?

— אפשר...

„פערפאַלען, קלעהר איך, מיין הלואה" — און קוק אָן וועלוועלען מיט שנאה.

— הער נאָר, אפשר ווייסטו עפּעס פון אַ סטאַנציע?. אַ וואָלוועלע, ביז וואַנען כ׳וועל אַ דירה קריגען.

וועלוועל לעכט פלוצלונג אָב ווי אַ נוסס׳דיגער פיש אין אַ מולטער מיט וואַסער.

אָ, ער האָט פאַר מיר זעהר אַ גוטע אכסניא. די בעליבתים זענען מיט איהם אוהבים נאמנים. אגב וועט ער שוין מיט מיר צו פאָהרען אויף איין דראָזשקע; נישט וויים פון דער אכסניא פערפאָהרט ער צו אַ געוויסען מענשען, און אָט דער געוויסער מענש האָט פאַר איהם אַ שותף, אויך אַ געוויסער-מענש, און די אכסניא וואוהין ער וועט מיך פערפיהרען איז זעהר אַ גוטע, און זעהר אַ ביליגע, און קיין בעסערע ווייס ער נישט אין גאַנץ אדעס. וואָס, ניין? אפשר גלויב איך נישט?

## III.

לאנג זענען מיר געפאהרען אויף א דראזשקע און געדרעדט זיך אין שמאלע געסלעך, ביז מיר זענען צוגעפאהרען צו יענער הויז וואו וועלוועל האט געהייסען דעם פוהרמאן.

און כדי צוצוקומען צו דער אכסניא גופא, האט מען פריהער גערדארפט דורכגעהן א לאנגען שמוציגען הויף; נאכהער א פינס־טערן, פינסטערן קארידאר אין וועלכען מען געהט אפריהער גלייך, גלייך און מען טאפט, נאכהער בעקומט מען א זעץ אין רעכטען זייט און דאס גיעט צו פערשטעהן אז מען דארף זיך נעהמען לינק׳ס. דאן פערטשעפעט מען זיך אן א פוסטער פאס, וואס גיעט אב שלום־עליכם מיט א הילכיגען „בום", באלד נאך דעם פעסעל, אויב מען איז פארזיכטיג און מען פאלט נישט, דערשפירט מען מיט די פיס אנ׳עק פון א שמאלען טרעפעל אהן א פארענצע, מען הויבט זיך אויף איהם מיט מסירת נפש, און מען טאפט אן א קאלטע אייזערנע קליאמקע, וואס איז שטענדיג איינגעשמירט אין העריגג ראסעל און מען טראטעוועט ארייין אין סאמע טרקלין.

פאראוים איז געגאנגען וועלוועל מיט זיין קערבעלע און נאך איהם איך מיט מיין פעקעל. טאפענדיג די ווענד מיט לאנגע, דארע הענד, האט מיר אלץ וועלוועל געגעבען צו פערשטעהן:

... אז דא איז א ביסעל פינסטערלעך, אז ביי טאג ציגדט מען אין גאנץ אדעם נישט אן קיין פייער אין די קארידארען, אין גאנץ אדעם. אפשר גלויב איך נישט? אט וועל איך זעהן, נאר דא דארף מען זעהן, ווי א מענש. ס׳איז אפילו דא נאך א טהיר, א גלעזערנע, א פאראדנע, נאר איבער יענער האט ער נישט ליעב צו געהן. דארטען איז, פאמעלעך, פאמעלעך. אביסעלע אן א זייט, ער איז שוין דא געניט, ווייל.

דא האט מיין געניטער וועג־ווייזער אליין בעקומען א קלאפ אין איינעם פון די אויבערשטע חלקים פון זיין בייגענדיגען גוף און געמאכט א שוויינ—הויבענדיג זיך אויפ׳ן טרעפעל האט ער זיך צו מיר א קעהר געטהון:

— ווה. דו האסט זיך נישט אנגעקלאפט?

— ניין.

זעה, און איהם האָט זיך געדאַכט, ער האָט עפּעס גע־הערט.

אַז די טהיר האָט זיך אונטער אונז צוגעמאַכט, האָט מיך אַ שטיק געטהון אַ שווערע לופט אָנגעזאַפּט מיט ווילגאָטש און איך בין ווידער געבליבען שטעהן אין דער פינסטער, כאָטש דאָ איז דער חושך געוועזען אַביסעל שיטערער ווי אין „קאָרידאָר". אַרום מיר האָבען שאָטענס פון מענשען געמאַכט בעוועגונגען. ווערטער און קולות האָבען זיך געלאָזט הערען, און אַ הייזעריגער קוויטש פון אַ יודענע — איבער אַלע קולות. אין דער ערשטער מינוט בין איך נישט געוועזען זיכער, אַז איך זעה דאָס אויפ'ן וואָהר, אַז דאָס וואָס אַרום מיר איז טאַקי אַנ'אמת. אין מוח איז מיר נאָך געשטאַ־נען דאָס קלאַפּעריי פון די וואַגאָנען רעדער, רונדע און פלאַכע פּייזאַשען האָבען זיך נאָך געדרעהט און געלאָפען פאַרביי; נאָר ביסלעכווייז האָב איך גענומען בעמערקען, אַז איך שטעה אין אַ היבשען צימער, און וועלכען ס'איז נישטאָ קיין פענסטער, אַ חוץ אַ גלעזערנע טהיר אין דער פאָדערשטער וואַנד, און אַפילו די דאָ־זיגע אָרימע טהיר, האַלב פון ברעטער האַלב פון גלאָז, איז אויך פערשטעלט פון דרויסען עפּעס מיט מיאוסע, הילצערנע בנינים, און איז דאָס איינציגע וואָס ברענגט אַריין אין צימער אַ גראָהען אָבשיין — אַ זֵכר, אַז עס איז דאָ אַ זון אויף דער וועלט. אין די זייטיגע וואַנד פון צימער האָבען זיך געזעהן, שוואַרצע און לאַנגע פיער קאַנטיגע לעכער, אָדער אָפענע טהירען, וואָס פיהרען אַריין אין נאָך מעהר פינסטערע צימערן. דער אַרכיטעקטאָר פונ'ם הויז האָט זיך, קענטיג, שוין איינמאָל משתדל געוועזען, אויעקנעלענט זיין גאַנצע קענטשאַפט און טאַלענט אינ'ם דאָזיגען פּאַרטער, אַז אין איהם זאָל קיינמאָל קיין איינציגער שטראַהל נישט אַריינקוקען, קיין איינציגער שיינדעל פון דער זון, פונקט ווי ער וואָלט געוואוסט אַז ווען נישט איז וועל איך קומען אין אַדעם און וועלוועל וועט מיך פערפיהרען דוקא אַהער...

אין מיטען צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש צוגעדעקט מיט אַברודיגען, רויטען טישטוך. אַרום איהם, אין עביגען שאָטען און שטענדיגען ווילגאָטש, זענען געזעסען פרעמדע פנים'ער און געזופּט טיי, געקלאַפּט מיט בלעכערנע טשייניקעס און גערעדט מיט אַלערליי קולות. איינער אין אַ קאַרטוז. קענטיג אַ ניי, האָט

אַלץ געקלאַפּט מיט׳ן פּױסט און עפּעס געטענה׳ט אויף רוסיש.
און געגאָסען פון אַפּלעשעל אין די טײ וואָס ער האָט געזופט.

— אַט דאָס איז די שטאָדט? — איז מיר דורכגעלאָפען אין מידען מוח — אַט אַזוי לעבט מען דאָס אין שטאָדט!

— נו, וואָס? האָסט דיך צוגעקוקט! — גיעט מיר װעלװעל אַ זאָג מיט נצחון.

איך האָב געשוויגען.

— קוק זיך גוט צו! — גיעט מיר װעלװעל אַן׳עצה און בויגט זיך איין כדי אַריינצוקוקען מיר אין פּנים.

און װעלװעל געפינט, אַז איך בין נישט קיין מבין אויף דער אַכסניא. דאָ איז נאָר דער זאַל, די צימערען זענען אָן אַ זייט. דאָ װעל איך קענען טרינקען טײ, װען איך װעל װעלען. מען דאַרף נאָר געבען אַ קאָפּיקע אויף טײ און אַ קאָפּיקע אויף געקאָכט װאַסער, װאָס? אפשר ניין?

איך האָב געשוויגען.

כדי צו מנצח זיין מיך אינגאַנצען האָט מיך װעלװעל אַ שלעפּ געטהון פאַר׳ן אַרבעל און אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער.

— דו זעהסט? אַט דעם, דאָרטען, דאָס איז דער בעל־הבית אַליין, זעהר אַ װאוילער מענש. מיינער אַ פריינד, זעהר אַ װאוילער. דו גלויבסט נישט?

װעלװעל האָט זיך אויף אַ װײלע אָבגעקעהרט רעדען מיט עמיצען און האָט מיר געגעבען צייט צוקוקען זיך צו זיין פריינד.

אָן אַ זייט, נעהנטער צו דער גלעזערנער „פּאַראַדנער" טהיר, נעבען אַ בעזונדער טישעל, איז געזעסען אַ בעזער יוד מיט אַ צו־שויבערט געלען באָרד און האָט מיט׳ן מויל אַליין געטהון דריי מלאָכות פאַר אַ מאָל: געגעסען רעטעך מיט שמאַלץ, געלערענט חומש מיט אַ בלייכען באַרפּיסען אינגעל און געקריגט זיך מיט דער װייב.

מיט דער לינקער האַנד האָט ער געקניפּען שטיקערווייז פון אַ שפּיציגען און פלאַכען לאַבען ברױדט, געװאָרפען עס אין מויל אַריין און אונטערגעשטופּט מיט גראָב־בעזאַלצענע און בעשמאַל־צטע שטיקלעך רעטעך, און מיט דער רעכטער האַנד האָט ער געטייטעלט אין חומש אַריין, אָדער געריסען דעם אינגעל פאַר׳ן אויער, און צווישען קייען און לערנען האָט ער נאָך אַלץ אויס־

געמערקירט נישט צו פערשווייגען דער ווייב. די אויגען זענען איהר געוועזען אנגעגאסען מיט ביטערניש פונ'ם רעטעך און מיט גרימי־צארען; אויפגערעגט, מיט רציחה, האט ער געמאהלען מיט די יאשלעס, געסאפעט און געמישט זידלעריי מיט טייטשווערטער צו־זאמען:

— יאט וועלען מיר זעהן, זאג! ויתרוצצו: האבען זיך געשטויסען — נו, הבנים, די אינגלעך די, די זיהן, די זיהן. זי וועט דא מיר נישט נעבטינגען זאג איך דיר, הולטייקע. בקרבה, אין איהרע אינגעווייט. נבלה, דער בעל־הבית בין איך דא. זאג ותאמר: האט זי געזאגט. האט ווער געזאגט? יא, האט רבקה געזאגט. איך דארף נישט, אז שכורע קצבים זאלען צו מיר קריכען ביינאכט אין שטוב... היינט למה—ווארום, זה — דאס, אנכי — איך?

זיין ווייב האט מען נישט געזעהן. נאר איהר הייזעריגער קולכ'ל האט געגרילצט פון א פינסטערער קאנורע ארויס, פון דער קאנורע האט נאר ארויסגעקוקט אטעמפער זייט פון א פליטע:

— פארצעדינער מיינער, מען פרעגט דאך דיר נישט. האסט בעסערע פרנסות? דו פרעסט—פרעס! דו געהסט אויף דיינע אורניקעס — געה! חאטש כף־הקלע, מיט דיר אויף צופוקעניש!

און די פרעמדע פנים'ער ארום דעם לאנגען טיש האבען רוהיג געטרונקען טיי, געקלאפט מיט בלעכערנע טשייניקעס, נישט געבענדיג זיך אפילו א קעהר אין יענעם זייט. און א ריח מיט קעלט און מיט אלטען, אלטען ווילגאטש האט געטראגען פון דעם צימער, פון אלע זיינע מענשען, פון אלע קולות וואס שוועבען און שטיקען זיך אין זיין שווערער לופט, און מיר איז דאס אלץ אויסגעקומען אזוי אוננאטירליך, פרעמד און אביסעל שרעקליך. ס'האט זיך זעהר געוואלט ארויסלויפען, אוועקלויפען פון דאנען, לויפען צו די בלאנקענדע וויסטאוועס פארביי וועלכע איך בין דורכגעפאהרען אויף דער דראזשקע, צודריקען זיך מיט'ן הייסען שטערען צו זייער געשליפען־קאלטען און גלאטען גלאז און קוקען, קוקען, קוקען. דארט איז אלץ אזוי רייך און ריין, אלץ איז מיט רויטען און גרינעם סאמעט אויסגעדעקט. — נאר מיין פעקעל איז געווען צו שווער — ער האט מיך צוגעשמידט צו זיך און איך אליין בין געווען צו מיד און צובראכען פון וועג. און

מיט נאָך שטאַרקערע בענקעניש האָב איך געטראַכט וועגן דער ווײַבער סאַפּקע, וואָס איך האָב איבערגעלאָזען אין דערהיים.

— אָט האָט איהר אײַך! — חאַפּט מיך אָן פּלוצלונג וועלוועל פֿאַר'ן האַנד און פֿיהרט מיך צו מיט גדלות צו דעם געלען יודען, — שלום עליכם! גיעט דעם יונגען מאַן אַ צימער, אָבער אַ רעכטען...

דאָ האָט זיך צו איהם וועלוועל אײַנגעבויגען און אַרײַנגערוימט אַ סוד אַז אַלע האָבען געהערט:

— דאָס איז מײַנער אַ קרוב. זײַן טאַטע איז דאָס פֿון די מאָסקווערן, פֿון די גבירים, נאָכ'ן גרוש, האָט אפשר אַ האַלבען מיליאָן רובל. וואָס אפשר נײַן? איהר גלויבט נישט?

— וועלוועל! האָב איך איהם שטיל אַ שלעפּ געטהון פֿאַר'ן אַרבעל און אָנגעשטעלט אויף איהם פֿערוואונדערטע אויגען.

## V I.

דער געלער יוד האָט קודם־כל געגעבען דעם באָרפּיסען יונגעל אַ פּראַסק אין מויל — אַ צײַכען אַז ער זאָל זיך אָבשטעלען; נאָכהער אָבגעשטופּט פֿון זיך דעם טעלער מיט רעטעך און אַ געשרײַ געטהון צו דער שוואַרצער לאָך פֿון וואַנען די פּליטע האָט אַרויס־געקוקט:

— שטום שוין דאָרטען אַ ווײַלע, הולטײַקע.

— ווער אַליין שטום! האָט געענטפֿערט אַ בת־קול פֿון דער פֿינסטערער קיך.

און דער יוד האָט זיך צו מיר אַ קעהר געטהון.

— אַ בעטעל, צי אַ מעבלירטען צימער?

— אַ צימער צי אַ בעטעל! — האָט איבערגעחזר'ט וועלוועל.

— אַ צימער.

— ער וויל אַ צימער. — האָט וועלוועל געגעבען צו פֿערשטעהן.

איך בין געבליבען שטעהן מיט'ן פּעקעל אין האַנד און געוואַרט הינטער דער גלעזענער טהיר. דרויסען האָט געקאַכט,

און פֿערשמאָלצענע ווײַבער מיט קאָשיקעס און מיט פּאַרטיכען פֿולע מיט פֿיש האָבען זיך דאָרטען אַרומגעדרעהט און עפּעס געשריען מיט ברייטע בלאָהע מײַלער. — אַ פֿיש מאַרק.

דער יוד האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט רויטע אויגען און פּלוצלונג אַ געשריי געטהון אויף מיר:

— טו וואו איז צוואַנציג קאָפּיקעס?

וועלוועל האָט אונטערגעהאַפּט:

— נו—יאָ, פֿאַר וואָס גיסטו נישט צוואַנציג קאָפּיקעס?

איך האָב זיך דערשראָקען, און געהאַפּט פּאָרקען זיך אין קעשענע, שטאַמלענדיג:

— אָה! ניין, איך האָב געמיינט אַז זיי, אַז נאָכהער.

— ער האָט געמיינט אַז מ'קען נאָכהער. האָט וועלוועל פֿער טײַטשט.

— צוליעב וואָס זאָלט איהר קלויבען חובות. מאַכט צו מיר דער געלער יוד אַ ביסעל ווייכער.

— און טאַקי אַזוי! – איז מכבּים וועלוועל – וואָס דאַרפֿסט קלויבען חובות?

און איך אַלין דערפֿיהל שוין טאַקי, אַז איך בין אַ שרעקליכער בעל־חוב און חאַפּ וואָס גיכער אַרויס די מטבע פֿון קעשענע.

צונעמענדיג דעם זילבערנעם פֿערציגער, ווערט דער יוד ווײַטער בייז און גיט אויף מיר ווידער אַ געשריי:

נו, געהט! מען וועט אײַך שוין געבען.

ערשט דאָ בעמערקט ער וועלוולען און גיט איהם בחפֿזונדיג אַ שטעק אַריין און אַ שלעפּ אַרויס די האַנד:

— אָ, דאָס זענט איהר? עליכם שלום.

און נעמט זיך ווידער צו דעם רעטאַך און צום באָרפֿיסען אינגעל מיט'ן חומש.

— הערסטו, קען איך איהם נישט ליידען, מאַכט צו מיר וועלוועל אָבגעהענדיג פֿונ'ם יודען, – ער איז אַזאַ פּאַסקודניק, וואָס ניין אפשר!

— הלואי, ווער איך שוין פּטור פֿון דיר. – טראַכט איך מיט אַ שווער געמיהט.

אין קיך האָט אונז איבערגענומען אַנ'איינגעבויגענע פֿער חשכ'טע יודענע און אַריינגעפֿיהרט אין אַ צווייטען צימער. דאָר־

טען איז געווען נאָך פינסטערער ווי אין זאַל. דאָך האָט מען דײַטליך געקענט בעמערקען אַ מין לאַנגע קאַסטען פון נײַע, ניט געקאַלכטע ברעטער, מיט אַ גאַנצע שורה- שמאָלינקע, הילצערנע טהירלעך מיט ברעטלעך. מיט בײדע זײַטיגע ווענדלעך איז די קאַסטען געווען צוגעשפּאַרט צום וואַנד און איז אַ שטיק נישט דערגאַנגען צו דער סטעליע. הינטער איהר איז געווען אַ פרײַער שטיקעל אָרט, און פון דאָרטען האָבען מיט חשד אַרויסגעקוקט אַ סך צוזאַמענגעלעגטע און אויפגעשטעלטע בעטלעך.

אין אײנע פון די הילצערנע טהירלעך האָט די יודענע שטרענג אָנגעקלאַפּט און הײזעריג אַ גריליץ געטהון.

— פּאָסאָל וויאַזשע אָטטודאָווא.

באַלד אַ חאַפּ געטהון די נאָז אין ברודיגען פאַרטוך, אַרײַנגעשנײַצט און אַרײַנגעשאָלטען אַהין אַ פּאָר מאָל און ווידער אָנגעקלאַפּט.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קרעכץ פון אַנ'אײַזערן בעטעל און עפּעס האָט אַ בריל געטהון ווי אַ דבר אחר ווען מען טרײַבט איהם פון זײַן וואַרעמע בלאָטע. — די טהירעל האָט זיך אָבגעקײטעלט און צווײ פינסטערע פיגורען האָבען זיך פון אינוועניג אַרויסגערוקט. אַנ„ער" און אַ „זי". בײַ בײדע זענען די פּנימ'ער געווען פינסטער, די אויגען מוטנע, די האָר צושויבערט. בײדע האָבען זיך נישט פעסט געהאַלטען אויף די פיס. — פון דער פינסטער זענען זײ שטומענדיג אַרויסגעשוואומען, און שאָקלענדיג זיך ווי שאָטענס זענען זײ אין דער פינסטערניש אַוועקגעשוואומען.

— הם, האָט וועלוועל דערוואָרגען אַ מעקע געטהון.

— וועלוועל, האָב איך אָנגעהויבען און זיך אָבגעהאַקט.

— איהר קענט אַרײַן, — האָט אונז אַ בורטש געטהון די יודענע און איז אַוועק.

און מיר זענען אַרײַן אין „מעבעלירטען צימער".

פשוט רעדענדיג, מיר זענען אַרײַנגעקראָכען אין אַנ'אײַנפאַכען אײַער-קאַסטען פון וואָסערער מען האָט אַרויסגענומען די אויבערשטע דעק און אַרײַנגעשטעלט אַהין אַ קלײן אײַזער'ן בעטעל בײַ אַ גאָלען סיעניק, אָהן אַ לײַלעך, אָהן אַ קישען, נישט קײן שבת האָט זיך געזעהן, נישט קײן טישעל. אין אײן ווענדטעל האָבען

נאָר געסטאַרטשעט אַ פּאָר שוואַרצע קעפּלעך פֿון נעגעל און האָבען זיך מיר אָנגעשלאָגען אויפֿצוהענגען אויף זיי בגדים.

וועלוועל האָט בלומרשט מיט גרויס כּונה בעטראַכט דעם צימער, רייבענדיג זיך די הענד און אַריינקוקענדיג מיר אין די אויגען. זיינע נאָזלעכער, אויף וויפֿיעל ס'איז געווען מעגליך צו זעהן, האָבען איהם געציטערט פֿון געמאַכטע צופֿרידענקייט.

— אַז דו קוקסט זיך נאָר נישט צו! – מאַכט ער צו מיר מיט אַ שמייכעלע וואָס האָט בעדייט: איך האָב הנאה זאָל דער־אַנדערער אויך הנאה האָבען.

— וועלוועל! – האָב איך איהם איבערגעשלאָגען מיט אַ דומפּיגען קול – וואָס זענען זיי דאָ געווען? אָט די, וואָס זענען אַרויס פֿון דאַנען.

וועלוועל איז עפּעס מבולבל געוואָרען.

— וואָס? פֿון וואַנען זאָל ער וויסען? מענשען, קוואַרטי־ראַנטען זענען דאָס געווען. נו און אַז נוים איז וואָס געהער זיך דאָס אָן? מען האָט מיר געגעבען אַ בעטעל? און ביינאַכט וועט מען מיר נאָך געבען אַ ליילעך? נו דאַרף איך זיך לייגען און שלאָ־פֿען. וואָס אפֿשר ניין? וואָס מיין איך, אַז אָדעס איז אַ קליין שטעדטיל? וואָס וויל איך פֿאַר אַ פֿערציגער? און יעצט געהט ער אַוועק, מאָרגען אין דערפֿריה וועט ער ביי מיר זיין – אפֿשר גלויב איך נישט?

— וועלוועל, זיי דאָ נאָך אַביסעל, – האָב איך איהם אָנגעחאַפּט פֿאַר זיין קערבעלע, זיי נאָך אַ ווײַלע.

מיך האָט מיט אַמאָל גענומען שרעקען דער געדאַנק, אַז איך דאַרף בלייבען איינער אַליין אין דער הילצערנער קאַנורע, וואָס איז פֿול אָרעמקייט, פֿינסטערניש און אומעט, פֿון וואַנען יענע מיאוסע שאָטענס זענען אַרויסגעגאַנגען.

— וועלוועל האָט זיך אָבגעזאָגט: איך רעד ווי אַ אינגעל. ער איז דאָך פֿערנומען, ער איז שטאַרק פֿערנומען, ער מוז זעהן דעם געוויסען מענשען. וואָס? איך גלויב איהם נישט?

און איז אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל און געקוקט מיט טעמפּען חשד אין איין פּינטעל. די פֿיס זענען מיר געווען פֿערהלש'ט, נאָר עפּעס אוינס האָט מיר נישט געלאָזען צוזעצען

זיך אויפ׳ן בעטעל. עפּיס אַנ׳אומריינער סיד האָט איבער איהר געשוועבט. דער סוד איז געיועזן פערי אָלקעבט און האָט געקעלט און דאָך איז ער געוועזן אַזוי אומגעריבט, אַזוי ניי.

פאַרזיכטיג, פּונקט ווי איך וואָלט מורא געהאַט שטערען וועמען נישט איז, האָב איך צו זיך צוגערוקט מיין פּעקעל און אָבגעלאָזען זיך אויף איהם אַ מידער, אַנ׳ערענדער. בעהאַלטען דעם פּנים אין ביידע הענד און גענומען שעפּטשען אָהן אַ קול, פון שווערען אומעט:

— מאַמע, מאַמע.

— וואו בין איך דאָס? — האָט זיך מיר געפּלאָנטערט אין מוח זיצענדיג אויפ׳ן פּעקעל, וואָס טהוט זיך דאָס אַרום מיר? פאַר וואָס איז דאָ אַזוי פינסטער, אויפ׳ן גאַס איז דאָך נאָך האַלבער טאָג? וואָס זענען זיי דאָ געוועזן די שכורע שאָטענס? און אויפ׳ן גאַס איז ליכטיג, און אין „זאַל“ זיצען מענשען און זופּען טיי, מאָדנע. אָט דאָס איז די שטאָדט! אָט אַזוי לעבט מען דאָס אין אַגרויסער שטאָדט?

איך האָב זיך דערמאָהנט וואָס איך האָב אָט ערשט גע. שעפּטשעט און גענומען זיך אַליין איבער קרימען:

— מאַמע, מאַמע, פּונקט ווי אַ קליינער אינגעלע, און נאָך אין אַגרויסער שטאָדט.

שטילע טריט און אַ שעפּטשען הינטער דער ווענדטעל האָבען מיר איבערגעשלאָגען מיין שווערע שטימונג. איך האָב אַ ציטער געטהון, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געבליבען זיצען מיט ברייט פערנאַנדער געעפענטע אויגען.

— ווייטער אַ ער און אַ זי! — איז מיר דורכגעלאָפען אַ בריי הענדער געדאַנק, — ווייטער.

דאָס שושקעריי האָט זיך דייטליך געזייט דורך די דינע האַלצערנע ברעטלעך, ווייך געקייקעלט זיך אריבער דער נידעריגער ווענדטעל:

— קעצעלע, ווייבינקע.

— לאָז מיך, לאָז מיך, מען קען דערהערען. דאָ איז קיינער נישטאָ?

— קיינער נישט, אַלע טרינקען טיי, דער גוי איז אַוועק מיט זיין גויה.

— כ'ארא ווײַכע וואנצעם בײַ דיר איז, בײַ איהם איז אזוינע, פו!

— ווײַכע? כ'וועל צו דיר קומען בײַנאכט, הײַנט, קומען?

— מען דארף נישט, מען דארף נישט, בײַנאכט איז ער־גער, אזוינע ווענדטלעך.

— קעצעלע.

— דײַן טאטע קוקט אויף מיר עפעם אזוי, פונקט ווי איך בין דא אומזיסט.

— א דאגה האסטו. ער האט מורא א פנים פאר איהם א יוד.

— פאר איהם? אי געהן איהם אוים די יאהרען, א? א שטילער געלעכטער.

— און דו האסט נישט מורא?

— פאר דעם טבח? ווי פאראיאהריגען שנעע.

— שוין עטליכע מאל אז ער קריכט בײַ נאכט, שכור, ער סטראשעט.

— און איך שפײַ אויף איהם, בערעלע לאז מיך.

— אי ביזטו א שלעכטע, א שלעכטע, א שלעכטע.

ס'האט זיך דערהערט א ווײַכער קלונג ווי בשעת מען רײַסט אב א באנקע פון לײַב.

— בערעלע, בערעלע.

## V.

א בלײַכער מיט ציטערדיגע און פארזיכטיגע טריט האב איך זיך ארויסגעגנב'עט פון מײַן צימער'ל און ארײַנגעחאפט זיך צוריק אין „זאל“. דארטען האט געטראגען מיט ווילגאטש פון אלע ווינ־קעלעך ווי פריהער; און קײַנער האט פון גארנישט נישט געוואוסט. דער בעל־הבית מיט זײַן רעטעך מיט זײַן לאבען ברויט זענען שוין נישט געווען. נעבען קלײַנעם טישעל, צוגעטוליעט מיט'ן שטע־רען צום פערמאכטען חומש און פערשטעלענדיג בײדע באקען מיט בלײַכע, קויטיגע הענד. איז געזעסען דער בארפיסער יונגעל. געזעהען האבען זיך נאר זײַנע אויערען. זײַ האבען געפלאקערט

און געווען רויט ווי אָנגעגליהטע אייזען, פון צייט צו צייט פלעגען זיינע שארפע, איינגעבויגענע פלייצקעס א ציטער טהון און א קינדערשער זיפץ פלעגט זיך דערהערען און פלעגט פלאטערען ווי אין קאָנוואולסען—אַנ'עֶבֶא פון אפריהערדיגען געווייז.

און ארום דעם גרויסען טיש זענען נאך געזעסען עטליכע פרעמדע פנים'ער, פערשוויצטע און מידע נאך טיי-טרינקען. איינער א שווארצער פערוואקסענער יוד איז געזעסען אנגעשפארט מיט די עלענבויגענס אויפ'ן טיש. געהאלטען דעם קאפ איןביידע הענד, און עפעס געטראכט. די איבעריגע זענען געזעסען אנגעשפארט מיט רוקענס צו די ווענטלעך פון די שטוהלען און פויל איבערגעווארפען זיך מיט ווערטער אין דער פינסטערער לופט. רוהיג, גארנישט ווימענדיג זענען אויך געשטאנען די בויכיגע, בלעכערנע טשייניקעס אָבגעקיהלטע, מידע; נאר דער איין ערל מיט'ן קארטוז, וואס איך האב פריהער בעמערקט, האט נאך אלץ געצאפט פון זיין טשייניק, צוגיסענדיג אלע ווייַלע אין גלאז טיי פון א פלעשעל בראנפען, און צושיטענדיג מעהל-צוקער פון א פאפירענעם זעקעלע. ער האט געדרעהט מיט א גרויסען שכור'ן קאפ. געפויקט איבער'ן טיש מיט'ן פויסט, געטענה'ט עפעס, געווענדעט זיך דאס צו דעם דאס צו יענעם. עפעס מכח א „טעלעגראפטשיק" און מכח א „נאטשאלניק".

קיינער האט איהם נישט געהערט.

מיט א שווער געמיטה בין איך אומגעגאנגען איבער'ן זאל. אין קאפ איז מיר געשטאנען א זודיגער נעבעל און אין הארצען אבלייענע איינזאמקייט. די ערשטע שטריכען פונ'ם שטאדט לעבען און וועלכע איך האב זיך אנגעשטויסען האבען מיך צוטומעלט. די געדאנקען האבען זיך נישט געקלעבט, די אויגען האבען זיך נישט געפונען קיין ארט, און דער בארפיסער יונגעל איז אלץ געזעסען איינגעבויגען, בעהאלטען דעם פנים און האט געזיפצט. ער האט א פנים געטראכט, אז מארגען וועט דא אויך זיין אזוי פינסטער ווי היינט. און אפילו איבערמארגען וועט ער נאך אלץ נישט האבען קיין שיך און וועט נישט קענען ארום אויפ'ן גאס ווי אלע קינדער; און — אז אלע טאג וועט דער טאטע זיין בייז און וועט פאטשען און רייסען פאר די אויערען איבער'ן אלטען חומש. און אזוי נאך אסך טעג, אסך טעג.

די גלעזערנע „פאראדנע" טהיר האט זיך אנ׳עפען געטהון און צוזאמען מיט א שווערען ריח פון פישמארק האט זיך אין זאל אריינגעריסען א גאנצער שטראם פון שטיקלעך־ברעקלעך אויסגע־שריען און קללות מיט אלערליי קולות און נוסחאות:

— הו־הא, א קרענק, קאמבעלעס, פרישע, פרישע, די חאלירע, צוויי פונט, צוויי, מאדאם, מאדאם, א גילען, צרות דיר פרישע, הו־הא.

די טהיר האט זיך פערמאכט און די אבגעריסענע קולות און אויסגעשרייען זענען ווייטער דערטרונקען געווארען אין א נישט־דייטליכען הורושען.

און ס׳האט זיך געדאכט, אז א גרויסע מיאוסע בעשעפעניש האט אנ׳עפען געטהון איהר ריזיגען, נישט ריינעם פיסק און אין צימער איז אריין א הויך פון א אנגעשטאפטען קראנקען מאגען און צוריק א הויך געטהון אין עס פערמאכט. שטיל, עס הערט זיך נאר ווי די נישט געזונטע זאפטען בלאנדזען און געהרען אין איהרע ברייטע געדערים.

דאס איז אריינגעגאנגען די בעל־בית׳טע. דעם פארטוך האט זי צוגעהאלטען מיטביידע הענד און דארטען האט זיך עפעס געשלײדערט, געהענדיג צום קיך האט זי דעם פארטוך אויפגע־עפענט און אריינגעקוקט אהין מיט ליבשאפט. פון דארטען האָ׳ בען ארויסגעקוקט טעמפע מיילער. דערזעהענדיג מיך האט זיך די בעל־הבית׳טע אבגעשטעלט און אנגעקוקט מיך מיט קראנקע זויערע אויגען. דאך איז איהר פנים געווען אביסעל ווייכער ווי פריהער. געמוזט האנדלען א מציאה, האב איך א קלעהר געטהון.

— איהר, ווי רופט מען אייך? איהר ווילט טיי?

מיך האט כמעט ווי דערפרעהט, וואס אין אזא ווילדע פרעמדקייט וואו איך בין אריינגעפאלען, אינטערעסירט זיך מיט מיר אנ׳אומבעקאנטע יודענע, צי איך וויל טיי צי ניט, — און איך האב צו איהר דאנקבאר א שמייכעל געטהון:

— יא, איך וויל.

— טו ווייזט אהער צוויי קאפיקעס, גיט זי מיר אויף גיך א זאג אבווישענדיג די נאז, — צוקער האט איהר?

— כ׳האב.

— וואדט א ווילע, ע, ווי רופט מען אייך? באלד ברענג איך.

איך האָב זיך געשטעלט נעבען דער גלעזערנער טיהר און
פֿערנאַנדער געקוקט. אַ היבשער הויף, וואָס איז געדיכט געווען
אָנגעשטעלט מיט הילצערנע ביידלעך, פּאַליצעס, קאַסטענס און
קאַשיקעס, אומעטום האָט געגלאַנצט די בלאַטע און שאָלעכין
פֿון פֿיש האָבען געפֿינקעלט. אומעטום האָבען געצאַפּעלט פֿיי־
טע, לאַנגע רוקענס פֿון לעבעדיגע פֿיש און אומעטום זענען די
זעלבע פֿיש געלעגען קופּעס־ווייז אָבגעשטאַנענע, טויטע, גרויסע
קופּקעס און קליינע, טונקעלע און גלאַנציג־זילבערנע. דאָ און
דאָרטען האָבען סאָמען און אַנדערע ריזיגע פֿיש אויסגעשטעלט
זייערע נגידי'שע בייכער, אַז אַלע זאָלען זעהען, וואו נישט וואו
האָט זיך געוויטעלט אַ בערגעלע אָבגעבריהטע ראַקעס, — אַ
אַרימע הייפּעל גריינס, הערבסטגרינס, האָט פֿערשעמט אַרויסגע־
קוקט. אומעטום האָבען זיך געשטופּט גויאישע און יודישע פּנים'ער.
נעבען די ריינערע געוועלבלעך האָבען די פֿיש הענדלער געקאָ־
מאַנדעוועט איבער זייערע דינער ווי די פֿעלד־מאַרשאַלען, אין די
ברודיגע פֿאַרטיכער, מיט די לעדערנע קעשענעס, מיט די מע־
סערס ביי די זייטען. און אַרום די קאַשיקעס האָבען אַרומגע־
טאַנצט איינגעבויגענע יודינעס, איבערגעבונדענע מיט שטריקלעך,
מיט פֿערצווייפֿעלטע פּנים'ער, מיט פֿערראָסטעטע שעלכעלעך אין
די הענד. זיי האָבען זיך געריסען צווישען זיך, געוואונקען, גע־
רופֿען, געמאַכט מיט די הענד און מיט די מיילער, און בּרייטע
דאַמען מיט שטרויס־פֿעדערען אין די דריישטאָקעדיגע היט, זע־
נען זיך אומגעגאַנגען אַהין און אַהער אַזוי נדלות'דיג, בעל־בתּי'ש,
הויבענדיג אין די הענד מיט שעהן־געפֿלאָכטענע קערבעלעך האָבען
זיי אַריינגעקוקט אין אַלע קרעמלעך מיט רוהיגע, זיכערע אויגען,
און אָרם־געקליידעטע ווייבער האָבען זיך מיט מאָגערע פֿינגער
נעפּאָרקעט אין די קאַשיקעס, געדונגען זיך מיט פֿערשמאַכטע לי־
פּען, און די צורייצטע פֿערקויפֿערקעס האָבען זיי פֿון זיך גע־
טריבען.

קוקענדיג אויף דעם מיש־מאַש פֿון פֿיש דורך דעם פֿינס־
טערען ברודיגען גלאָז פֿון טיהר, איז דאָס אַלץ דאַכט זיך, געווען
אַזוי נישט נויטיג, אַזוי איבעריג. רבונו של עולם, פֿאַר וואָס
איז דאָס ביי ווייבער אַזעלכע אומגליקליכע פּנים'ער? ווער האָט
זיי געבעטען אָנשלעפּען אַהער אַזוי פֿיעל בערג מיט פֿיש וואָס

קיינער קען נישט אויפעסען? ווער דארף דאס אזוי פיעל פיש? בכלל, וואס איז דא עפעס איוף אלעמען אזא בהלה פון פיש אנגעפאלען? אלע קויפען, פערקויפען, שניידען, וועגען, שטופען אין די קוישלעך נאר פיש און פיש. דורכאויס פיש און א סוף. דער רוח ווייסט זיי.

דער בעל-הבית'טעס קול האט מיך דערמאנט:

— יונגער-מאן, ע. ווי רופט מען אייך? געהט טרינקען טיי.

ווי נאר איך האב מיך צו געזעצט צום טיש און גענומען זיך צו דעם בלעכערנעם טשייניק האט זיך צו מיר דער ערל מיט'ן קארטוז אקעהר געטהון, און שאקלענדיג מיט'ן קאפ און פלייצעם ווי מיט פערקיהלטע פעטשאי, האט ער מיר אריינגעהויכט גלייך אין פנים אריין מיט הייסע בראנפען און אוועקגעשטעלט מיר א פלעצליבע, שכור'ע קלאץ-פראגע:

— וויערנא? הם?

פון א צושוואומענעם, א געשוואלענעם פנים האבען אויף מיר געקוקט אפאר פערגאסענע אויגען, „פערפאלענע“. פון אונטער זיין צוקנייטשטען קארטוז, אין וועלכען איך האב דערקענט אמאליגע טאשמעס פון א פאכט-טשינאווניק, זענען אראפגעהאנגען קאלטאנאוואטע, פערשוויצטע האר. פון זיין צושפילטען וועסט האט ארויסגעקוקט א האריגע הארץ פון א חיה.

— א ווסיא טאקי, האט ער וויטער געדבר'ט קוקענדיג אויף מיר און דרעהענדיג שווער מיט'ן צונג, א ווסיא טא-קי טעלעגראפ-שציקאם, אי אסטאנוס! נעפרע-מע-נ-נא. האט ער געקלאפט מיט'ן פויסט, נעפרע-מע-נ-נא. — וויערנא. הם? [1])

— וויערנא. — האב איך איהם גיכער אבגעענטפערט. זעהענדיג אז ער רוקט זיך צו מיר אלץ נעהנטער מיט זיין פרצוף.

— נו, וואַ-אט... ספאסיבא — א. האט ער זיך בערוהיגט, אי—אי מאי באטש-קא... ביל טעלעגראפשציקאם... אי-אי מאי

---

[1]) און פונדעסטוועגען וועל איך בלייבען א טעלעגראפשציק. נישט אנדערש. אמת? הא?

ריאַד ... דיאַר-שקאַ, וויערנאַ. — אי-יאַ, אי-אי! יאַ ...

אנטקעגען דעם ערל האָבען דערווײַלע אומבעקאַנטע חברה־לײַט געשמועסט צווישען זיך:

— און ער וויל איהר נישט געבען קיין גט?

— אַ נאַר וועט ער זיין, אזאַ וואזשנע נקבה...

— יאַ, אַ שטאַרקע בחור'טע, אויף מיין עהרען וואָרט...

— ... טײַנע נעהמט און הויבט זיך אויף און כ'האָבדיך אין „ויחנו" ...

— מאָלאָדיעץ!

— דער היגער סמאַרק דרעהט זיך אַרום איהר עפּעס אַרום...

— כ'האָב — בעמערקט. — בין איך איהר „חופה-מאַכער", נעהם איך איהם אָן פּאַר אַ פּיסעל און מאַך פון איהם אַ קאַטע-רינקע...

— וויערנאַ? גיעט זיך צו זיי פּלוצלונג אַביי דער ערל און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. — וויערנאַ הם?..

— „וויערנאַ-ווי-לאַנג-קרענקסטו" — ענטפערט איהם איינער פון דער חברה מיט אַ סעריאָזן פּנים, און מיט איין שלונג —

דער ערל דרעהט דאַנקבאַר מיט'ן שכורען קאָפּ:

— נו, וואָט... ספּאַסיבאַ... ספּאַ —— יאַ יעמו נעפּרע-מע-נאַ סקאַזשו... גאָספּאָדינו-נאַטשאַל-ניקו... אי מאַי באַטש-שקאַ... אי מאַי דיאַש-שקאַ... [2]

— ביי איהם איז שוין אַ ביסעל די געהירלעך, פּיוט! האָט זיך איינער פון די חברה-לײַט געפּויקט אין שטערען.

— נאָר ער טהוט און קלויבט הסכמות...

— דערפאַר האָט מען דאָס איהם משלח געווען?..

— פון פּאָסט? ניין אָט דערפאַר...

דאָ האָט זיך יענער אַ שנעל געטהון אין גאָרגעל און אונטער געוואונקען מיט איין אויג'ל.

— אַהאַ, אַ רוח אין זיין געפּייגערטער נשמה. מען דאַרף ביי איהם נעהמען אַביסעל בראָנפען, זעה, אָמת'ע נייַנציגער.

און דער ערל האָט אויף אַ רגע נישט געקענט פערגעסען

---

[2]) נו, אָט אַדאַנק... איך וועל איהם נישט אַנדערש זאָגען... דעם הער-נאַטשאַלניק — אי מיין טאַטע אי מיין פעטער...

אז זײַן גאנצע „ראָדניא", זײַן גאנצע משפחה — הײסט דאָס זענען בלויזע „טעלעגראַפשציקעס". אז זײַן פּעטער עליו השלום, פּלעגט אפילו פּערנאַנדער שיקען סעקרעטנע דעפּעשען... טאַר-טאַר-טאַר דעם גענעראַל גובערנאַטאָר, טאַר-טאַר-טאָר יענעם... ער וועט דאָס זאָגען דעם הערר „נאַטשאַלניק", ער וועט זאָגען. — און אין טאַמע מיטען איסגיסען דאָס האַרץ פּאַר'ן טיש און פּאַר'ן פּלע-שעל, האָט ער זיך אַבײַנ געטהון צום בעוואַקסענעם, פּערטראַכ-טען יודען וואָס איז נעבען איהם געזעסען, און האָט איהם אַטראָמ-בע געטהון אין סאַמע אויער.

— וויערנאָ? הם?

דער שווארצער יוד האָט זיך אַצאַפּעל געטהון און איהם אָבגעשטויסען:

— צעהאָ? — אין ד'רערד געה, שכור, לעבען לאָזט ער נישט טאָג טעגליך... „סאַטאַסען"!

— נו. וואָט, נו וואָ-אָט... איז דער ערל אַ האַר נישט נתפעל געוואָרען, „סטראָנ חאָ-חאָ"... האָט ער זיך געמאַכט מיט'ן פינגער צום נאָז. —קאַק נאַחשאַלניק ווסיאָ ראַוונאָ. — סטראָג!...[3]

— הוי, טעלעגראַפשציק! — האָבען איהם איבערגעשלאָ-גען די חברה-לײַט — גיעב אַ טרונק בראָנפען, גוט ברודער-שאַפט! אַ?

אין אַ מינוט האָבען זײַ זיך שוין געקלאַפּט מיט די טײַ-גלעזער.

— נאַ זדראָוויע! האָט זײַ געוואונשען דער ערל.

— „נאַ זדראָוויע-ברעבעניש-ריר". — האָבען איהם חברה ווארעם אונטערהאַלטען.

— ספּאַסיבאַ. ספּאַסיבאַ...

און הינטער מיר פּלעגט זיך די גלעזערנע טיהר אַלע ווײַלע עפּענען און פערמאַכען. און די מאַרקבעשעפּעניש פּלעגט אַלע ווײַלע אַרײַנהויבען אין צימער מיט פּערדאַרבענע פּיש, מיט אַצוריסע-נעם, להוט'דיגען הו—הא און מיט שטיקלעך ברעקלעך קללות אויסגעשרײַען.

---

[3]) נו, אַט האָסטו דיר, שטרענג הא-הא, פּונקט ווי דער נאַטשאַלניק שטרענג!

— רבונו של עולם, אט דאָס איז די שטאָדט ? אט דאָס איז די שטאָדט ?

— בערעל ! — דערהער איך פלוצלינג דער בעל־הבית׳טעס קול הינטער זיך. — האָסט שוין געטרונקען טיי ?

איך האָב א ציטער געטהון.

אויפ'ן שוועל פון דער פירקאַנטיגער לאָך וואָס פיהרט אין די „מעבלירטע צימערען" איז ווי אין א שוואַרצען ראַם געשטאַנען אַבלייבער בחור מיט פערדרעהטע ענצעלעך, א מיטעלער וואוקס— א געוועהנליכער בחור.

נאָר מיר האָט ער אין יענעם מאָמענט איבערראַשט ווי א בלייבער רוח פון אַן אַנדערע וועלט. פון א וועלט וואָס איז פול ליידענשאַפטליכע פינסטערניש און פערסוד'עטע זינד.

דאָס הארץ האָט מיר גענומען קלאַפּען פונקט ווי מען וואָלט מיך געכאַפּט ביי א גנבה. דער טיי איז מיר שוין מעהר נישט איינגעגאַנגען.

אָט איז ער פון הינטער דער ווענטעל, הינטער דער ווענטעל.

מיט א מאָדנעם שרעק אין הארצען האָב איך זיך ארויסגעכאַפּט אויפ'ן גאַס.

— א טעלעגראַף־ש־שיקאַס בודו נעפּרעטע־נ־נאַ. — האָט נאָך מיר נאָכגעיאָגט דעם ערל'ס טענה.

אויפ'ן גאַס איז נאָך געווען גרויסער טאָג. עס איז געשטאַנען א טרוקענער הערבסט.

# די נקמה!

(אויסגעריסען ביי איין אויסלענדישען סטודענט פון טאגע-בוך) .

אז איך האב בעקומען פון מיין שטעדטעל די שרעקליכע טעלעגראמע בין איך אויף א פאר מינוט געבליבען זיצען מיט א צודולטען קאפ, מיט פארגליווערטע בלוט, מיט קיילעכדיגע אויגען, וואס האבען זיך אבגעשטעלט אויף מיין טויטען-פאטער'ס פארטרעט אין מיין צימער און ניט פערשטאנען וואס דער פארטרעט באדייט.

דערנאך האב איך זיך דארט א חאפ געטהון פאר'ן קאפ, נאך א מאל איבערגעלייענט די טע־עגראמע, אראבגעלאזען זי מיט פארגליווערטע הענד אויף דער פאדלאגע און ווייטער געבליבען שטעהן אין מיטען צימער ווי א גולם. צוגעגאנגען מיט איין מאל צום טיש, א חאפ געטהון א פאק כיט ביכער און א שמיץ געטהון אן דרערד, צוריסען מיט די ציין א צוויי־דריי גאזעטען, ארויס־לאזענדיג דערביי שטילע אבגעהאקטע און שארפע קרעכצען, פונקט ווי א שלאנג וואלט מיך אין הארצען געביסען: אי—אי—אי.

דערנאך בין איך עפעס געלעגען ניט קיין אויסגעטהאנענער אין בעט, ביי מיר אין צימער האט געשמעקט מיט וואלעריאנע טראפענס, נעבען פענסטער איז געשטאנען מיין בעל־הבית'טע פון דירה, א דארע דייטשקע מיט א שפיציג בלייכע נאז, דער־צעהלט עפעס שטיל א דיקען מאנספערשוין מיט א גלאנצעדיגען

פליך אויפ'ן קאפ. יענער האט געדרעהט שווער מיט'ן נאקעטען קאפ, ארויסרעדענדיג שטיל מיט אנגעבלאזענע ליפען:

— שרעקליך, שרעקליך, שרעקליך.

אויפ'ן צווייטען טאג, נאך האלבען טאג, האב איך זיך א הויב געטהון פון בעט, אנגעטהון זיך, איינגעוואשען זיך און געשיקט נאך וויין, געטרונקען ביז די אויגען זענען מיר געווארען מוטנע און אנגעזאגט מיין דארער דיטשקע, אז איך פאהר אב א היים אויף א פאר וואכען, אז איך לאז איבער דעם צימער פאר זיך ביז איך וועל קומען.

פאהרענדיג אין פאיעזד און קוקענדיג ווי די גרויסע בערג מיט די גראהע קעפ מיט די צוקנייטשטע שווארצע שטערענס רוקען זיך און טאנצען אוועק פון מיר, האב איך געטראכט, אז די נאטור איז גאר ניט קיין „טייערע מאמע", ווי די פאעטען רופען זי אן. ניין, אט די איינענע בערג מיט די ווייסע קעפ, זענען זיך גאנץ רוהיג געשטאנען און געוועזען די זעלבינע בערג אויך דאן, ווען מען האט דארטען געברענט, געקוילעט, געפייניגט, דער רהיין האט גערוישט און געשפריצט מיט בריליאנטען, אפילו דאן ווען דארטען האט מען מענשען געראבירט, געווארגען, געשלאגען טשוועקעס אין קאפ. ניין, די גאנצע וועלט, דאס גאנצע לעבען איז עפעס מעהר ניט ווי א מין קאנורע. אין דער דאזיגער קאנורע האט דער בייזער גאט זיינע קינדער, די קליינע מענשען און גרויסע בויאנעס אראבגעשליידערט און אויף אייביג פערשפארט: „נאט אייך", האט ער געזאגט, „נאט אייך שענע צאצקעס, נאט אייך בערגלעך, וועלדעלעך, טייכעלעך, נאט אייך א לבנה, א זון און שטערענדלעך. שפילט אייך, מיינע טהייערע און ברעכט אייך די קעפ".

און ווייטער ציטערט ביי מיר אין האנד די טעלעגראמע און אין הארצען בייסט א שלאנג: „געוועזען א פאגראם, אייער שטוב צוראבירט און פארברענט, דער ברודער דער'הרג'עט, די מאמע שטארק פערוואונדעט, שטארק זיך און קום צופאהרען". אונטער געחתמ'עט איז אנאמען פון א ווייטען קרוב. קענטיג, אז ער אליין איז אויך גוט צוקלאפט, צוראבירט און פארטריבען אין אונגליק, ווען ער האט מיר געקענט אזא טעלעגראמע קלאפען, ניט בעטראכטענדיג, ווי אזוי אזא פלוצליכע נאכריכט קען אויף מיר ווירקען.

אונ דער גערויש פונ די רעדער האפט אונטער ביי מיר פונ
געדאנק דעם נוסח פונ טעלעגראמע. די רעדער קלאפען אונ דרע־
הען זיך אונ ברעקלען דעם נוסח אונ צוואַרפען די ברעקלעך,
די בערג אונ טהאלען, די וועלדער אונ טייכען, ביי וועלכע זיי
פליהען דורך.

א גראבער] דייטש מיט געגאלטע באָרד־אונ וואנצעס,
וועלכער איז געבען מיר אין וואגאן געזעסען, האט זיך פונ מיר
אָבגערוקט אָן א זייט אונ געקוקט אויף מיר פערוואונדערט, גערוי־
בערט א ציגאר, געגאנט פון איהם מיט פעטע ליפען מפו, מפו,
מפו.

* * *

מיר זענען שוין לאנג דעם גרענעץ אריבערגעפאהרען, אוים בערג
אונ טהאלען, אוים רוישענדע טייכען מיט שווארצע פעלזען, קאלט־
בלוטיגע, חמורע סאסנעס שאקלען מיט נאסע אייביג־גרינע קעפ,
הא? וואס שאקלען זיי? אפשר האבען זיי אויף מיר רחמנות?
אפשר טרייסטען זיי? אלץ איינס, אלץ איינס. דעם גרענעץ,
געדענק איך, האב איך געמוזט איצט אויך אריבערשווארצען, אזוי
ווי מיט דריי יאהר צוריק, דאן האב איך זיך געצויגען אין שווייץ
נאכ'ן דאקטאר־דיפלאם אונ געלאפען פון סאלדאטשינע, אונ איצט
צוריקפאהרענדיג, האב איך אויך געמוזט דורכשווארצען מיט עפעס
א געלען יודעל, כדי אויסצומיידען דאס אויג פון פאליציי. דאס
יודעל האט ביי מיר א צו גרויסע סומע געלד דערפאר גענומען.
„געשונדען פון מיר א פעל". האב איך זיך פארזיך געוואונדערט,
געבייזערט: „סטייטש? דארטען שלאגט מען אונז, און דא ראבע־
וועסטו מיך, דו יונגאטש איינער!" דאך האב איך געשוויגען... אלץ
איינס, אלץ איינס, ברעכט עס דעם קאפ.

נאנצע טעג. שוין דריי לאנגע יאהרען האב איך זיך, ווי א
מויז אין ארחיוו, צווישען די שטויביגע ביכער געפארעט. פלעג
איך וועלען מיר זאל עפעס ווערען זים־טרויעריג אויפ'ן הארצען,
פלעג איך שטיל און לאנגזאם דעם קאפ אראבלאזען. בעהאלטען
די אויגען אין די הענד, און באלד פלעגט אין מיין פאנטאזיע
תחית־המתים אויפשטעהן איינע פון מיינע טייערסטע קינדער־

זכרונות, וועלכע איך היט עד היום אין האַרצען ווי אין אַ גילדערנער רעמעל. אויפ'ן ווייסען מזרח וואַנד אין אונזער שטוב שווימט אַרויס דעם ווילנער־גאון'ס בילד אין אַ שוואַרצער ראַם, אַ שענער יוד מיט ווייכע אויגען, מיט אַ ווייסע ווייכע באָרד זיצט אין טלית און תּפֿלין און שרייבט מיט אַ גענזענע פֿעדער. איינמאָל שבת, ווען איך בין נאָך געווען זעהר אַ קליינער, גאָר אַ קריינינקער, האָב איך גענומען שרייבען מיט אַ פֿעדער, קוקענדיג אויף דעם בילד און נאָכמאַכענדיג, ווי דער „אַלטער יוד" שרייבט, האָט עס דער טאַטע דערזעהען און ליעבליך אָנגעשריהען אויף מיר, געזאָגט, אַז יודען טאָרען ניט שרייבען אום שבת, אַז נאָר גוים שרייבען אום שבת. האָב איך זיך פֿערשעמט, בעהאַלטען זיך הינטער דער מאַמען, געטראַכט אַ ווײַלע, דערנאָך שטיל דער מאַמען פֿאַר'ן פֿאַרטוך אַ שלעפּ געטהון, אָנגעוויזען מיט אַ קליינעם ווייכען פֿינגערעל אויף דעם ווילנער־גאון'ס בילד:

— מאַמע, היינט פֿאַר וואָס שרייבט אָט דער אַלטער יוד אָט דער?...

האָט זיך דער טאַטע, עליו השלום, צולאַכט און געגלעט זיך די באָרד, און די מאַמע האָט מיך שטאַרק אַרומגעכאַפּט און געקושט, און גאָרנישט געענטפֿערט.

דערמאָנענדיג זיך אָן דעם, ווערט מיר אַלע־מאָל אַזוי זוימער און ווייך אויפ'ן האַרצען, ווי בשעת עס פֿאַלט דער ערשטער ווייסער שניי אַרויס; קען דאָס דען געמאָלט זיין, אַז דאָס זעלבע בילד איז שוין איצט ניטאָ, פֿאַרברענט, פֿאַרברענט צוזאַמען מיט אונזער שטוב? ניין, ס'איז נישט מעגליך! אָט קום איך באַלד צופֿאָהרען, פֿאָהר איך אַריין אין אונזער שטעדטיל, געה איך צו צו אונזער שטוב, גיב איך אַ'נ'עפֿען די טהיר, שטעהט די מאַמע און איהר פּנים לויכט פֿון נחת אונטער איהר שוואַרצער קאָמינקע. משה'לע מיין ברודער זיצט ווי אַלעמאָל איבער זיינע ביכער, די שוואַרצע געגרייזעלטע האָר אַראָבגעלאָזען איבער די אויגען, איידער גריסען זיך, איידער קושען זיך, איידער וואָס ווען, לויף איך גלייך אין זאַל אַריין צום ווייסען בילד אין דער שוואַרצער ראַם. יאָ, ער איז דאָ! דער ווילנער גאון זיצט ווי תּמיד מיט'ן גענזענעם פֿעדער און שרייבט, יאָ ער שרייבט!

גוואַלד, וואָס געהט מיר אָן דאָס בילד! אויף וואָס טויג מיר

דאָס בילד? די שטוב איז אָבגעבּרענט, משה'לע איז דערהר'געט, משה'לע! און די מאַמע!

נאָר ווי אויף צו להכעיס קריכט מיר אין קאָפּ נאָר דאָס בילד און פֿאַרנעהמט אַלע מײַנע געדאַנקען, פּונקט ווי נאָר אין דעם פֿערבּרענטען בילד בּעשטעהט דאָס גאַנצע אומגליק, און אויב דער ווילנער-גאון מיט דער שנײַ ווײַסער בּאָרד וואָלט נאָך געזעסען און געשריבען וואָלט שוין אַלץ רעכט געוועזען, יאָ, ער זיצט און שרײַבּט.

דער פּאָיעזד האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע. געהט אַרויף אַ הויכע צוקנײַטשטע אידענע מיט אַ פּאַרמעט-געלען פּנים, און לעגט מיר פֿאָר קויפֿען בײַ איהר מילך, שטעקט מיר אַ בּלאָע פֿלעשעל אין נאָז אַרײַן. שפּרינג איך אויף, ווי אײַנער וואָלט מיר אַ פּאַטש געגעבען.

— איך וויל ניט, גיב איך אויף איהר אַ געשרײַ און ציטער נערוונע מיט אַלע אברים. יענע ווערט אומעדיג און געהט פֿון מיר גיך אַוועק, דאָ חאַפּ איך זיך בּײַם זינען: „פֿאַר וואָס?" לויף איהר בּאַלד נאָך, און געפֿין זי אַראָבגעהענדיג מיט איהר סחורה פֿון די וואַגאָן-טרעפּלעך.

— פֿערצײַהט מיר, שרײַ איך איהר נאָך און די האַלז ציטערט מיר, איהר פֿערשטעהט? אַ פּאָגראָם, איהר פֿערשטעהט? אַ געקוילעטער בּרודער, אַ פֿערוואונדעטע מוטער, איהר פֿערשטעהט?...

יענע וואַרפֿט אויף מיר אַ ציטערדיגען בּרײַטען בּליק, מאַכט אַ טריט און אַ קוק, אַ טריט און אַ קוק — מענשען קלײַבען זיך צונויף אַרום וואַגאָן און קוקען עפּעס פֿערוואונדערט.

דער פּאָיעזד געהט שוין ווײַטער, די סאָסנעס זענען שוין פֿערשוואונדען, עס ציהען זיך וויסטע פֿעלדער. דאַכט זיך, אַז דער פּאָיעזד שטעהט אויף אײַן אָרט, און איך וועל אײַביג אַהיים נישט קומען. אין וואַגאָן זיצען אַנדערע ליטווישע יודען, קענטיג שוין פֿון אונזערע מקומות, ווילט זיך מיר מיט זײ מאַכען אַ שמועס, זאָלען זײ מיר פֿאָדראָבנע דערצעהלען פֿון אונזערע פּאָגראָמען, פֿון מײַן שטעדטיל, פֿיהל איך אָבער, אַז אויב איך וועל אָנהויבען רעדען אויף דער טהעמע, פֿאַל איך גלײַך אין חלשות, האַלט איך זיך אײַן און זעץ זיך אויף מײַן אָרט.

סטאַרע איך זיך מיר ווײַטער קלערען וועגען מײַן געהרגע-

מען משה'לען, וועגען דער מאמען, קריבען מיר אין קאפּ דווקא קליינינקייטען, דווקא קליינינקייטען. ווייטער דעם ווילנער־גאון'ס בילד, ווייטער מיינע קינדער־צאַצקעס, קינדער־זכרונות.

איך בין שוין דאמאָלסט אַ יאָהר צבט אַלט געוועזן, דער טאטע איז שוין געלעגען קראַנק, איז מיט מיר די מאמע געגאנגען צום שוחט קוילען פאר איהם אַ הון, ס'איז געוועזן אַנ'אָסיען נאַכט, שטיל איז שוין געוועזן אין אונזער שטעדטעל און אַזוי טרויעריג שוואַרץ, נאָר די בלאָטע האָט אונטער די פיס געבליושטשעט, און די געבונדענע הון האָט פון דער מאַמעס קאָשעק אָפּטמאָל אַבגעהאַקט־דערשטיקען אַ קוואָקצע געטהון, ווי זי וואָלט געפיהלט, וואוהין מען שלעפּט זי. ביים שוחט אין פאָרהויז איז די שחיטה געוועזן. די הון איז געוועזן אַ יונגינקע מיט גאָלדגעלבע פעדערלעך, זיי האָבען אַזוי געגלאַנצט פאַר'ן אָבשיין פון לעמפּעל אין פאָרהויז. האָט זי דער שוחט אַ נעהם געטהון, האָט זי גענומען געוואַלדעווען, האָט איהר דער שוחט דאָס קעפּעל צווישען די פליגלען פאַרדרעהט, אויסגעפּליקט פון רויטליכע לאַנגען האַלז אַ פּאָר גילדערנע פעדערלעך, שטיל, אַ גלאָץ פרום מיט די אויגען און געמאַכט די „ברכה".

— אמן — האָט מיר די מאמע וויינד אַ טורקע געטהון.

— אמן, האָב איך מיט ציטערדיגע ליפּען געענטפערט, ס'איז געוועזן אַזוי שרעקליך ניי — צום ערשטען מאָל אויף מיין לעבען האָב איך עס דאַן געזעהן — עפּעס אַ קורצע אַ שטאָלענע האָט קאַלט אַ גלענץ געטהון, נאָכהער אַ דריק מיט די פינגער, חיק... און באַלד האָט זיך געלאָזט הערען אַ פּאַטשערייַ פון פליגלען.

אַי, האָט דאָס הינדעלע ניט געוואָלט שטאַרבען, אַי, האָט דאָס ניט געוואָלט — — —

צוריקגעהענדיג אַהיים פון שוחט איז אויך געוועזן שטיל און טרויעריג שוואַרץ, די בלאָטע האָט ווייטער אונטער די פיס געבליושטשעט, נאָר די הון האָט שוין אין קאָשעק געשוויגען; איהר קוואָקצען האָט אַ פּנים דער מאַמען געפעהלט, איך הער מיט אַמאָל ווי די מאמע רעדט טרויעריג־פערשטיקט:

„האָט דען די הינדעלע נעכטען געוואוסט, וואָס מיט איהר וועט הייַנט זיין? אַזוי איז אַ מענש, להבדיל, אויך. ארויסרעדענדיג די

ראָזינגע וועטער, האָט די מאַמע געקוקט אין דער שוואַרצינקער לופט אַריין, ווי זי וואָלט פון דער דאָזיגער לופט אַ תשובה ערוואַרט, נאָר אַלץ האָט טרויעריג, שווער און שוואַרץ געשוויגען, אַלץ האָט דאָס פאַר זיך אַליין געפרעגט און קיין תשובה ניט בעקומען, נאָר די בלאַטע האָט אונטער די פיס געבליושטשעט.

אין יענער נאַכט, געדענק איך, בין איך לאַנג ניט אַנטשלאָפען געוואָרען, אַלץ געטראַכט און געטראַכט, וועגען דער הון, וואָס האָט נעכטען ניט געוואוסט, אַז מען וועט זי היינט קוילען, וועגען אַ מענש, וואָס איז אויך אַזוי, און וועגען נאָך און נאָך...
איך האָב געטראַכט, און מיין קינדערש הערצעל האָט שטיל געציטערט און געוויינט אָהן טרערען · און אַפילו ווערענדיג עלטער, פלעג איך אָפט, גאַנץ אָפט קלערען וועגען דער הינדעלע, וואָס האָט נעכטען ניט געוואוסט, אַז מען וועט זי היינט קוילען...

דערמאָנענדיג זיך אָן דעם, צוקאָכט זיך אין מיר דאָס בלוט. אַנשטאָט דער געקוילעטער הון, הויבען מיר אָן צוקריכען אין קאָפּ אַריין געקוילעטע מענשען, איינענע טייערע געקוילעטע מענשען. איך סטאַרע זיך אויסמאָהלען דאָס אין דער פאַנטאַזיע מיט מעהר העלערע און שאַרפערע פאַרבען, פונקט ווי איך וואָלט זיך געסטאַרעט זעלבסט פייניגען זיך. וואָס שטאַרקער דאָס האַרץ הויבט אָן וועה צו טהון און צו קלאַפּען, אַלץ צו להכעיס'דיג שטאַרקער מיט פאַרסקאַליעטע צייהנער, מאָל איך מיר די שרעקליכע בילדער אין קאָפּ.

אָט ברענט שוין אונזער שטוב פון אַלע עקען, דעם ווילנער-גאון'ס בילד ברענט אויך, זיין שניי-ווייסע באָרד ווערט שוואַרץ, דעם טאַטענס היילינגע ספרים, וועלכע די מאַמע פלעגט היטען, ווי דאָס אויג פון קאָפּ — ברענען אויך, און „זיי" שלעפען שוין מיין משה'לען פאַר די פיס אין בלאָטע. יענער רייסט זיך און וואַרפט זיך, שרייט: „מאַמע, מאַמע"... און אָט געהט איינער פון זיי מיט אַרויסגעשטאַרצעטע אויגען, אָנגעגאָסען מיט בראַנפען און רציחה, אַ הויב אַ מעסער, ניין, ניט קיין מעסער, ניין, ניט קיין מעסער, אַ האַק! אודאי אַ האַק, אַ גלאַנץ גיט די האַק, און לאָזט זיך שווער און פלינק אַראָב אין די געגרייזעלטע שוואַרצע האָר אַריין. ס'הערט זיך אַ קראַך פון אַ צובראָכענעם

מענשען-שארבען. א דערשטיקטער שוואכער קרעכץ... און א שטראם בלוט גיסט זיך לאנגזאם, פלעבט זיך צונויף מיט די געקרייזעלטע האר און לאזט זיך אראב אויף דער ערד... אין בלאטע אריין, ווי א שלאנג, אודאי ווי א שלאנג, ווי א רויט שווארצער שלאנג... און אט ווייטער אביסעל פון משה'לען שטעכט מען דער מאמען... א טעמפער צוראצטער מעסער שטעקט זיך אין איהר ברוסט אריין... און עפעס א רויט'ס, א געדיכט'ס שלענגעלט זיך אויפ'ן ווייסען פארטוך.

א קאלטער שוויים האט מיר פון שטערען געזעצט. איך האב אלץ ארום געזעהען, ווי אין א פארע, עס האט זיך מיר געדוכט, אז אלע איברים זענען אויף מיר געשוואלען, אפילו די האר פון קאפ זענען געשוואלען און טהוען שרעקליך וויי.

נאר איך וועל ניט שווייגען, אט קום איך צופאהרען, וועל איך נעהמען ראכע! אוי, וועל איך נעהמען ראכע... נאך א מין ראכע... די הייזער זייערע אונטערצינדען ביי נאכט, שטיפערהייד. אט אזוי, אודאי. אונטערצינדען און אין מיטען געפילדער שפאלטען מוחות, שיסען, ווערגען קינד-און-קייט... ברעכען אלין און שטופען זיי אין האלז אריין די צובראכענע גלאז, שניידען שטיקער פלייש און בעגיסען מיט עסיג, און „תמות נפשי עם פלשתים!” געה איך אין כף-הקלע מיט זיי צוזאמען. איך וועל פאר דער מאטען ניט שווייגען, אוודאי.

און די רעדער האבען מיט זייער קלאפען אונטערגעחאפט מיין ווילדען געדאנק, געבערעקעלט איהם אויף די רעלסען און נעווארפען די ברעקלעך פאר די וועלדער און פעלדער...

* *

*

אז דער פאיעזד האט אויפ'ן דריטען מעת-לעת פון מיין רייזע אנגעהויבען קומען נעהנטער צו מיין שטעדטעל, האט מיך שטארק גענומען טרייסלען פון קעלט, איך האב זיך אנגעטהון אין פאלטא און קאלאשען, נאר ס'האט אויך ניט געהאלפען. די צייהן אין מויל האבען פערשטיקט געבאראבאנעט, און ס'איז געווען אונמעגליך זיי איינצוהאלטען.

דער לאקאמאטיוו איז פאמעלעך צוגעקראכען צו דער קליי-

נער ווײַסער סטאַנציע און גענומען הוסטען און שנאָרכען, ווי אַ פֿאַרמאַטערטער העלפֿאַנד. געה איך שטיל מיט קלאַפּענדיגע ציינער אַרויף אויף דער פּלאַטפֿאָרמע. די פּלאַטפֿאָרמע איז די אייגענע, ווי איך האָב זי איבערגעלאָזען, און דער וואָקזאַל איז אַ וואָקזאַל. עס לויפֿען די טרעגער, מען שלעפּט פּעקלעך, יודען מכל המינים שטופּען זיך ביי דער קאַסע, אַ חוץ דעם וואָקזאַל שטעהען ווי אַלע מאָל פֿערדלעך, יודישע פֿערדלעך מיט איינגעפֿאַלענע אויס-געקראָכענע זייטען, בעלי-עגלות רייסען זיך אין טאַטענס-טאַטען אַריין איבער אַ פּאַסאַזשיר, דאַכט זיך אַלץ ווי געוועזען! אָט זיץ איך שוין ביי אַ שוואַרצען הויכען יודען אין וואָגען. דאָס פֿערד קריכט אין בלאָטע ביז'ן האַלז און שפּריצט מיט שמוציג שוואַרצע טראָפּענס, מיין קליינער טשעמאָדאַן טאַנצט אום אין וואָגען און קלאַפּט מיר אין זייט אַריין, אַלץ דאַכט זיך ווי אַמאָל, אָט ווייזט זיך דער בלאָער שפּיציגער דאַך פֿון קלויסטער. די אָנהויב ווינטער-זון הויבט זיך אָן אַראָבלאָזען און ברענט אויף איהם מיט רויטען קאַלטען פֿייער. דער קלויסטער איז אַ קלויסטער, ס'האָט דאַכט זיך גאַרניט געטראָפֿען, ס'קען ניט זיין! אָט קום איך דאַכט זיך באַלד אַהיים. די מאַמע וועט צוגרייטען וועטשערע, ווי אַלע מאָל. דאָס ערשטע געריכט וועט זיין געהאַקטע לעבער, יאָ, געהאַקטע לעבער מיט שמאַלץ.

— וואוהין פֿאַרפֿיהרט מען אַ יונגען מאַן? — פֿאַלט מיר פּלוצלונג אַריין דער בעל-עגלה מיט זיין גראָב קול. איך גיב אַ קוק, מיר זענען נאָך ווייט פֿון שטעדטעל, מיר פֿאָרען נאָך אַלץ מיט'ן פֿעלד פֿאַרביי פּוסטע האַלב געפֿרוירענע קאַרטאָפֿעל-פֿעלדער.

— אין אַנ'אַכסניה? הא? — יונגער מאַן.

— פֿאַרפֿיהרט מיך? פֿאַרפֿיהרט מיך צו חיה'ן, צו חיה מענדעלס'ס, רייסט זיך ביי מיר אַ הילכיגער קול אַרויס און שווימט איבער'ן פֿעלד, און אַליין גיב איך זיך אַ שטעל אין וואָגען און צופּ מיט ציטערדיגע הענד דעם בעל-עגלה ביי'ם האָריגען קאָלנער:

— זאָגט מיר, ר' יוד, — בעט איך זיך ביי איהם און ווערג זיך מיט מיינע רייד, — וואו איז זי יעצט, חיה מענדעלס, זי איז שוין געזונד. יאָ? צו איהר פֿאַרפֿיהרט מיר, צו איהר, צו חיה מענדעלס.

— טפררו, שטעלט דער בעל-עגלה אָב זײַן פֿערדעל, לאָזט אָב די לײַצעס. קוקט מיר אָן נײַגעריג, װערט עפּעס צודולט און הויבט אָן שטאַמלען:

— המ... חיה מענדעלס? אונז צו לאַנגע יאָהר. זײַט איהר, הײַסט דאָס, איהרער, דער אויסלענדישער, אונז צו לאַנגע יאָהר, איהרער זײַט איהר? נאָט אײַך „שלום". אך, מען טאָר דאָך ניט, אודאי, איהר זײַט דאָך אַנ'אָבל.

— װאָס-ס! — שרײַ איך אויס מאָדנע הילכיג און פֿיהל, אַז באַלד, אָט באַלד הויב איך אָן צו שרײַען איסטערישע גװאַלדען איבערען פּוסטען קאַלטען פֿעלד.

— אונז צו לאַנגע יאָהר. אַ צנועה אַ יודענע... נעבעך געמוטשעט זיך אין באַלניצע, נעכטען ערשט מקבר געװען.

איך בלײַב זיצען אין װאָגען מיט אָבגענומענע פּנים, קוק אַ װײַלע אָן אידיאָטיש שטום דעם בעל-עגלה.

— זי האָט אַלץ אויף אײַך געװאַרט, געװאָלט זעהן פאַר'ן טויט, און װעגען אײַער משה'לען װײַסט איהר דאָך.

פּלוצלונג הויב איך זיך אויף, פֿאַל צו מיט'ן פּנים צום בעל-עגלה'ס פּעלץ, טולע זיך אין איהם אײַן, און צו-װײַן זיך ביטערליך צום ערשטען מאָל זינט איך האָב די טעלעגראַמע באַקומען. איך חליפּע װי אַ קלײַן קינד און טענה, ניט װיסענדיג צוליעב װאָס.

— ר' יוד, ר' יוד. חיה מענדעלס איז דאָך מײַנע אַ מאַמע, זי איז דאָך מײַן מאַמע.

דערנאָך גיב איך זיך אַ חאַפּ און װער ענטשװיגען. נאָר טרערען גיסען זיך מיר און קריכען איבער די באַקען, װי קלײַנע װאַרעמע װערימלעך. דער בעל-עגלה, קוקענדיג אויף מיר, װערט עפּעס צודולט, קריכט אַראָב פֿון װאָגען און סטאַרעט זיך מיר טהון עפּעס אַ צוליעב, װי אַ גרויסער טהוט אַ צוליעב אַ װײַנענדיג קינד. ער פֿעררינבט מיר די שטרוי אין װאָגען, פֿעררוקט בעסער דעם טשעמאָדאַן און סטאַרעט זיך מיר אַרײַנקוקען רחמנות'דיג אין די אויגען. צום סוף לאָזט זיך איהם אַראָב דער קאָפּ, די באָרד ציטערט איהם. ער רעדט אָבגעהאַקט מיט אַ צובראָכען קול!

— ברוך השם אַלעמען גוט, געװען אַ קאַרעטע, צעבראָכען אויף שטיקלעך, איצט נאָ דיר גאָר אַ װאָגען מיט שטרוי. אַ דאַנק גאָט, דאָס פֿערד געראַטעװעט. אַ חוץ דעם. נו, ניטאָ װאָס

צו רײדען. מײן מײדעל, ניטאָ װאָס צו רײדען, אומגליקליך געמאַכט, איהר פֿערשטעהט — אום—גליק—ליך געמאַכט.

בײדע האָבען מיר געחליפֿעט אין מיטען װיסטען שװאַרצען פֿעלד אונטערען קאַלטען װינטער־הימעל. ער, שטעהענדיג אויף דער ערד מיט'ן בײטש אין האַנד, איך, זיצענדיג אין װאָגען. ער— אַ יוד נאָך אַרבעים מיט אַ צוקנײטשט פּנים, מיט אַ לאַנגע גרויער־ליכע באָרד. איך—נאָך אַ יונגער, גאָר אַ יונגער מיט געגאָלטע גלאַטע באַקען. ער האָט געװישט די אויגען מיט גראָבע מאָזאָליסטע אײנגעשמירטע אין דיעגעכץ הענד, איך מיט װײסע זויבערע און אײדעלע הענד, װעלכע זענען נאָר געװעהנט צו פּאַפּיר און גלאַטע רוקענס פֿון ביכער. בײדע האָבען מיר שטיל, מעהר איבװעניג אין זיך, װי אויף דרויסען, געחליפֿעט און ניט געװאוסט װער װעמען זאָל פֿריהער אָנהויבען טרײסטען. איטליכען האָט זיך געדאַכט, אַז זײן אומגליק איז גרעסער פֿונ'ם צװײטענס. און די זון איז האַלב בלוטיג פֿערגאַנגען, און דער װינטער הימעל האָט קאַלט און אָהן מיטלײד געקוקט אויפֿ'ן װיסטען פֿעלד. אונז מענשען האָט ער כמעט גאָרניט בעמערקט. נאָר דער פֿערד, דעם בעל־עגלה'ס פֿערד, האָט עפּעס טרויעריג אַראָבגעלאָזען זײן קאַלטענעװאַטע קנעכטישע קאָפּ, אָנגעשטעלט די לאַנגע אויערען און צוגעהערט זיך, װי זײן בעל־הבית און זײן יונגער פּאַסאַזשיר חליפֿען אין מיטען פֿעלד. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער קלערט: אַז ס'איז אַ פּנים דאָ מענשען, װעלכע עס איז נאָך אַ סך אַ סך ערגער, װי דעם פֿערד, אין דעם קאַלטען אונערבאַרעמיגען לעבען.

אַז מיר זענען אַרײנגעפֿאָהרען אין שטעדטעל, האָט שוין אָנגעהויבען װערען פֿינסטערלעך. אַ גאַנצען װעג האָט דער בעל עגלה מיט אַ צובראָכענע צוהאַקטע שטימע דערצעהלט, װי זײ, אַ דונער פֿון הימעל זאָל זײ דערשלאָגען, האָבען איהם אומגליקליך געמאַכט, דער עיקר זײן טאָכטער, װי זײ, אַ גרויסע מגפּה זאָל אויף זײ אָנפֿאַלען, האָבען „חרוב־ומוחרב" געמאַכט דאָס שטעדטעל, װי אַזוי דער פּריסטאַװ אַלײן, אַ קלאָג צו איהם, האָט אַלײן אָנגעװיזען און געהאָלפֿען.

באַלד װעט איהר דערזעהן אַ ביסעל קומענס, װאָס זײ (אַ גרויסע מגפּה אויף זײער קאָפּ) האָבען אונז איבערגעלאָזט. אַזוי האָט דער בעל־עגלה צום סוף אַ זאָג געטהון, אומקערענדיג

זיך צו מיר און געוואָלט אַ שמייכעל טהון, האָט ער אָבער אָנשטאָט אַ שמייכעל אַ קריץ געגעבען מיט די צייהן, און מיט'ן גאַנצען כּוח אָנגעהויבען שלאָגען זיין פֿערדעל מיט דעם בייטש-שטעקעל אין די קאַלטענעוואַטע איינגעפֿאַלענע זייטען.

דערנאָך איז ער שטיל געבליבען.

דורך די מיט טרערען פֿערגאָסענע אויגען, האָב איך פֿאַר זיך געזעהען נאָר זיין שטומען, איינגעבויגענעם רוקען, אַ יודישער דאַרער רוקען אין אַ ברייטען פּעלץ, איבערגעבונדען מיט אַ פֿערקניפּעלטע שטריקעל.

* *

*

פֿאַרפֿיהרט האָט מיך דער בעל-עגלה אין אַ קליין שמוציגע אַכסניה הינטערען שטעדטעל, וועלכע איז ניצל געוואָרען מיט נאָך אַ פּאָר צעהנדליג הייזער מיט אַ נס. אין דער אַכסניה האָט מען זיך תּיכּף דערוואוסט, ווער און וואָס איך בין, און מכבד געוועזען מיך מיט זעצען זיך „שבעה". איך האָב זיי אַפֿילו ניט געענטפֿערט, אַ וואַש געגעבען דעם פֿערוויינטען פּנים און שנעל אַרויס אויפֿ'ן גאַס.

דער בעל-אַכסניה, אַ קליין יודעל מיט שפּיציגע אויגלעך, האָט מיך שאַרף נאָכגעקוקט. אַז איך בין אַרויס, האָט ער מיט פֿערדרוס אַ מאַך געגעבען מיט'ן האַנד.

טויט שטיל און שרעקליך איז געוועזען אין די חרוב'ע קויטיגע און האַלב-געפֿרוירענע גאַסען. אָבברענענדיג האָבען די גאַסען פֿערלאָרען זייער ריכטיגען געשטאַלט און האָבען פֿאָרגעשטעלט אַ מין משונה'דיגע צוואָרפֿענע קהילה פֿון רויטע און ווייסע סקעלעטען, פֿון ליימענע און קאַכעלנע אויווענס, פֿערזונקענע אין קאַלטען אַש, אין קאַלטע שוואַרצע קוילען, און מיאוס'ע פֿערדרויכערטע ברעטער און קלעצער. זייערע נאַריש-הויכע קוימענס האָבען עלענד און טעמפּ געצויגען זייערע רויטע העלזער צום גראָהען הימעל און שטום אָהן אַ קול רחמים געבעטען, און די פֿערדרויכערטע אָפֿענע קוימענס און די פֿערלאָזענע שוואַרצע פּריפּעטשאָקעס האָבען אַרויסגעקוקט פֿון די רויטע אויווענס, ווי אויפֿגעריסענע מיט טעמפּען שרעק גרויסע פּירקאַנטיגע אויגען... ווי ריזישע

אָפֿענע מײַלער, װעלכע שרײַען אָהן אַ קול: „געװאַלד, ראַטעװעט"!

עטליכע שאָטענס פֿון מענשען האָבען זיך עפּעס געפּלאָנטערט צװישען די קײמענס, װי אַבלים, װאָס גײען צו קבר אבות, װי זינדיגע בלאָנדזענדע נשמות. אײנער אַ גראָהער אײַנגעבױגענער ייד מיט אַ סדור אין האַנד איז נעבען מיר פֿאַרבײַגעגאַנגען, און דערזעהענדיג עפּעס אַן׳אונבעקאַנטען נאָז, האָט ער זיך דערשראָקען און אָבגעגאַנגען שנעל אָן אַ זײַט, פּונקט װי איך װאָלט זיך אויף איהם מיט אַ מעסער געלאָזען.

דעם קײמען פֿון אונזער אָבגעבּרענט הויז האָב איך דערקענט נאָך דעם װילדען הײַלען בּאַרנע-בּױם, װאָס איז נעבען אונזער שטוב געװאַקסען. אַמאָל, אַמאָל אַרום תשעה-באָב פֿלעגען מיר פֿון איהם קלאַפּען די האַרטע בּאַרעלעך און װאַרפֿען זיך מיט זײ, יעצט איז דער בּױם געשטאַנען אַ הױלער, אַ האַלב אָבגעבּרענטער מיט אַ פֿערסמאַלעטער קאָרע.

איך האָב זיך געלאָזען געהן צום קײמען מיט אַ שטאַרק פֿערקלעמטען האַרץ. קױלען, שװאַרצע געפֿרױרענע האָבען אונטער מײַנע פֿיס געחרושצעט. דער קײמען, דער האַלב-פֿערבּרענטער בּאַרען-בּױם האָבען מיך פֿערשמאַכט אָנגעקוקט און נישט דערקענט. דער אױװען איז אָפֿען און שװאַרץ, אַ סך קאַרטאָפֿלען האָב איך און משה׳לע אין איהם געבּאַקט. די מאַמע פֿלעגט אין איהם בּאַקען לאַטקעס. יאָ, בּרױנע פֿאַרפֿערגעלטע לאַטקעס, אָן דעם קאַכעל אױװען פֿלעג איך זיך װינטער רײַבּען און װאַרעמען, קומענדיג פֿון חדר. אָט פֿיהל איך נאָך אין דער לופֿט דעם װילנער-גאון׳ס בּילד. ער שװעבּט דאָ אַרום, כאָטש ער איז פֿאַרבּרענט. אַז איך װאָלט געקומען מיט אײן אַכטאָג צוריק, װאָלט איך נאָך אַלץ גאַנץ געטראָפֿען: די װענט, די געלבּע מעבעל מיט׳ן גלאַנץ, דער װילנער גאון זיצט און שרײַבּט, די מאַמע װישט די שטױב. נײן, ס׳איז אַ חלום, אַ שרעקליכער חלום מיט רױטע קײמענס. און נישט מעהר, און נישט מעהר... האַ?

אַרום איז שױן געװאָרען גוט טונקעל. די רױטע קײמענס זענען אין דעם פֿינסטערניש צושװאומען געװאָרען און אױסגעזעהען נאָך מאָסער, נאָך שרעקליכער װי פֿאַרנאַכט. ניט װײַט פֿון מיר האָט זיך עפּעס אַ גנעל פֿײַערעל אָנגעצונדען. איך האָב אין׳ם פֿײַערעל דערקענט אַ גױ׳ש הײַזעל, װאָס איז, פֿערשטעהט זיך,

גאנץ געבליבען. איך געדענק אפילו, אז דארטען וואוינט א רויטער גוי, א שוסטער מיט בייזע הינד, פאר וועלכע איך האב א מאל, א מאל זעהר מורא געהאט.

איך גלויב, אז דער דאזיגער טייערער שכן האט מיט זיינע אייגענע הענד נעצונדען, געראבעוועט, דאס פייער'ל פון זיין שטיבעל ווינקט און גלאנצט מיט אזוי פיעל שפאט! „אהא, האסט א שטוב? דו האסט א שטוב?" אייגענטליך, אז איך וויל, קען איך געהן און מאכען איהם, דעם ערל, אויף דערנאכט א הייסע באד... ער זאל געדענקען, אונטערקריכען ווי א מאלפע, איין קנויל אנגעצונרענע שטרוי, און געגוג.

נאר איך פיהל, אז טהון וועל איך עס ניט טהון, די נקמה געפיהלען, וואס האבען אין מיר, פאהרענדיג אין פאיעזד, אזוי געקאכט, זענען שוין לאנג ניטא. צוקראכען ווי רויך זענען זיי.

מיין אומגליק און וועהטאג זענען צו גרויס, צו טיעף, אז מען זאל פאר זיי קענען נקמה נעמען. פאר דאס קליינע און שמוציגע ראבע וועל איך מיין אונשטערבליכען פיין ניט פערקויפען, ניין, בשום אופן ניט פערקויפען, אנשטאט נקמה פיהל איך עפעס א מאדנע גיפטיגע טרויעריגע רחמנות אויף אלעם, אויף אלעמען.

— קררר־א־א, קררר־א־א, — שרייט אין דער הויך א גרויסע וואראנע, פליהענדיג איבער די לאנגע קוימענס. ס'דוכט זיך, אז דאס איז א שווארצע נשמה פון א מכשפה, דאס פרעהט זי זיך: „הא, מקוים געווארען מיין נבואה? הא, וואס האב איך געזאגט?"

און דער אונמעכטיגער טרויער וואקסט מיר, אויף אין הארצען אלץ מעהרער און מעהרער, ווי א טייג געהט ער אויף.

און אז יא נעמען נקמה, איז פון וועמען? פון וואס? וואו איז די גרויסע פאגראמען־חיה? איך זעה זי נישט. איך זעה נאר ברעקל'עך פון איהר. איך זעה נאר די אבגעגריזעטע ביינער, וואס זי האט זיך איבערגעלאזען, און אנפרעסענדיג זיך מיט מענשען־פלייש איז זי זיך צופאלען אויף איינציגע, קליינע שטיקלעך, און איטליכער שטיקעל פאר זיך איז גארנישט. אזעלכע קליינע בעזונדערע צעלען פון דער שרעקליכער חיה האבען זיך אלע מאל געפונען צווישען מענשען און וועלען זיך געפינען. אט די דאזיגע

בעזונדערע צערען פון שנאה און שלעכט׳ס האבען זיך מיט א וואך צוריק צוזאמענגענומען, צונויפגעגאסען זיך, און ס׳איז פון זיי פלוצלונג בעשאפען געווארען א ווילדע, שרעקליכע, בלוטדורשטיגע חיה מיט טויזענדער קעפ און ציינער, מיט טויזענדער לאפעס און נעגעל. נאר מיט איין הארץ און מיט איין שלעכטען און ווילדען אינסטינקט אין הארצען. אט די דאזיגע פאגראמען־היהרע איז דא מיט א וואך צוריק בעפאלען דאס שטעדטעל און האט געבראכען, און געברענט, געפייניגט, און געהרג׳עט. אלע איהרע קעפ און לאפעס האבען איין מאניער געארבייט. איצט האט זי זיך אנגעזויגען מיט בלוט, אנגעפרעסען זיך מיט מענשליכע אברים, אנגעמאטערט זיך און איז זיך צופאלען אויף איהרע קליינע חלקים, וועלכע האבען זיך צושאטען אויף אלע זייטען. און יעצט גיה און זוך זיי! פון וואסער פאגראמען־צעלע נעהמט מען פריהער נקמה? צי פון דער, צי פון יענער? וויפיעל מען זאל פון זיי ניט ווערגען, וועט נאך אלץ גענוג בלייבען — דא האט מען די גאנצע חיה מיט איין מאל געדארפט דערווערגען. אט אזוי, אנגענומען זי און צוקוועטש, און געמאכט פון איהר קאשע. מיט׳ן האק אין סאמע הארץ אנגעטראפען איהר. נאר דאס איז שוין יעצט אונמעגליך. וואו איז זי, די חיה? ניטא קיין חיה, ניטא!

— האו—ו—ו... לאזט זיך פלוצלונג הערען א דיקער בילען פון א הונד.

איך גיב זיך א חאפ, איך שטעה נאך אלץ אין דער פינסטער ביי׳ם אבגעברענטען קוימען. אזוי נאריש־עלענד ווי דער קוימען אליין, און א גרויסער הונד צולאזט זיך אויף מיר פון צווישען די האלב פערברענטע ברעטער. ער בילט און בילט. זיין חוצפה וואקסט פון מינוט צו מינוט. ער דרעהט מיט׳ן קאפ ביי איטליכען ביל, קענטיג, אז ער אליין האט גרוים נחת פון זיין הולטייעשקען, הילכיגען בילען. און דאס בילען טראגט זיך, שטויסט זיך אן די חורבות. יענע ענטפערען מיט א ווידער קלאנג, וואס שטעכט זיך מיר אריין אין מיין אויפגערעגטען מח, ווי קאלטע משוגעקעס. איך קוק זיך צו און דערקען אין דעם הונד מיין אמאליגען שונא. דעם גוי׳שען שוסטערס הונד דערקען איך אין איהם.

פ־שא־אל: טרייב איך איהם אב מיט האס און גיעב א בריק מיט׳ן פוס אין דער פינסטערער לופט אריין.

אויף דעם, קענטיג, האָט דער הונד געוואַרט. ער וואַרפֿט זיך אויף מיר אָן מיט אַזוינע גוואַלדען, מיט אַזאַ גיבען און היל-ביגען בילען, פּונקט ווי איך וואָלט איהם אוועקגעקוילעט. אָט, אָט האַפּט ער מיך אָן פֿאַר'ן פֿוס. ביי די סאַמע איקרע.

איך ווער אויפגערעגט, צוקאָכט און פֿאַרקריץ מיט די צייהן אין דער פֿינסטער ווי אַ הונגעריגער וואָלף, אַרויסלאָזענדיג פּאַמעליך מיט גיפֿטיגען האַס:

— אַהאַ, כלב, האָסט דערשמעקט אַ ז ש י ד? אַ „זשיד" האָסטו דערשמעקט? אַך... סוואָ-לאַטש!...

— האַו—האַו—גוואַלדעוועט דער הונד אַלץ שטאַרקער, און וואַרפֿט זיך צו אַלץ נעהענטער.

עפּעס אַ ברענענדיגע, אַ הייסע חוואַליע גיט מיר אַ וואָרג אין האַלז, ניט וויסענדיג ווי אַזוי, חאַפּ איך פֿלוצלונג אין דער פֿינסטער אַ שווערע, צוברענטע און סוקעוואַטע שטיק האָלץ, גיב אַהויב מיט דעם גאַנצען כח און טהו אַ לאָז אַראָב שווער און פֿלינק. עס גיט עפּעס אַ קנאַק, ווי אַ צובראָכענער ביין, אַני-אָבגעהאַקטער דערוואָרגענער וואַי, און שטיל. נאָר דינע פֿיסלעך מאַכען זיך אום אין דער פֿינסטער, ווערען אַלץ שוואַכער, שוואַכער, שוואַכער. איך לאָז אָב מעכאַניש דעם שטיק האָלץ, געה צו נאָהענט און בייג זיך איין אין דער פֿינסטער — דער הונד ליעגט מיט'ן בייכעל אַרויף, און פֿון שאַרבען רינט עפּעס אַ שוואַרץ און צוניסט זיך אויף די צובראָכענע נעפּרוירענע ציגעל... דאָס זעהט עפּעס אויס, ווי איין אומגעלופּערטע באָבע-מעשה, ווי בלוט פֿון אַ טריפֿה'ן קרבן אויף אַ צובראָכענעם מזבח.

און איידער איך קום נאָך צו זיך, און איידער איך דערפֿיהל, וואָס איך האָב דאָ אָבגעטהון, דערהער איך ווי די טיר אין דער גוי'שע הייזעל גיט שטאַרק אַ קלאַפּ. אַ גראָבע זידלעריי, שווערע ניבֿע טריט — אַ פּנים דער ערל האָט דערהערט.

# בריינע מויד.

בריינען האט מען בשום אופן ניט געקאנט רופען מיידעל, נאר — מויד. אזוי האבען זי טאטע־מאמע גערופען, אזוי האבען זי די שכנים גערופען, אזא צונעמעניש האט איהר איטליכער פרעמדער מענש געגעבען, דערזעהענדיג זי צום ערשטען מאל.

דאס איז געווען א גרויסע בעשעפעניש מיט פונק־רויטע באקען מיט קליינע, גריניניקע אויגעלעך, פערגאסענע מיט פעטס, מיט אבגעהאנגענע בלאהליכע ליפען, און איהרע גראבע הענד זענען תמיד געוועזען אזוי רויט, פונקט ווי זי וואלט אט ערשט בוריקעס געשאבען.

א הויבע, א דיקע, א הארטע און אנ׳אונבעוועגליכע ווי א יאטקע־קלאץ, פלעגט זי גאנצענע טעג, סיי זומער, סיי ווינטער, קנעטען אין שטוב די געדיכטע לעקעך־טייג. זומער איז די דאזיגע מלאכה געוועזען זעהר שווער. זודיגע טראפענס שוויים פלעגען לאנגזאם קריכען פון שטערען איבער׳ן פנים און בלייבען הייגנען אויפ׳ן שפיץ נאז, עס פלעגט זיך אזוי שטארק וועלען אקראץ טהון, א וויש טהון מיט׳ן ארבעל, נאר ניטא קיין צייט: מען דארף קנעטען, קנעטען. אבער ווינטער, בשעת אין פענסטער קוקט אריין א שטיקעל שכניש׳עס דאך מיט זויבערען שניי, און ביי הוועדקע דעם וואסער־טרעגער אויפ׳ן בארד באמבלען זיך שטיקלעך אייז ווי גלעזלעך אויף א ליוסטרע, דאן איז אזוי גוט געווען צו שטעהן האלב איינגעבויגען איבער׳ן גרויסען מולטער מיט האניג טייג און קנעטען. דאן איז עפים געווען א זומער אום ווינטער. א זיסע ווארעמקייט צוגיסט זיך איבער אלע ביינער, דער גאנצער קער־

פער ווערט עפּיס גרינגער. עס בעוועגען זיך די פּלייצעס פון זיך אליין און די טייג זינקט איין און הויבט זיך אויף, זינקט איין און הויבט זיך אויף, פּונקט ווי זי וואלט געווען פון גומע.

אסנע, ברײנעס מאמע, א צובראכענע פערעלטערטע יודענע איז א גאנצען טאג געשטאנען אין מארק און פערקויפט פון „א מישעל" די דארף־פּויערים לעקעך און געפּרעגעלטען מאן, געשאל־טען און געריסען זיך מיט די קאנקורענטקעס איבער א גראשענעם קונה, קומענדיג ווינטער אין אווענד פון מארק א היים א דער־פרארענע, א צוקנײטשטע, א בלאהע פלעגט אסנע באלד אנהייבען ברומען:

— אט זיצט א מויד אין שטוב און עסט, און פרעסט, וואלט אבער געפּרובט פריהרען א מאג, וואלט זי געוואוסט. א טובה טהוט זי מיר, זי קנעט, א מורא'דיגע זאך.

אזוי פלעגט אסנע טענה'נען פאר זיך, בלאזענדיג אין די דערפרארענע הענד און קלאפּענדיג פוס אן פוס, כדי צו דער־ווארעמען זיך אביסעל. א דארינקע, א קלײניגקע, א דערפרארענע אין גרויסע קויטיגע, מאנסבילשע שטיוועל, האט זי אויסגעזעהען, ווי א גרויסע פערוואגעלטע ביהן, וואס האט ווינטער ניט איינגע־שלאפען. אט פליהט זי אום איבערן שטוב, בייזערט זיך און זשומעט פאר זיך און ווײס דערביי גאנץ גוט, אז קיינער הערט זי ניט און קיינער וועט איהר ניט העלפען.

ברײנע פלעגט דאן זיצען און קוקען ווי א בהמה, וואס איז זיך מכין מעלה־גרה זיין. נאר זאוועל דער אלטער שכור און דער אלטער לעקעך־מאכער, פלעגט זיך אויפהויבען פון סאפקע, דער־הערענדיג דעם ווייב'ס קול און א נײג טהון זיך:

— די מאדאם, א געזונד צו אייך, גיט א פאר צעהנער'ס אויף א כוסה, א געזונד צו אייך.

ברײנע גערהט אום איבער'ן שטוב און בלאזט אין די הענד:

— און א מכה ווילסטו ניט?

— אך א געזונד צו אייך, מאדאם, ענטפערט זאוועל און נויגט זיך, א יוד איז מחויב מאכען הונדערט ברכות א טאג און איך האב נאך איינע ניט געמאכט.

אזוי פלעגט זאוועל רײדען און חכמה'נען זיך מיט זיין פלונית'טע, נאר מיט זיין „בתי" פלעגט ער רײדען גאר אנדערע

דבורים. א גאנצען טאג פלעגט ער זיך וואלגערען אין דער היים אויף דער שטרויענער סאפקע, שאקלען, שאקלען מיט'ן שכור'ן קאפ און צוהערען זיך ווי דאס מויד קנעט און קנעט. ווי עס פייפט די נעדיכטע האניג-טייג. ווי עס ציטערט און עס קנאקט דאס שווערע בענקעל און דער טיעפער מולטער אונטער איהרע שווערע מאנסבילשע פויסטען. ס'פלעגט אבער טרעפען, אז ברײנע דערזעהט מיט אמאל דורכ'ן פענסטער א דועל פון צווי העהנער אדער א געשלעג פון ציגען, בלייבען איהרע רויטע הענד האלב שטעקען אין דעם געדיכטען טייג, די קליינע אויגעלעך הויבען אן נייגעריג סטארצען, דאן גיט זיך זאווען פלוצים א חאפ, ווי א גרויס קינד, וואס האלט ביי איינגעשלאפען ווערען און די מאמע הערט אויף צו זינגען. איהם פעהלט דאס פייפען פון טייג, דאס געדרודערײ פון מולטער.

— מויד, — פלעגט ער שכור-היזעריג און אונגעדולדיג א געשריי טהון, — קנעט, א קרענק דיר אין די ביינער אריין.

אפטמאל פלעגט זיך אבער זאוולען ניט איינגעבען „פאטשא-פען" ביים ווייב נעלד אויף מאכען שהכל און לויבען זיין נאמען. און אין אזא טאג פלעגט זאוועל זיין זעהר אויפגערעגט, און ווי ער פלעגט דערזעהן אז ברײנע האט זיך שוין פערקוקט, פלעגט ער זיך פאוואליע אויפהויבען, לאנגזאם און שטיל ארויסציהען פון פון דעם בלאטיגען שווערען שטיוועל, צומאכען א שכר'עם אויג, כדי גוט אנצוצילען זיך — און געבען א שלײדער דעם שטיוועל ברײנ'ען גלייך אין זייט אריין, אין איילענבויגען, אמאל אין סאמע קאפ און צופריערען הײזעריג אויסזינגען.

— אהא — א?

— אוי, — פלעגט ברײנע שוואך א געשריי טהון פון וועהטאג און חאפען קנעטען די האניג-טייג ניך ניך, און מיט אזוי פיעל קראפט, אז די פענסטער האבען געציטערט.

מעהר ווי „אוי" פלעגט זי ניט אויסשרייען. זי פלעגט זיך אפילו ניט א קעהר טהון אין יענעם זייט, פון וואנען דער שטיוועל איז געפלויגען, זי האט שוין פערשטאנען, וואס דאס בע-טייט. און וויטער פייפט די טייג און דער מולטער קרעכצעט אונ-טער די שווערע רויטע פויסטען. און זאוועל זיצט אויפ'ן סאפקע אין איין שטיוועל, קראצט זיך און הערט זיך צו, ווי „עס רעדט

די טײַג״, בערוהיגט זיך, לעגט זיך און הערט זיך צו. נאָר פּלוצלונג דערמאָהנט ער זיך און גיט זיך ווײַטער א הויב:

— מויד, דעם שטיוועל!.

ברײַנע גיט א שטויס מיט׳ן פוס דעם טאַטענס שטיוועל, פון וועלכען זי האָט אָט ערשט א קלאַפּ בעקומען, ניט געבענדיג זיך אפילו א קעהר אין יענעם זײַט. דער שטיוועל גיט זיך געשווינד א שמיר אָן דער בלאָטיגער מעהליגער פּאָדלאָגע און פליהט צו גלײַך צו זאוולען. זאוועל חאַפּט איהם אונטער, ציהט לאַנגזאַם אָן אויפ׳ן פוס, ציהט זיך אויס ווײַטער אויף דער שטויביגער שטרויענער סאָפּקע און דרעמעלט, דרעמעלט און הערט זיך צו.

אָפּטמאָל דערפיהלט אָבער ברײַנע, אז דער טאַטע האָט גוט אײַנגעשלאָפען, גיט זי זיך פּאַוואָליע א שטעל, גלײַכט אויס דעם רוקען און קוקט מיט גליהענדע אויגעלעך אויף דעם פערשלאָסנעם קאַמאָר, וואָס שטעהט ניט ווײַט פון זאוולען. זי ווייס, אז דאָרט ליגט פריש אויסגעבאַקענע לעקעך, געפּרעגעלטע מאָן, וואָס זי האָט אזוי ליעב. זי קוקט אהין, און די ברייטע נאָזלעכער ציטערען ביי איהר, נאָר צוגעהן שטילערהייד צום קאָמאָר און עפענען דעם שלאָס מיט א מעסער, דאָס האָט זי זעהר מורא. זי געדענקט זעהר גוט יענע קלעפּ, וואָס זי האָט פאַר אזא מעשה געקראָגען. אז די מאַמע איז דעמאָלט געקומען און האָט זיך געחאַפּט צום געפּרעגעלטען מאָן, אז עס פעהלט, האָט זי זיך תכף גענומען „צו דער מויד״, גענומען שיסען מיט טויטע קללות און פּעטש אין פּנים אַרײַן, און זאוועל האָט אויסגעטהון איין שטיוועל, אַרומגעשפּרונגען אַרום איהר אין איין שטיוועל, און מיט׳ן אנדערען געבויקערט איהר אין די זײַטען אַרײַן.

— אויספּאַלען זאָל דיר דער מאָן באַקאָם, שטיק פלייש! — האָט די מאַמע געשאָלטען און געפּאַטשט.

— אָ—מן! האָט זאוועל אונטערגעחאַפּט מיט א קוועטש אויפ׳ן „אָמן״ און געזעצט מיט׳ן שטיוועל אין רוקען. צוויי קלײַנע מענשעלעך האָבען אַרום איהר אַרומגעטאַנצט, א דאַריגקע יודינע מיט צוקנײַטשטע קאַלטע הענדלעך און א יודעל מיט קאָלטענעוואַטע האָר, איין שטיוועל אין האַנד דער אַנדערער אויף א פוס. ביידע האָבען געשאָלטען און געשלאָגען. און „זי״ איז געשטאַנען צווישען זיי א גרויסע, א שווערע, א פונק־רויטע און א שולדיגע פון

קאָפּ ביז די פּיס, האָט מקבל־קלעפּ געווען, און ניט פֿערשטעהעני-דיג, וואָס זי בעדאַרף דאָ אָנהויבען צו טהון, האָט זי מעהר ניט ווי געפינטעלט מיט די אויגען, געשוויצט און געסאָפּעט, ווי א פֿערמאַטערט פֿערד.

— שלאָג זי און שלאָג די וואַנד, א בראָך צו איהר, — האָט די כאַמע אויסגעשריען און שטאַרקער א פּאַטש געגעבען.

— אָ—מן! — האָט זאַוועל אונטערגעחאַפּט און א ריב געגעבען אין זייט אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט געמוזט א קרעכץ טהון און געבען א טראָט.

דעם דאָזיגען קלאַפּ האָט זי א צייט געדענקט. זי האָט עפּיס מאָרנע מוֹרא געקראָגען פֿאַר דעם טאַטענס קויטיגע שטיוועל. און זי האָט ניט געקאָנט שוין מעהר קלערען וועגען טאַטען: ט אַ ט ע; דער ט אַ ט ע, למשל, געהט, דער ט אַ ט ע שלאָפט... אַט זאַוועל געהט, זאַוועל שלאָפט, זאַוועל שלאָגט זיך. אַזוי יאָ, אַזוי יאָ... דער פֿערשלאָסענער קאַמאָד רופט שטילערהייד, דער פֿריש גע-פּרעגעלטער מאָן שמעקט אַזוי מחיה, נאָר זאַוועל'ס שטיוועל, נאָר זאַוועל'ס שטיוועל.

שבת פֿלעגט ברײַנע אָנטהון א סיטצענע רייַנע בלוזע און זעצען זיך בייַם פֿענסטער קוקען אין דער וועלט אַרייַן. טאַטע-מאַמע שלאָפען און זי, ברײַנע אַלייַן, אין דער סיטצענער ווייַסער בלוזע שלאָפט ניט, זיצט מיט'ן ברוסט האַרט אָנגעשפּאַרט צום פֿענסטער, און איהרע רויטע הענד זעהען אויס נעגען דער ווייַסער סיטצענער קאָפטע נאָך רויטער ווי תמיד. ענטלעך געהען צו טבילה. אויפֿ'ן בלאָהען הימעל שווימען ווייַסע פּוחאָווע וואָלקענ-לעך אַזוי לאַנגזאַם, שבת'דיג, נשמה יתרה'דיג, א בוטשאַן פֿליהט און לאָזט זיך אַראָב אויף יענער זייַט טייַכעל אינ'ם זומפּ, און זי זיצט בייַם פֿענסטער און קוקט אויף אַלץ טעמפּ, ווי א טויבער בשעת מען רעדט. אָנצינדען פֿלעגען זיך בייַ איהר די גרינינקע שמעלציגע אויגעלעך נאָר דאַן, ווען זי פֿלעגט דערזעהען א חאַליאַס-טרע בחורים שפּאַצירען מיט מיידלעך. אַט געהט וועלוועל־שוס-טער מיט זייַן כלה, יענקעל לייַמער מיט די ברייטע פּלייצעס מיט זייַן דבאָשה'ן. דער קורצער האַלז ציהט זיך דאַן בייַ ברײַנען אויס דער רויטער שטערען דריקט זיך צו האַרט צו דער וואַרימער שויב, און די גריגע אויגעלעך גליהען, אָפּטמאָל בע-

מערקט זי אין דעם שפּאַציר, ווי אַ בחור גיט אַ מיידעל אַ חאַפּ אונטער'ן אָרעם, אַ נעהם אַרום טאַליע, דאַן פלעגט זי זיך שטיל און דערשטיקט צולאַכען. אינעווייניג פלעגט עפּיס ציהען און וועה טהון, און זי פלעגט לאַכען. לאַכען פלעגט זי מיט אַמאָדנעם ברוסט קול, מיט אַ שטילען דערוואָרגענעם געלעכטער, וואָס איז געווען עהנליך אויף אַ קוויטשען פון אַ הוהן. לאַכענדיג פלעגט בריינע דאָס מויל ניט עפענען — דער געלעכטער פלעגט געהן ביי איהר דורך די נאָז, נאָר די זייטען איהרע, מיט'ן בּרייטען רוקען מיט דער ברוסט פלעגען זיך וואַרפען און שפּרינגען פון דעם מאָדנעם דערשטיקטען געלעכטער, און עס האָט זיך גאָרניט געגליבּט, אַז אַזאַ געלעכטער'ל געהט אַרויס פון אַזאַ גרויסער געזונדער בעשעפעניש ווי בריינע-מויד.

— הנ... הנ..., הנ...

— מויד, — פלעגט זיך די מאַמע אויפחאַפּען פון איהר לייכטען שלאָף, — מויד!

בריינע פערשטעהט, וואָס עס בעטייט דער מאַמעס „מויד". דאָס האָט געהייסען, אַז זאָל מיט זיין שטיוועל קאָן זיך נאָך אויפחאַפּען. נאָר איינהאַלטען דעם געלעכטער האָט זי שוין ניט געקאָנט, עס האָט איהר עפּיס געגנאַגט און געקיצעלט אין די זייטען. אויפ'ן גאַס געהען בחורים, חתנים מיט כלות, אַ סך חתנים מיט כלות. און דער געלעכטער וואַקסט, וואַקסט. עס חלש'ט זיך לאַכען, לאַכען אָהן אויפהער. אָט פיהלט זי שוין ווי זאָל לויפט אַראָב מיט אַ ברום פון בעט ער פליהט צו איהר. אָט קלאַפּט איהר שוין זיין שווערער שטיוועל אין די זייטען, אין דער נייער סיטצענער בלוזע, ס'טהוט וועה, ס'פלעקט זיך די ווייסע בלוזע, און דאָך רייסט זיך דער געלעכטער פון ברוסט. אַלץ שטאַרקער, די נאָזלעכער ציטער'ן און קיצלען:

— הנ... הנ... הנ...

און נאָכהער ביינאַכט נאָך אַזאַ שבת, פלעגט עפּיס זיין חיים צו שלאָפען. אַלע מאָל פלעגט זי שלאָפען ביי נאַכט ווי אַ טויט און אין אַזאַ נאַכט אונרוהיג. זאָל חראַפּעט, די מאַמע קרעכצט; דאָס אַלטע מעבעל קנאַקט אין דער פינסטער. זי קעהרט זיך, דאָס בעט סקריפּעט אונטער איהר שווערען גוף. און ווי זי דערהערט אַזאַ סקריפּ פון בעט, הויבּט איהר עפּיס אָן צו נאַגען

בײַם האַרצען און ס'ווילט זיך לאַכען. סטאַרעט זי זיך ניט קעהרען — איז האַס, זעהר הײַם און עס חלש'ט זיך ווײַטער הערען ווי דאַס בעט סקריפּעט, ווי דער מאַטראַץ קנאַקט אין דער פינסטער.

---

בעני-ליפּ איז געוועזען בעקענט אין שטעדטיל אלס א גנב און א קאַשעק-חאַפּער, און גערופען האָט מען איהם „ליפּ", ווײַל זײַן איבערשטע ליפּ איז געוועזען צושפּאָלטען אזוי, אז צוויי צײַהנער האָבען זיך אַרויסגעזעהען. דאָס איז געוועזען א דאַרער הונגעריגער „יאַט" פון א יאָהר 20—19, מיט א חוצפּה'שען פּנים מיט א מאָדנעם ווײַסען גלאַנץ אין די קאָסאָקע אויגען. אזא גלאַנץ איז אָפּטמאָל צו בעמערקען בײַ סאַמאַראָדנע גנבים און שפּיאָנען... אין איין חעלען טאָג האָט ער זיך בעוויזען אין שטעדטעל און אין דעם זעלבען טאָג האָבען אויף איהם אַלע גענומען קוקען קרום און פערשפּאַרען פון איהם די טהירען. אז ער איז געוועזען הונגעריג, פלעגט ער זיך אומשלעפּען איבער די געסלעך און גרילצען מיט א משונה'דיגען הילכיגען קול: א—או, א—או, א—או... דאָס האָט געהײַסען, אז בעני-ליפּ איז אין כעס, און וועה איז צו דער נערוועזער אשה, וואָס פלעגט איהם א געשריי טהון, ער זאָל שווײַגען. דאַן פלעגט זיך בעני שטעלען אין דעם פענסטער, פון וואַנען מען האָט אויף איהם אָנגעשריען, און פלעגט אוועקגרילצען שעות-לאַנג „אויף צו להכעיס אין זײַער נשמה אַרײַן" — און געהט טהו איהם עפּיס.

קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך, וואו ער נעכטיגט, וואו ער עסט. מען האָט נאָר בײַ איהם געזעהען ווען ניט איז אַרויסשטעקען פון בוזעם א שטיקעל אײַזען, אַניאַלטען צובראָכענעם לײַכטער, אָדער פון דעם דאָזיגען בוזעם סטאַרטשעט א בולקע. און בעני געהט קנײַפּט פון דער בולקע און לעגט אין מויל, און אז א מענש שטעלט זיך אָב קוקען אויף איהם, הויבט ער אָן גרילצען א—או א—או... און געהט אַוועק.

אָט דער דאָזיגער בעני פערלויפט ווען ניט ווען צו זאַוולען אין הויז קויפען פאַר א גראָשען מאָן, אַרײַנלויפענדיג ניט ער ברײַנגע מויד א קניפּ פאַר'ן האַנד — און קעהרט זיך אָב אָן א זײַט. ברײַנע ווערט מטושטש, הויבט אָן פינטלען מיט די אויגען און קנעטשען מיט אַלע כחות פונקט ווי מען וואָלט זי מיט א

ביימש אונטערגעטריבען, זאוועל האפט זיך פון [סאפקע א קראץ:
— „יאחמעץ", פרעגט ער בעני'ן מיט בטול, „יאחמעץ",
וואס?
— מאן, מאן, מאן, — הויבט אן בעני טאנצען אויף גאנ'ארט
און מאכען מיט די פלייצעס. זאוועל קריכט אראב פון געלעגער,
ברומט הייזעריג פאר זיך, שליסט לאנגזאם דעם קאמאר מיט
אלטע, פערזשאווערטע שליסלען, און נעמט שניידען פון שוואר-
צען פרעגט מאן מיט א צוראצטען מעסער. דער מעסער איז מעסט
און גליצט זיך פון דער האנד, ווערט זאוועל אין כעס:
— פאר וויפיעל?
— פאר א פאר גראשען! — ענטפערט בעני און רוקט זיך
צום קאמאר.
— דו, — מאכט זאוועל מיט חשד און בעשיצט דעם פרעגט
מאן, קענסט שטעהן פון ווייטען, מען וועט אן דיר אויך איס-
קומען.
— זעה נאר, זעה נאר סאר'א פאראד, — רופט זיך אב בעני
און רוקט זיך אויף קאריק.
זאוועל זעגט קוים אב דעם שטיקעל מאן, פערשליסט צוריק
דעם קאמאר און רופט צו זיך בעני'ן:
— דאוואי דענגי! — זאוועל הויבט אן אלעמאל צו ריידען אויף
רוסיש ווען ער ווערט שטרענג און ערנסט...
— זעה נאר, זעה נאר סאר'א פאראד, מאכט בעני און
דערלאנגט זאוולען די פאר גראשען.
דאן ערשט בעקומט ער סחורה.
דעם שטיקעל מאן עסט בעני-ליב שטעהענדיג ביי זאוולען
אין שטוב. ער קייט און טשאמקעט מיט כל ההויות אין דער
וועלט. מאכט מיט די פלייצעס, מיט דער נאז, מיט די ווייסע אוי-
גען, בייסט די שווארצע מאן מיט ווייסע געזונטע ציינער, וועל-
כע סטארצען ביי איהם ארויס פון דער צושפאלטענער ליפ. און
זאוועל איז עס מקבל באהבה, זיצט און קוקט אן בעני'ן פון אונ-
טער די געדיכטע ברעמען ווי א חיה, און בריינע איז רויט, קנעט
די טייג אדער סקראבעט דעם מולטער מיט א רעש, מיט א היץ,
פונקט ווי עס געהט איהר אום לעבען.
— ר' זאוועל, — הויבט אן בעני, ווען ער עסט שוין אויף די

מאָן, — גיט נאָך אויף אַפּאָר גראָשען, מאָרגען גיב איך אייך אָב' מאָרגען ווי איך בין אַ יוד.

זאַוועל ענטפערט איהם אַפילו ניט אָב.

— זעה נאָר, זעה נאָר ס'אַרא פּאַראַד — מאַכט בעני, קוקט זיך אַרום און דערזעהט ברײַנען.

— הערט, ר' זאַוועל, פאַר וואָס מאַכט איהר אייער מויד ניט חתונה. גיט מיר זי פאַר אַ כלה, איאָ?

— הער נאָר, — ענטפערט זאַוועל קאַלטבלוטיג און חאַפּט זיך פאַר אַ שטעקען, — טראָג זיך אָב מיט'ן זעקעל ביינער.

בעני לויפט צום טהיר, פאַרבײַלויפענדיג גיט ער נאָך אַמאָל ברײַנע'ן אַ קניפּ, שטעלט זיך אַרײַן אין טהיר, קריטט זיך געגען זאַוולען און שנעלט זיך אין האַלז:

— אַ שנעפּסעל ווילסטו? אַ שנעפּסעל? אַ-או, אַ-או, אַ-או.. און אַנטלויפט.

נאָך זײַן אַנטלויפען לאָזט אויס זאַוועל זײַן נאַנצען כעס צו דער מויד", שלאָגט איהר מיט'ן שטיוועל, מיט'ן שטעקען, און ברײַנע שוויצט. אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט ווײַטער בעני צולויפען און זאַוועל פיהרט מיט איהם אַנ'ערנסטען מקח וממכר.

---

איינמאָל, בשעת יאָהרצײַט, קעהרט זיך אום זאַוועל פון מנחה דאַוונען. אסנה איז געוועזען אויפ'ן מאַרק ווי תמיד, געבליבען אין שטוב איז נאָר ברײַנע. ביי זיך אין פאָרהויז טרעפט זיך אָן זאַוועל מיט בעני-ליפּ. יענער איז עפּיס געוועזען צוטומעלט און דער-זעהענדיג זאַוולען האָט ער זיך גענומען אָן אַ זײַט, געוואָלט אַרויס-דרעהען זיך אויפ'ן גאַס, נאָר דאָ האָט איהם זאַוועל אַ חאַפּ געגע-בען פאַר'ן קאָלנער.

— סטאָי!

— זעה נאָר ס'אַרא פּאַראַד, — הויבט אָן בעני אויף זײַן שפּיגער. נאָר באַלד פערהאַקט ער זיך און הויבט אָן נאָר מיט אַנ'אַנדער טאָן.

— ווי איך בין אַ יוד, ר' זאַוועל, אַז איך האָב גאָרנישט גע-נומען. האַלט איהם זאַוועל צו מיט איין האַנד פאַר'ן קאָלנער און מיט דער אַנדער האַנד זוכט ער איהם אַרום וואו נאָר מען

קען עטוואס בעהאלטען, און געפינט נארנישט. ניט איהם זאוועל א שטוים.

— נו — „יאצמאך" טראג זיך אב מיט'ן זעקעל ביינער.

בעני אנטלויפט זעהר גערען און זאוועל בלייבט א ווײלע שטעהן אין פארהויז. ער ווארט, אז בעני זאל זיך אנהויבען רײ־צען מיט איהם, שנעלען זיך אין גארגעל און זינגען א—או, א—או...
נאר בעני אנטלויפט גאר און רוקט זיך אום אויף הינטען מיט שרעק.
וואונדערט זיך זאוועל און געהט אריין אין שטוב.

אריינגעהענדיג זעהט ער ווי די „מויד" זיצט נעבען מולטער, די הענד האלב אריינגעשטעקט אין די טייג, די האר צוווארפען, די באקען שרעקליך רויט. זיצט און לאכט עפּיס פאר זיך שטי־לערהייד מיט איהר מאדנעם היהנער־געלעכטער. פערגינט איהר ניט זאוועל וואס זי זיצט. שרייט ער אוים הייזעריג:

— זעה נאר, ווי זי האט זיך צוזעצט, א שענער קנעטען, און שטעהן ביסטו קראנק!

בענוגענט ער זיך ניט און גיט איהר א טורקע אין זייט.

ברײנע שטעלט זיך אנידער און קנעט.

— און וואס האט דא דער גנב געטהון?

ברײנע לאכט שטילערהייד.

חאפט זאוועל אראב דעם שטיוועל און הויבט איהר אן בויקערן מיט כעס.

— מויד, וואס האט ער דא געטהון? וואס האט ער דא געטהון?

מיט אמאל דערזעהט עפּיס זאוועל אין דער מויד אזא זאך, וואס ער האט פון איהר קיינמאל ניט ערווארט. אנשטאט מקבל קלעפּ זיין, גיט זיך פלוצלונג ברײנע א ריס אן א זייט און חאפט אומלויפען איבער'ן שטוב מיט רויטע טייגיקע פויסטען. מיט פאר־פקאליעטע צייהן און ברומט ווי א חיה:

— או—או—או...

זאוועל ווערט בלייך, צום ערשטען מאל אין לעבען דער־זעהט ער אין ברײנען נאך א שטארקערע חיה ווי ער אליין. חאפט ער שוין אליין אנטהון דעם שטיוועל און די הענד ציטערען איהם און דער קול ציטערט איהם:

— גֶעה שוין, גֶעה שוין קנֶעטֶען זָאג אִיך דָאך דִיר, אִין אוֹיוֶוען ווֶערט דָאך אַש—אַ בְּרָאך צוּ דִיר!

---

פוּן דֶעם צוּפָאל אָן זֶענֶען עֶפּיס גֶעוָוארֶען גָאר אַנדֶערֶע בְּעַ־צִיהוּנגֶען צְווִישֶען טַאטֶע־מַאמֶע אוּן דֶער מויד, אוּן ווִי אַזוֹי אִיז דָאס גֶעשֶׁעהֶען, הָאט קֵיינֶער פוּן זֵיי נִיט גֶעווָאוּסט. זָאוועל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערט צוּ בֶּענוּצֶען מִיט זַיין שְׁטִיוועֶל. אָנשְׁטַאט גֶעבֶּען קלֶעפּ הָאט עֶר זִיךְ אָנגֶעהוֹיבֶּען שִׁילטֶען ווִי אַ מַארק־יוּדִינֶע. אוּן אָנשִׁיל־טֶענדִיג בְּרַיינֶע׳ן ווִי פִיעל עֶס אִיז אִין אִיהר אַרַיין, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פֶערטְרַאכְטֶען אוֹיף אַ ווַיילֶע, אַ שְׁפַּיי טְהוּן מִיט אַמָאל „טְפוּ“ מִיט כְּעַס אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן אוֹיסצִיהֶען זִיךְ אוֹיפ׳ן סָאפְקֶע.

בֶּענִי לִיפְּ הָאט זִיךְ שׁוֹין מֶעהר נִיט גֶעווִיזֶען אוּן אַז עֶר פְלֶעגְט דֶערזֶעהֶען זָאוולֶען אִין גַאס, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אָבְּקֶעהרֶען אָן אַ זַייט אוּן אָנהוֹיבֶּען גְרִילְצֶען פַאר זִיךְ אוֹיף זַיין שְׁטַייגֶער אַ—אוּ, אַ—אוּ...

דָאס אַלֶץ הָאט עֶפּיס זָאוולֶען נִיט גֶעשְׁמֶעקְט. עֶר הָאט שְׁטִילֶערהֵייד אָנגֶעהוֹיבֶּען חוֹשד זַיין „דִי מויד“. נָאר אַסנָה׳ן הָאט עֶר דָאס מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זָאגֶען. עֶר הָאט מוֹרא, אַז זִי זָאל אִיהם נִיט נֶעהמֶען עֶרעֶרֶען, בֶּעשׁוּלדִיגֶען אִין אַלֶעם, אַז עֶר הָאט נִיט אַכְטוּנג גֶעגֶעבֶּען, אוּן נִיט גֶעבֶּען מֶעהר קֵיין „הַארטֶע צֶעהנֶערם אוֹיף בֶּענֶעצֶענֶעם“.

הָאט עֶר דֶעם חשד גֶעטְרָאגֶען שְׁטִיל בַּיי זִיךְ אִין הַארצֶען אוּן גֶעוָוארט, גֶעוַוארט. נָאר ווִי עֶר פְלֶעגְט אַקוּק־טְהוּן אוֹיפ׳ן רוּיטֶען קַארק מִיט דִי בְּרֵייטֶע פְלֵייצֶעם, ווֶעלכֶע צִיטֶערֶען בְּשָׁעת׳ן קְנֶעטֶען, פְלֶעגְט עֶר אָנהוֹיבֶּען סְקַאלְיֶען מִיט דִי צֵייהן אוּן שִׁילטֶען פַאר זִיךְ:

— אוֹי אַ בְּרָאך צוּ דִיר, אוֹי אַ בְּרָאך צוּ דִיר!

אֵיינמָאל הָאט עֶר זִיךְ נִיט אֵיינגֶעהַאלטֶען, גֶעחַאפְּט דֶעם שְׁטִיהעֶל אוּן גֶענוּמֶען שְׁלָאגֶען זִי, דַאן הָאט בְּרַיינֶע מִיט אַמָאל אַרוֹיסגֶעלָאזֶען אַ מְשׁוּנה׳דִיגֶען ווִילדֶען גֶעשְׁרֵיי, אַשְׁטוּים גֶעגֶעבֶּען פוּ זִיךְ דָאס קְנֶעטֶעכְטֶס אַזוֹי, אַז דֶער בֵּיינקֶעל מִיט דֶעם מוּלטֶער מִיט דִי טֵייג הָאבֶּען זִיךְ אִיבֶּערגֶעקֶעהרט קַאפּוֹיר. אוּן אַלֵיין הָאט זִי זִיךְ צוּגֶעדְרִיקְט מִיט׳ן בּוֹיךְ צוּם ווַאנד אוּן גֶעבְּרוּמְט ווִי אַצוּרֵייצְטֶע חיה.

— אוּ—אוּ—אוּ — — —

האַט זיך שוין זאַוועל אַליין מטריח געווען, אויפגעהויבן די טיַיג און געמאַכט אַ שוויַיג, אַז אסנה זאָל ניט וויסען.

און די „מויד" אַליין איז עפּיס אויך געוואָרען אַנדערש.

פּונקט ווי זי האָט סוף כּל סוף דערפיהלט איהר קראַפט איבער טאַטע־מאַמע, זי איז געוואָרען פויל און האָט אָנגעהויבען אַסך צו עסען, זי פלעגט שוין ניט קנעטען, וואַשען און הייצען אַזוי פלייסיג ווי פריהער, האָט אָנגעהויבען צו איינמאַטערען זיך זעהר גיך, און לעגען זיך אָפּרוהען, און דאָך האָבען זיך איהר בלאָהע פלעקען בעוויזען אונטער די אויגעלעך, און די אויגען אַליין זענען אויך געוואָרען אַנדערש: עפּיס ניט פערחלום׳ט, ניט פער־שכור׳ט. זי האָט אָנגעהויבען אָפטמאָל לאָזען אין מיטען דער אַרבייט, אומגעהן איבער׳ן שטוב מיט פערקאַשערטע אַרבעל און לאַכען פאַר זיך מיט איהר ווילדען היהנער־געלעכטער. איינמאָל האָט זי אַ קוק געגעבען אין פענסטער און האָט זיך שרעקליך צו־לאַכט און האָט געחאַפּט זיך בייסען די רויטע הענד מיט איהרע וויַיסע פערדישע צייהן. נאָכדעם האָט מען דערזעהען, אַז דאָס איז בעני־ליבּ פערביַיגעגאַנגען. ביי נאַכט פלעגט זי אָפטמאָל ניט שלאָפען, קעהרען זיך פון זיַיט צו זיַיט און שטיקען זיך פון גע־לעכטער.

אסנה פלעגט זיך איינהערען און אַ שעפּטשע טהון זאַוועלען אין דער פינסטער:

— דו הערסט, די מויד האָט עפּיס אויפגעהערט צו שלאָפען!

— הויבּט גאָרנישט ניט אָן צו טהון! — ענטפערט זאַוועל.

— אַז דו האָסט זי פונאַנדערגעלאָזען, שוויַיגסט איהר אַלץ.

— געהט זי כּף־הקלע! — מאַכט זיך זאַוועל אַוועק און הויבּט אָן חראַפּען, כּדי אסנה זאָל מיינען, אַז ער שלאָפט.

אַזוי זענען אַריבּער עטליכע חדשים.

זאַוועל האָט שטאַרק געטרונקען, בריינע האָט „געמאַכט שטיק" און וואָס וויַיטער אַלץ מעהר געפוילט זיך, אסנה איז אַ גאַנצע טאָג געשטאַנען אין מאַרק, און קומענדיג אהיים גע־

וואָרטשעט, געשאָלטען, מורא געהאַט טשעפּען זיך מיט דער מויד און אויסגעלאָזען דעם גאַנצען כּעס צו זאַוולען.

איינמאָל פאַר נאַכט קעהרט זיך אום זאַוועל פון שיינק אַ היים גוט שכּור און האָט בכּונה אויסציהען זיך אויף דער שטרויענער סאָפּקע, ווי נאָר ער וועט אַריינפאַלען אין שטוב. אין פאָרהויז הערט ער דער ווייב׳ס קול, אַריינגעהענדיג אין קיך זעהט ער, ווי די מויד זיצט אויפ׳ן פאָדלאָגע און אסנה שטעהט איבער איהר און שרייט מיט קולי-קולות:

— דעם זעקעל מעהל זאָלסטו מיר אַרויסטראָגען אין קלייט, זאָג איך דאָך דיר.

— מורא, — שטאַמעלט די מויד מיט פערלעגטע הענד אויפ׳ן האַרצען.

— שוין זאָלסטו מיר אַרויסטראָגען. אַרויסטראָגען זאָל מען דיך!

— מורא...

— און דו, שכּור, וואַרפט זיך אסנה אויף זאַוולען, דערזעהענדיג איהם. — זעהסט ניט, ווי איך ווער פון איהר אויס-געריסען? וואָס שווייגסטו, פרעג איך דיך, שכּור!

זאַוועל פערגעסט אויף אַלעס און נעהמט שוין אַראָב דעם שטיוועל.

— מורא, מורא, מורא. — ברומט די מויד און נעמט זיך אַרום די קניה.

זאַוועל גיט אַ זעץ.

מיט אַמאָל דערפיהלט זאַוועל דורכ׳ן נעבעל פון שכּרות און געפילדער, אַז בריינע האָט זיך אַ שטעל געגעבען. אסנה ליגט שוין אויף דר׳ערד, און אַ געזונטע האַנד בויגט איהם אַראָב ביים נאַרגעל און ווערגט. אַלץ הויבט זיך אָן צו דרעהען. ס׳הערט זיך נאָר דער מוידס קויל, אַ פערשטיקטער, שרעקליכער, ווי פון אַ בייזער חיה:

—או—או—או—זאַוועל, או—או זאַוועל, זאַוועל...

קוים, קוים האָט איהם אסנה פון דער מויד׳ס הענד גע-ראַטעוועט.

זאַוועל איז געוועזען טויט שכּור, דאָך האָט ער אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, ער האָט מורא געהאַט, אַז די געזונדטע

טויד מיט די רויטע הענד זאל איהם ניט קומען ווערגען. און פאר טאג, אז ער איז אביסעל אנדרעמעלט געוואָרען, האבען איהם אויפגעוועקט דער ווייב'ס פערצווייפעלטע קולות.

— גוואלד, גוואלד — זי איז דאך טראָגעדיג! א בראך צו איהר...

— אמן, — האט זאוועל געענטפערט אויף זיין שטייגער, עפענענדיג די פערשלאָפענע אויגען, אוועקגעזעצט זיך און א קוק געטהון אויף אסנה'ן. זי איז געשטאנען נעבען זיין בעט האלב אנגעטהון, געהאלטען זיך מיט ציטערדיגע דארע הענד פאר'ן קאפ און געוואלדעוועט:

— אוי, זי איז טראָגעדיג, זי איז טראָגעדיג, א בראך צו איהר!

— אמן, — האט זאוועל ווייטער געענטפערט און אראבגעלאָזען דעם קאפ.

אסנה'ן האט ווי פערוואונדערט זיין קאלטקייט. ער זיצט פונקט ווי גארניש און גיט זיך אפילו ניט קיין חאפ. איז זי געבליבען שטעהן נעבען זיין בעט ווי פערשטיינערט — און אנטשוויגען געוואָרען, זאוועל איז עפים געוואָרען צומומעלט פון דער ווייב'ס שטילקייט און ניט וויסענדיג וואס צו זאָגען האט ער אנגעהויבען שטאמלען:

— פאני מאדאם! ע, ע, אגעזונד צו איך! ע, גיעט אפאר צעהנערם אויף בענעצערייט...

# עס פּאַסט ניט.

(עסקיז).

שטענדער, אַ צוואַנציג־יעהריגער ברונעט מיט קאַרע שטאָלצע אויגען איז אַ גאַנץ קלוגער און לעבהאַפטיגער בחור; נאָר אז עס קומט איהם אוים הונגערן, ווערט ער אַ נאַר. דוקא אַז אין קע־שענע איז ניטאָ קיין גראָשען, מוז ביי איהם דער קראַגען זיין שניי־ווייס, דער נעהראַק—ווי אָקאָרשט פון אונטערן פרעס, און אין זיין קראַוואַט טאָר ניט פעהלען די גאָלדענע שפּאָנקעלע מיט די דריי קליינע דימענטלעך.

און גראַדע דאַן הויבט ער אָן דערצעהלען מעשות וועגען זיין טאַטענס קאַפּיטאַלען, וועגען די געלדער, וואָס ער ניט אוים ווען ער פאָהרט אין אויסלאַנד, און קיינעם איז דאָס ניט אינטע־רעסאַנט. —

זיין טאַטע איז גאַנץ רייך. אַלע חודש בעקומט פון איהם שטענדער דריי פינפאונצוואַנציגערס אין אַ קאָנווערט, נאָר געה קום מיט דעם אוים אין וואַרשע? דאָ איז אַזוי פיעל קאָנצערטען, רעסטאָראַנען, קלובען. אַנו, פּרובט זיך דורכלעבען מיט אַזוי וועניג געלד, אפשר קענט איהר דאָס? שטענדער קען דאָס ניט, ווי ער בעקומט, געהט דאָס אוועק. די צווייטע וואָך באָרגט מען, די דריטע וואָך שפּיעלט מען מיט „פּושערס", אין שאָך אויף קאַווע און מיטאָג. די פיערטע וואָך הונגערט מען און מען וואַרט אויף דעם ערשטען דאַטום.

אין אזא מין צרה'דיגער וואָך האָט זיך איינמאָל שטענדער אויפגעחאַפּט גאַנץ שפּעט נאָך האַלבען טאָג און גענומען קלערען מכח דעם, אַז אייגענטליך האָט ער זיך ניט וואָס צו אײַלען. אויב ער וועט געהן זוכען געלד, וועט ער סײַ ווי סײַ ניט קריגען, און אויב שטיין וועט היינט ברענגען אַ פּינפּערל, ווי ער האָט נעכטען צוגעזאָגט, וועט ער אַזוי אויך ברענגען. —

אויפ'ן גאַס איז געווען ווינטער, אין צימער — קאַלט, אין מאָגען — ליידיג. שטענדער האָט ניט ווילענדיג אַרויסגעצויגען זיין האַנד פון אונטער דער דעקע, אָנגעטאַפּט אין ווינקעל די גרינע פלעשיל און אַ בויטש געטהון. יאָ, בּרען-ספּירעט איז נאָך דאָ, אין פּאַפּירענעם זעקעלע האָבען זיך נאָך געבּאָמבּעלט אַ פּאָר שטיקלעך צוקער. הייסט דאָס, אַז טיי קען מען נאָך מאַכען, סענץ איז איהם געבּליבּען פון נעכטען.

— אויך גוט, — האָט זיך שטענדער געקלערט און געבּליבּען ליגען. ער האָט אַלץ געוואַרט, אַז מען וועט איהם אָנקלאַפּען.

מען האָט ווירקליך אָנגעקלאַפּט.

— אָט פליהט דער פּינפּערל, טראַכט זיך שטענדער.

נאָר אָנשטאָט שטיינען מיט'ן פּינפּערל איז צו איהם אין צימער דורכ'ן שפּאַלט פון טיר אַריינגעפאַלען אַ פערמאַכטער בריף.

— חאַפּט עס דער רוח, האָט זיך שטענדער אויסגעזידעלט און געבּליבּען ליגען.

ערשט אין אַ שעה אַרום נאָכ'ן איינוואַשען זיך און טיי טרינקען, האָט שטענדער אויפגעהויבען דעם בריף פון דער פּאָדלאָגע און אויפגעריסען.

דאָס איז געוועזן אַנ'איינלאַדונג פון אַ בעקאַנטער רייכער הויז אויף מיניגעם פון אַ טאָכטער.

אַז שטענדער האָט געלד, איז ער דאָרטען אַ בן-בית. די מיניניצע קען ער זייער גוט, זי הייסט יעווא, האָר האָט זי גאָלד-גיבּע, הענטלעך — ווייכינקע.

— ווייס איך וואָס? כ'וועל נישט געהן — מאַכט שטענדער צו זיך אַליין און לאָזט אַראָב ביידע הענט אין די לעדיגע קעשענעס. —

פונדעסטוועגען האָט ער דעם געהראָק אָנגעצויגען, אונטערגעשפּאַרט די געמבּע מיט אַ הויכען געקראָכמעלטען קראַגען, ניט פערגעסען די גאָלדענע שפּאַנקעלע... אַ קשיה אויף אַ מעשה, טאָ-

מער ברענגט שטיין פֿאַרט דאָס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט.

און נאָך אַ שעה, צוויי ציהען זיך, מאַטערען, און געהען אַריבער, און שטיין איז ניטאָ, עסען ווילט זיך שרעקליך און די מאָלצייט־צייט ווערט אַלץ נעהענטער. צום מאָלצייט וועט מען דאָרטען מסתמא געבען קאָטלעטען פֿון אינדיק מיט פֿרישען סאַלאַט, און דעסערט פֿון פֿרישען אַנאַנאַס...

— ווייס איך וואָס? איך געה נישט, — מאַכט צו זיך שטענדער און ציהט פֿון דעסטוועגען אָהן דעם פּאַלטאָ, און בלייבט ווידער שטעהן אין מיטען צימער מיט די הענט אין די קעשענעס, באַלד איז שוין פֿיער דער זייגער און דער מאָהל־צייט הויבט זיך אָן...

— איך געה ניט, — זאָגט צו זיך שטענדער און געהט אַרויס אויפ׳ן גאַס.

און נאָך אין אַ האַלבע שעה אַרום, אַז ער האָט זיך שוין נעהויבען אויף די ברייטע, מאַרמאָרנע טרעפּ, האָט ער זיך געפֿיהלט אַזוי מיעד און צובראָכען ווי נאָך אַ שווערער, זעהר שווערער, אַרבייט און האָט צו זיך געטענה׳ט:

— אַריינגעהן געה איך ניט אַריין.

און פֿונדעסטוועגען האָט ער אָנגעקלונגען, און ביז מען האָט איהם געעפֿענט האָט ער אַ צוויי דריי מאָל איבערגעלעזען אויף דער מעשׂ׳נער ברעטעלע די גוט בעקאַנטע פֿאַמיליע, וואוהין ער געהט:

— ריבלין, האָט ער געלעזען. ריבלין, ריבלין, ריבלין...

און נאָר נאָך לאַנגע, לאַנגווייליגע, „בלוט־זויגענדע״ צערעמאָניעס האָט מען זיך מיט מזל געזעצט צום טיש. מען האָט טאַקע דערלאַנגט אינדיצקע און נאָך גוטע זאַכען האָט מען אונטערגעטראָגען, פֿונדעסטוועגען האָט שטענדער געזעהען עסען וואָס געלאַסענער און שטילער און פֿון איטליכער געריכט איבערגעלאָזען אויף דרך ארץ...

וואָס מעהר זאַטער, אַלץ פֿרעהליכער און פֿרעהליכער איז ער געוואָרען. עס האָבען זיך צו איהם אומגעקעהרט זיין פֿלינקייט און וויילקייט. מען שפּיעלט קלאַוויר — ער איז דאָ. מען טאַנצט — דרעהט ער זיך אויך, מען וויצעלט זיך — ער איז דאָ אין מיטען. אָה, אַ וויצלינג איז שטענדער אַ גוטער! ער דאַרף נאָר אַרוק טהון

די פענסטע אויפ'ן נאז, א קנייטש טהון דעם שטערען—לאכען שוין אלע, ווער קען ניט שטענדער'ן?

נאר אז די ליכט האבען זיך אנגעצונדען אויף דעם גרינעם טיש און די נייע טאשען קארטען האבען א קנאק געטהון, איז שטענדער'ן ווידער געווארען ניט מיט אלעמען. ער האט זיך גע-רובט אוועקמאכען, מען האט איהם אבער בעמערקט און איינגע-רעדען, האט ער געענטפערט מיט א וויץ, דאך האבען זיך אלע געוואונדערט, שטענדער זאל ניט שפילען! ערשט מיט א האך צוריק האט ער אין „טערטעל-מערטעל" אוועקגעלעגט א פינף-אונ-צוואנציגער און דריי פינפערלעך שולדיג געבליבען, ס'טייטש? —

מען האט פערבראכט ביז איינער דריי אין דער נאכט. די געסט האבען זיך גענומען געזעגענען און פונאנדערגעהן. אלס א בן-בית איז שטענדער געבליבען פון די לעצטע.

אויפ'ן גאס איז דערווייל געווארען א שניי מיט א פראסט, מיט א זאווערוכע, אין די קוימענס האט געפייפט, די פענסטער האבען געציטערט, און אז מען האט ארויסגעקוקט האט מען נאר געזעהען א גראהען תהו ובהו; א מיש-מאש פון שניי און פינסטערניש.

שטענדער האט זיך אויך גענומען זעגענען. ביי דער מאר-מאזעל יעווא האט ער אקוש געטהון די שפיצען פינגער און גרא-טולירט. —

די מיניניצע האט איהם אנגענומען פאר'ן האנד:

— שטענדער, בלייבט ביי אונז נעכטיגען. ווי וועט איהר געהן אין אזא שניי?

שטענדער האט זיך גאלאנט אבגעזאגט: ער דאנקט זעהר, נאר ער קען ניט...

— ווירקליך, בלייבט ביי אונז נעכטיגען, — איז ריבלין אליין צוגעשטאנען, — אזא וועטער, אזא וועטער.

— עס מאכט ניט, — האט זיך שטענדער אוועקגעמאכט, שליטענס איז דא גענוג. איך נעהם א שליטען.

און אין הארצען האט ער געטראכט: — ווי ווערט מען פון אייך פטור, מען קען זיך גאר אייך פאר אייער וועטשערע ניט אויסצאהלען. אסור זאל מיר זיין, אויב איך האב א גראשען...

דער בעל-הבית מיט זיין טאכטער האבען איהם אבער ניט אבגעלאזט. אראב איהם בעגלייט מיט א לאמפ אין האנד. יעווא

האָט איהם װידער געפּרובט אײַנשמועסען, ער זאָל בלײַבען. געװיס װאָלט ער גערן געבליבען נעכטיגען, ס'איז איהם ניט דאָס ערשטע מאָל, אַ צימער גיט מען איהם אָב אַ שענעם, אַ דעקע אַ בלאָהע, אַ זײַדענע, פון די קישענס שמעקט מיט יעװעס אָדעקאָלאָן, אָבער װאָס טהוט מען מאָרגען פאַר'ן אװעקגעהן מיט די דינסטען. דרײַ דינסטען זענען דאָ בײַ ריבלינען, דרײַ — װי די בערען, אַלעמען מוז מען לאָזען, עס פּאַסט ניט, יעצט קען מען נאָך װי ניט איז אַרױס טרוקען...

— צום בעדױערען, — האָט שטענדער אַרױסגערעדט, — איך קען ניט, איך װעל נעהמען אַ שליטען, אַדיע, אַדיע.

ריבלין האָט איהם צוליעב געטהון און גענומען שרײַען פון בױך אַרױס:

דראָזשקאַזש, דראָזשקאַזש!

אַ קעלט איז שטענדער'ן דורכגעגאַנגען דורכ'ן רוקען. אָט האָסטו דיר!! נאָר עס פּאַסט ניט, עס פּאַסט ניט. אַ גראָהער פלעק האָט זיך אַ ריס געטהון פון דעם שנײ-מישמאַש און גענומען קריכען און װאַקסען, אַז דאָס איז צוגעפאָהרען צום טױער, האָט מען דערזעהן, אַז דאָס איז אַ פערשנײַטער שליטען מיט אַ פערד, אײַנגאַנצען װײַס פון פראָסט. דער קוטשער איז געזעסען װי אַנ'-אױסגעקאַלכטער.

שטענדער האָט זיך בעװעגט װי אַנ'אױטאָמאַט. אין שליטען האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט, װי אַ פערמשפּט'ער צום טױט. דער תלין זײַנער, ריבלין, האָט איהם נאָך גוט אײַנגעדעקט מיט'ן שליטען-פעלץ און געדריקט די האַנד.

— װאוהין? — האָט דער קוטשער פערשלאָפען אַ פרעג געטהון דורך די פערפראָרענע װאָנצעס.

— האַ? — האָט שטענדער ניט פערשטאַנען.

— װאוהין פאָהרען, פּאַניע.

שטענדער האָט געזאָגט זײַן אַדרעס, דער שליטען האָט זיך גלײַך אַ ריס געטהון און פיו... אַװעק װי אַ פײַל פון בױגען אין דער שטיק נאַכט אַרײַן.

— אַ גוטע נאַכט — האָט זיך נאָך שטענדערן נאָכגעיאָגט ריבלינס באַס. אַזאַ גזלן!

— „אַ רעוואָלוואָר" האָט ערגיץ ווײַט אַ קוויטש געטהון יענעס קולבעל.

פֿינסטערע, צעטײַשטע גאַסען זענען שוין שטענדער'ן געלאָפֿען אנטקעגען, מקבל פּנים געוועזען מיט שנײ און ווינד. אין קאָפּ איז איהם נאָר געבליבען איין קלײנינקער, עלענדער, צושראָקענער געדאַנק'ל:

— עס פּאַסט ניט...



# נָחוּם.

איצט װעהט ער שױן אױס אַ ביסעל מעשה־יוד און רעדט שױן אזױ, אז די קלײן־שטעדטילדיגע יודען פֿערשטעהען איהם, איצט איז ער שױן אַרײַנגעקראָכען מיט זײַן גרױסען גוף אין אַ סורדוט און שמעקט שױן טאַבאַק פֿון זײַן פֿאַרצײַטיג פּושקעלע מיט אַ שרױף־אַרײַן און מיט אַ קרעכצעל, װי עס געהער צו זײַן, אָבער בעת ער האָט זיך בעװיזען אין שטעדטיל, איז ער געװען אַ גױ, אַנ׳עכטער פּױער. מיט אַ פֿערברענט פּנים, מיט אַ גראָהליך־דראַהעגער באָרד, מיט אַ פּאָר הענד ברײַטע און האַרטע, װי פּאַרעשװע־לעדער. אָנגעטהון איז ער דאַן געװען אין אַ פֿערשמאָלצען טולופּעל, איבערגעבונדען מיט אַ ריטען, אין ברײַטע הױזען, פֿער־רוקטע אין לאַנגע חאָלעװעס, און האָט גערעדט פֿון בױך אַרױס מיט אַנ׳אומגעלומפּערטען רוסיש־יודישען לשון, פֿאַר װעלכען קלײן־שטעדטילדיגע יודען האָבען זיך אין די אױגען געשראָקען, און אונטער די אױגען — געלאַכט. נאָר זײַן נאָז, אָט די רונדע, אױסגעקרימטע נאָז האָט אָנגעזאָגט, אז ס׳איז אַ מצוה איהם מקרב צו זײַן װי אַ יודען.

נײַגיריגע בעלי־בתים האָט זיך דערנאָך אײַנגעגעבען צו דער־װיסען, אז ער איז אײנער פֿון דעם ביסעל איבערגעבליבענע ני־קאָלאַיעװער סאָלדאַטען, אז נאָך סעװאַסטאָפּאָלער קריג האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ „האַראָשע זשאָנקע“ און געהאַנדעלט מיט פֿעל. קײן „רעביאַטקעס“, זענען נישט געװען. איז די „חאַראָשאַ זשאָנקאַ“ קראַנק געװאָרען, פֿערקרענקט זײַן גאַנצע „טאַרגאָװליע“ און געשטאָרבען. איז ער „נאַחים“ — נחום הײסט דאָס — געקו־מען אַהער אין שטעדטיל, און ער רעכענט, אז „האָספּאָד באָג“ װעט איהם „פּאָמילעװען“...

און גאָט האָט איהם טאַקע „פּאָמילעװעט“, און ער איז אָנגעקומען פֿאַר אַנ׳אונטער־שמש אין קהל־שטיבעל

שטענדיג אפילו איז זיך דאס קהל-שטיבעל בעגאנגען אהן אנ'אונטער-שמש. נאר, ערשטענס, איז שוין דער עלטער-שמש געווען קראנק און האט ניט געקאנט ארבייטען און, צווייטענס, האט זיך נחום געווענדט צום גבאי פון קהל-שטיבעל בלשון, „וואשע בלאהאראדיע, גאספאדין גבאי" און דאס איז דעם גבאי זעהר געפעלען געווארען.

ווי נאר נחום איז אנגעקומען פאר אנ'אונטער-שמש האט דאס קהל-שטיבעל גענומען אויסזעהן שענער, ציכטיגער. בעלי-בתים פון מזרח, אריינקומענדיג אין שטיבעל, פלעגען זיך איבער-קוקען, ווי גרויסע מבינים, און הרחבה'דיג ארויסלאזען.

— גא—אנץ פיין...

און דער אלטער שמש, וואס איז געווען קראנק אויף די פיס און האט זיך שטענדיג געווארעמט נעבען אויווען, פלעגט טאג-טעגליך מיט א שמייכעל אויף דעם אלטיטשקען פנים און מיט א גיפטיגער קנאה אין הארצען צו-זעהן, וואס פאר אנ'אייזערנע קראפט עס ליגט אט אין דעם „אלטען יון", מיט וואס פאר א פלינקייט ער ראמט די פאדלאגע, ווי עס ציטערען די בענק, בשעת ער ווישט זיי, און פלעגט אבזיפצען מיט זיין שיטערן אנטעמיגען זיפצעלע:

— הו—אוי עי—עי...

נחום פלעגט אויף איהם דאן א הויב טהון זיינע פינסטערע אויגען און פלעגט א ברום טהון:

— „ניטשאווא"...

און פאר דעם דאזיגען ברום איז איהם דער אלטער שמש געווען א שונא אין הארצען און פלעגט טייטשען דאס „ניטשאווא" מיט אלערליי פרושים...

מעהר פון אלץ האט נחום ליעב געהאט צו פוצען דעם שווערען מעשענעם הענג-לייכטער, וואס איז געהאנגען אויף א קייט צווישען בימה, און ארון-קדש. א מנהג איז געווען אין קהל-שטיבעל צו פולירען איהם מיט קרייד אלע האלבע יאהר: ערב פסח און ערב סכות, און דאס האט מען דאן צום שמש בעדארפט צו נעהמען א מענשען, וועלכער זאל איהם העלפען פונאנדער-שרויפען די שווערע רעהרען פונ'ם לייכטער. נחום פלעגט דאס איינער אליין טהון זעהר גרינג, און ניט אלע האלב יאהר, נאר

אלע צוויי חדשים, אמאל נאך אפטער. די ערשטע צייט האט איהם אפילו דער שמש גיפטיג א פרעג געטהון:

— וואס עפעס פלוצלונג פאר א יום-טוב אויף דיר?

נאר נחום, האט איהם בייז אבגעענטפערט:

— און וואס-דאס „גאספאדין" שמש איינער „דיעלע", אז דאס זיין ריין?

נאר אין אמת'ן איז נחומ'ן ניט אזוי אנגעגאנגען די ריינקייט פון הענג-לייכטער, ווי אנ'אנדער זאך. עפעס האט איהם געצויגען צום געפוליר'טען מעש. ער האט געהאט פערגניגען צו-הערען זיך, ווי עס קלינגען די שווערע צושרויפטע טיילען פונ'ם הענג-לייכטער, און אבפוליר'ענדיג מיט'ן גאנצען כח איטליכען טייל בעזונדער, פלעגט ער דערנאך נעהמען אין האנד, שפיגלען זיך דערמיט א היבשע ווייל'ע און בעקוקען.

— וואס צאצקעסטו זיך אזוי? — האט איהם דער אלטער שמש געפרעגט מיט א שמייכעלע — צאצקעט זיך!

— גלאנצט „ווסיא ראוונא" ווי א הארמאט „יעי באהו"!

— איך האב קיינמאל קיין הארמאט ניט אנגעזעהן, הארמאט.

— ווייל דו ביזט א גערגעלע, „גאספאדין" שמש, איך, „בראט טי מאי", האב זיך זיי אנגעזעהן, איך, „בראט טי מאי", האב „געראבאטעוועט" אין ארטילעריע...

און נחום האט איהם מיט נדלות געגומען דערצעהלען מיט זיין לשון, מאכענדיג מיט א פודיגען דעהר אין איין האנד ווי מיט א שטעקעלע, ווי אזוי אמאל, בשעת סעוואסטאפאלער קריעג, איז ביי „יעהא בלאהאראדיע" מאקאר טרימבוהא" אראבגעפאלען דער קארטוז פונ'ם קאפ און געגומען קייקלען זיך אראב באטאריע, און „יעהא בלאהאראדיע" געבליבען שטעהן מיט אנאקעטען קאפ, האט עם ער, נחום, ניט געקאנט צוזעהן און האט זיך א לאז געטהון אראב בארג נאכ'ן קארטוז. איבער זיין קאפ האט געהאגעלט מיט קוילען, נאר ער האט זיך געטראכט: „ניטשאווא", דערחאפט דעם קארטוז, געבראכט און איבערגעגעבען „יעהא בלאהאראדיע" אין די הענד אריין. האט איהם דערפאר „יעהא בלאהאראדיע" ארומגענומען פאר אלעמען אין די אויגען, מכבד געווען מיט א קלאפ אין פלייצע אריין און אויסגעשריען:

— וואט אן-טא נאחימקא מאלאדיעץ!

דערבײַ האָט נחום אַרײַנגעשפּאַרט זײַן ברײטע האַנד אין בוזעם קעשענע פון טולופּעל, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטען אַ פּער־בונדענעם טיכעל, און פון טיכעל אַ טײַסטער, און פון טײַסטער אַ טײַסטערעל, און פון טײַסטערעל אַ פּאַפּירעל, און פון פּאַפּירעל האָט ער סוף כל סוף אַרויסגעגראַבעלט אַן אָבגעריבענעם בראָנזענעם מעדאַל און געהאַלטען דאָס פאַר דעם שמש'ס אויגען, אָנגעוויזען איהם ער זאָל לייענען:

— זאַ—חראַב—ראָסט.

אַ פריהער, האָט איהם נחום דערצעהלט, האָט ער דאָס געטראָגען אויפ'ן האַרצען, נאָר דערנאָך האָט ער בעמערקט, אַז דער מעדאַל קומט דערפון אָב, אַז די ווערטער „זאַ חראַבראָסט" ניצען זיך אָב אַלץ מעהרער, האָט ער עס בעסער בעהאַלטען אין קעשענע.

ווענען זײַן אייגענעם לעבען נאָכ'ן מיליטער־דיענסט האָט נחום נישט ליעב געהאַט צו דערצעהלען. און אַז דער אַלטער שמש פלעגט איהם נעהמען אויספרעגען מכח דעם און ציהען איהם פאַר'ן צונג, פלעגט נחום ווערען בייז, דערפאַר פלעגט ער איהם גערן מיט תמימות'דיגער התלהבות אויסדערצעהלען פון מלחמה, פון קאַזאַרמע, פון געפאַנגענע פראַנצויזלעך, פון קאַפּיטאַנען און פון „זײַערע בלאַהאָראָדיעס". דאָס רוב אין די לאַנגע ווינטער־אָווענדען, איידער לעגען זיך שלאָפען בײַ דעם וואַרימען אייווען. נחומ'ס קויל פלעגט דאַן ברומען שטיל און לאַנגזאַם און אָבהילכען צווישען די ליידיגע ביינק פון „שטיבעל" אין דער אָנגעהייצטער לופט און אין דער פערסוד'עטער פינסטערניש הינטער דער בימה פלעגען אָנהויבען שוועבען הויכע מיליטערישע היט מיט סולטאַנעם, ריעזיגע פּיקען, אימה'דיגע האַרמאַטען מיט אָפענע קופּערנע מײַלער, לעבעדיגע און צוריסענע פערד, שטרענגע פּנימ'ער פון הויכע גענעראַלען, רויטע פּאָלקאָווניקעס מיט בלויזע שווערדען אין די הענד, וואָס קאָמאַנדעווען איבער גאַנצע ימים פון מענשען־קעפּ, איבער גאַנצע וועלדער פון שפּיזען און ביקסען. און אין דעם דאָזיגען ווײַטען, גוי'ישען געטומעל פלעגען דאָ און דאָרטען אַרויסשווימען יודישע פערגרעבטע פּנימ'ער, יודישע קינדער, וועלכע מען האָט אַמאָל אַרויסגעשלעפּט פון אונטער זייערע מאַמעס שירצען, אָבגעריסען פון די חומשים מיט רש"י און גענומען

ערציהען אויף פּאַסען חזירים און ריינגען די מיסט פון דעם „דיאַדקעס“ שטוב. געוואָלט פערשטיקען אינגאַנצען און ניט געקאָנט. די צושלייַדערטע שטיקלעך יודישקייט האָבען זיך דאָרטען שטענדיג נעצויגען און אויסגעזוכט איינס דאָס צווייטע. דאָ האָבען זיי געמאַכט אַ מנין, וואו מען האָט געדאַווענט, ווי מען האָט געקאָנט: האַלב „יוניש“, האַלב יודיש. דאָרטען — אַ סדר מיט חמצ׳דיגען בראָנפען.

און דער אַלטיטשקער שמש פלעגט זיך צוהערען מיט זיינע טויבעוואַטע אויערען, אונטערקרעכצענדיג מיט מתיקות און מיט שרעק און פלעגט זיך אַלע ווייַלע ציהען גרעסער מאַכען דאָס פּאַיער פון לעמפּעל, און אָנקוקען נחומ׳ן מיט רעספּעקט.

נאָר אויף מאָרגען פלעגט דער אַלטער איהם ווידער פּיינט קריגען פאַר זיינע ברייטע פּלייצעס און זיבערע הענד און פלעגט אַלץ איבערדערצעהלען די בעלי־בתים, וויצלען זיך איבער דעם, פון וואָס ער האָט ביי־נאַכט געהאַט אָבשיי, און—איבערקרימען דעם „חתוך־הדבור“ פון „אַלטען־יון“. לעבערליבע שטיקלעך אין נחום׳ס נאָמען האָבען זיך צושפּרייט אין שטעדטיל. מען האָט דערצעהלט, ווי אַזוי נחום מיט זיינע חברים סאָלדאַטען האָבען איין מאָל שמחת־תורה געמאַכט אַ מנין מיט הקפות אין סעוואַסטאָפּאָל, פערשטעהט זיך מיט „יעהאָ בלאַהאָראָדיעס“ ערלויבעניש, און ווי אַזוי דער „סטאַרשער“ דאַנילאַ זאַהאַריטש „ה׳ליו ג׳שלום“ האָט זיך אוועקגעשטעלט און גענומען אויסרופען: איז מען מכבד— דעם און יענעם: איז מען מכבד דעם באַראַבאַנשטשיק פון פּיאַטע סטרעלקאָווע ראָטע מיט דריי נאַשיוועקעס אויפ׳ן פּלעטשאָ, רוחמילאַ ברי׳ יאַקובאָוויטש, מיט אַ טרעטי פּסוק פון צעטוויאָרטי ראַז אין „ה׳תּה ג׳ראית ז׳“, — און ווי אַזוי אַ מין רוחמילאַ ברי׳ יאַקובאָוויטש פלעגט געבען אַ שטעל אַפּאָר פּים, אַ געה־צו און אַ זאָג עברי פון „מאַליטוועניק“: „מאַלקוסקאַ מאַלקום קאָלימאָיראָס ומעמשלאַשתּך בהאָלדער וואָלדער *) ז׳ אָבער אַזוי אַ זאָג, אַז דער לונג און לעבער האָט זיך דיר אָבגעריסען...

און נאָך אַזוינע מעשיות...

מען קאָן זיך ניט סומך זיין, אַז דאָס איז וואָרט אין וואָרט

*) „מלכותך מלכות כל עולמים וממשלתך בכל דור ודור“.

פֿון נחום'ס מויל. אַ ביסעל האָט איהם דער אַלטער שמש פֿײַנט געהאַט, אַ ביסעל האָבען לעדיג־געהער צוגעגעבען. נאָר דאָס איז אָבער, אַז נחום אַלײן איז שטאַרק געװען גע הר'געט אויף עברי. פֿלעגט ער זיך נעהמען צום סידור, איז דאָס געװען װי אַ מולער לעגט ציגעל. פֿון דאַװנען פֿלעגט ער שטענדיג אַװעקגעהן, פונקט װי ער װאָלט האָלץ געהאַקט: פֿערשװיצט, פֿערסאָפּעט. נאָר דאָס דאַװנען, גאָט צו דאַנקען, פֿלעגט נאָך װי ניט איז אַראָבגעהן; אָט, אַז ס'פֿלעגט קומען מעביר זײַן די סדרה — דאָס איז פֿאַר נחום'ן געװען אַן'אָבקומעניש. מיט אַ פּאָר טעג פֿריהער פֿלעגט ער שוין מיט הכנעה נאָכפֿרעגען בײַם אַלטען שמש, צי אין דער קומענ'דיגער סדרה איז דאָ אַ סך מאָל „רביעי" און „זרקא". — —

— אַ שלל! פֿלעגט איהם דער אַלטער דערשרעקען.

און פֿרײַטאָג בײַ־טאָג, אַז קײנער איז ניטאָ, פֿלעגט זיך נחום פֿערשליסען אין דעם לײדיגען קהל־שטיבעל, אויפֿעפֿענען מיט אימה דעם גרויסען קהל'שען חומש און נעהמען זיך צו דער שװערער אַרבײַט. ער פֿלעגט ברילען און מעקען, דרעהען אהער, דרעהען אהין און אַרוים פֿלעגט עפּעס אַ מין משונה'דיגער סאָלדאַטסקער מאַרש. צו „אַ רביעי" איז געװען אַנ'עק מיט'ן לעבען, צו „אַ זרקא", איז — „הימעל עפֿען דיך"!

װײַסע חברה'ניקעם האָבען אַפֿילו די ערשטע צײַט געפּרובט אונטער'גנב'ענען זיך אונטער דער טהיר און איבערמישען, האָט זײַ אָבער נחום אײַנמאָל און צװײ מאָל געהאַפּט און געמאַכט פֿון זײערע אויערען אַזױנע שלשלת'ן, אַז זײַ האָבען שוין געהאַט צו פֿערזאָגען אַ צעהענטען.

און אויף מאָרגען, שבת בשעת קריאת־התורה, שטעהט נחום אויף דער בימה און הערט מיט טיעפֿע התפּעלות און בענקעניש, װי בײַ דעם בעל־קריאה קומען די טראָפּ אַרוים אַזױ געשליפֿען, אַזױ לופֿטיג און קײַלעכדיג, גליטשען זיך װי װאַרעניקעם אויף פּוטער, שאָקעלט ער שטילערהײד מיט'ן קאָפּ און זיפֿצט אָב: „געדרגעלעך". אָדער ער לויבט דעם בעל־קריאה פֿאַר זיך:

— מאָלאָדיעץ...

געהאַסט האָט נחום פֿון טיעפֿען האַרצען די הײַנטיגע „סאָלדאַטשיקעס", װעלכע פֿלעגען זיך בעװײַזען אין שטעדטיל פֿון צײַט

צו-צײַט. וואו נאָר ער האָט געקאָנט האָט ער מיט פֿערבאָרגענע קנאה אָבגעלאָכט פֿון זײַערע שטיוועלעך, פֿון זײַערע מונדירעלעך. אַז אַ יונגער סאָלדאַטעל פֿלעגט אַרײַנקומען אין שטיבעל, פֿלעגט איהם נחום קײַן סדור'ל צום דאַווענען ניט געבען. עס האָט ניט געהאָלפֿען קײַן שום שתדלנות. „געגנג, פֿלעגט ער אַ ברום טהון מיט שנאה, וואָס זײַ עסען אומזיסטע ברויט מיט קאַשע, נאָך סדורים גיב זײַ. אין גאַס, אַז ער פֿלעגט זיך מיט זײַ בעגעגענען, פֿלעגט ער זיך אָבקעהרען אָן אַ זײַט און וואָרטשען. נאָר אַ מאָל האָט ער אָנגעטראָפֿען אין גאַס אַ סאָלדאַטעל מיט אַנ'אָפֿענגעקנעפּעלטען מונדיר, איז ער צו איהם האַסטיג צוגעגאַנגען און אָבגעשטעלט:

— סטאָי!

יענער איז פֿערוואונדערט געבליבען שטעהן, דאַן האָט נחום אַרויסגענומען זײַן אַלט פּושקעלע. האָט מיט האַרץ אַ שמעק גע־טהון טאַבאַק, אָנגעקוקט דעם סאָלדאַטעל פֿון די שפּיצען שטיוועל ביז'ן היטעל און שטרענג אַ זאָג געטהון:

— סאָלדאַטישקע! פֿערקנעפּעל דײַן מונדירעל און... מאַרש!

מען דערצעהלט, אַז דער סאָלדאַטעל האָט זיך דערשראָקען און געפֿאָלגט.

---

לסוף איז דער אַלטער שמש געשטאָרבען, און נחום איז געוואָרען אי אויבער-אי אונטער-שמש.

פֿון יענער צײַט אָן האָט נחום אײַנגעפֿיהרט אין קהל-שטי־בעל אַ שטרענגע דיסציפּלין. ער האָט נישט געלאָזען רײדען בשעת קריאת-התורה, ניט אומשפּאַצירען אַרום בימה, ווען מען דאַוועגט, ניט שפּײַען אין מיטען שוהל און נאָך אין נאָך אַזוינע זאַכען, אין וואָס קלײַן-שטעדטיל'דיגע יודען זענען מזלזל, פֿיהלענ־דיג זיך אין בית-מדרש, ווי בײַ זיך אין דער-היים.

ווי אַ שומר איז נחום בשעת'ן דאַווענען געשטאַנען אויף דער בימה און פֿון קײַנעם אַנ'אויג ניט אַראָבגענומען. אַז מען האָט אויף וואָס ניט איז עובר געווען, פֿלעגט ער ניט שאַנעווען אפֿילו די מזרח-לײַט, און באַלד פֿלעגט זײַן געזונטע שטים מתרה זײַן:

— ר' איצע!...

אָדער:

— ר׳ חאַצקעל !...

און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפֿען, פֿלעגט נחום בײַז װערען און אָבזאָגען פֿון דער הויך בימה זײַן אײנציג שטיקעל מוסר, פֿון װעלכען ער אַלײן האָט שטאַרק געהאַלטען.

— אין קאַזאַרמע — פֿלעגט ער הויך אויפֿ׳ן קול אויסרופען — אין קאַזאַרמע, צעהן „טיסיאַטשראַז״ להבדיל, אַז עס קומט אַרײַן אַנ׳אָפֿיציר, „דאַושע״ אַנ׳אָפֿיציר ! — שטעהען אַלע אָט אַזוי ! (דערבײַ פֿלעגט ער זיך אויסגלײַכען און צולעגען די האַנד צום יאַרמאָלקע). און אַ יוד האַלט זיך פֿאַר׳ן מלך-מלכי-המלכים — װי אַ הײַנטיגער סאָלדאַטעל אין „אָטפּוסק״, אַנ׳עבירה !

און נעה טענה זיך מיט איהם אוים.

די ערשטע צײַט האָבען בעלי-בתים געלאַכט, דערנאָך געקרימט זיך. אײדימלעך אויף קעסט האָבען זיך געקלאָגט פֿאַר זײַערע שװערען, געסטראַשעט, אַז זײ װעלען אויפֿהערען געהן אין „שטיבעל״. נאָר ביסלעכװײַז האָבען אַלע ניט װילענדיג גענומען פֿאָלגען. און אַז נחום האָט געגעבען אַ פּאַטש : „שאַ !״ איז געװען — „שאַ״.

אין אַ צײַט אַרום האָט אַ הונד פֿערזינדיגט בײַ נחום׳ען אין די אויגען און האָט „געפּעלשט אַ פּעלשונג״ אין דעם הײליגען אײגענטהום פֿון קהל-שטיבעל, האָט זיך מיט איהם דערפֿאַר נחום אָבגערעכענט „פּאָװאָיענאָמו״, — אַזוי האָט ער דאָס אַלײן אָנגערופען.

די מעשה איז געװען אַזוי :

פֿרײַטאָג, אַ פּאָר שעה פֿאַר ליכט-בענשען איז אַ מאָל נחום געגאַנגען אין גאַס אַרײַן, האַלטענדיג אין האַנד אַ קעסטיל, מיט חלב׳נע ליכטלעך, װאָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען פֿון די בעלי-בתים פֿאַר׳ן קהל-שטיבעל. בעגעגענט ער אַ בעל-הבית אַנ׳אורח, װאָס איז ערשט געקומען צופֿאָהרען פֿון װעג. לאָזט נחום אַראָב דאָס קעסטיל ליכט אויף אַ גאַניק און שטעלט זיך רײדען מיט׳ן אורח, קומט צולויפֿען שטילערהײד חװעדער דעם שוסטער׳ס הונד און עסט אויף פֿון קעסטיל ביז אײן ליכטעל. טהוט זיך נחום אַ קעהר, דערזעהט ער עס און װערט ניט נתפּעל, נעהמט אַרויס לאַנגזאַם דאָס פּושקעלע, מאַכט אײן טיעפֿען שמעק טאַבאַק און אַ צװײַטען, ניט אַ שמעק אין דער לופֿטען מיט׳ן פֿינגער צום הונד,

וואָס שטעהט און בעלעקט זיך פון דערווייטענס, און זאָגט אָב האַרט און אָבגעטיילט.

עס—וועט—דיר—שוין—קריינ—קען— דיין—קאָפּ...

פון יענעם טאָג אָן האָבען גאַס־יונגלעך בעמערקט, אַז נחום געוועהנט צו זיך צו חוועדער'ס הונד, וואַרפט איהם ברויט און ביינ־לעך, רופט איהם צו זיך צו און גלעט איהם מיט זיין גרויסער האַנד, און דער הונד מאַכט איהם דערפאַר געטריי מיט'ן ווידעל.

יונגלעך האָבען דאָס אָנגעקוקט מיט חשד און געוואַרט.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, אַז דער הונד האָט זיך צו איהם גוט צוגעוועהנט האָט נחום גענומען אַ פייכטעס, סוקאָוואַטע קלעצ־על. האָט עס אַ ביסעל איינגעשפּאָלטען און אין שפּאַלט אַריינ־געדרוקט אַ שמאָלען הילצערנעם שפּונט אַזוי, אַז דאָס קלעצעל האָט זיך דורכגעקוקט ווי אַ טרייבעל.

דערנאָך האָט ער צו זיך צוגערופען עטליכע יונגלעך דער־צעהלט זיי די מעשה מיט די חלב'נע ליכטלעך און מיט'ן הונד.

נחום איז בשעת מעשה געזעסען אויף אַ גרויסען שטיין, הינטער'ן קהל־שטיבעל, אין שוים איז דאָ ביי איהם געלעגען דאָס קלעצעל, צווישען די פינגער האָט ער געהאַלטען אַ דיקען שמעק טאַבאַק און זיין פּנים איז געווען שטרענג ווי ביי אַ האַרבען שופט.

— „פּאָ זאַקאָנו“,— פרעגט נחום ביי די יונגלעך, וואָס דאַרף מען איהם דערפאַר טהון?

— שלאָגען מיט שטעקענס איבער'ן פּיסק, — משפּט איין יונגעל.

— הרג'ענען ביז צום טויט.

— אַריינוואַרפען אין דעם אַלטען צובראָכענעם ברונען.

— אָבהאַקען איהם דעם ווידעל, — האָט אַ פיערטער יונגעל אַ לאַך געטהון.

— אָ — מאַכט נחום—אָט ד ע ר האָט אַ ביסעל געטראָפען.

נחום האָט געגעבען אַ פייף, און באַלד האָט זיך צו איהם חוועדער'ס הונד געלאָזען לויפען אויף אַלע פיער, און אַרויפ־שפּרינגענדיג אויף זיינע ברייטע קניה האָט דער הונד גענומען אונטערטענצלען, סאָפּען און לעקען איהם זיינע האַרטע הענד פון גרויס שמחה.

דאַן האָט נחום טיעף אַריינגעצויגען דעם שמעק טאַבאַק,

אָבגעווישט די פינגער אָן פלייצע און א מאך געטהון צו די קינדער:
„שא!" גענומען פאמעליך דעם הונד'ס וויידעל, ארייננערוקט עס אין
שפאלט פון קלעצעל ביז'ן סאמע ביין, און געשווינד ארויסגע-
שלעפט דעם שפונט.

דער הונד האט ארויסגעלאזען א שרעקליכען קוויטש, א
שפרונג געטהון פון נחום'ס קניה אין דער לופטען, איבערגעדרעהט
זיך ווי א קנויל און געלאזען זיך לויפען איבער די גאסען מיט
ווילדע יללות, און וויסע-חברה'ניקעס נאך איהם. און נחום איז
געבליבען זיצען אויפ'ן שטיין און — וואלט ער אפילו א שמייכעל
געטהון. דאס פנים איז ביי איהם געווען שטרענג ווי פריהער.

אין א ווייל ארום זענען יונגלעך געקומען צו לויפען מיט
שרעק:

— ער איז געפאלען.

— ווער? מאכט נחום קאלטבלוטיג.

— דער הונד, דער הונד, ער שרייט.

— ער דרעהט זיך אויף איין ארט און בייסט די ערד...
בייסט!...

נחום האט זיך רוהיג אויפגעשטעלט מיט זיין קרעפטיגען
אלטען גוף:

— איך — האב — דאך — געזאגט — אז — ס'וועט
איהם קרענקען — זיין — קאפ...

און איז טריט ביי טריט א וועק דאווענען מנחה.

די יונגלעך האבען איהם נאכגעקוקט מיט אפענע מיילער.

# פּאָעמען און פּראָזא.

# מַעֲשֵׂי-בְרֵאשִׁית.

(אַ פּאָעמאַ).

Gewidmet Emma D.

אַלע נאַכט קומט צו מיר צופליהען
אַ מלאך און דערצעהלט מיר מעשות.
איהר גלויבט ניט? ווי איהר ווילט זיך
אייך, אבי די מעשות זענען שענע...

## א.

# גאָט און דער שאַפונגס-געדאַנק.

## I.

אין אָנפאַנג האָט גאָט נישט געוואוסט, אַז ער איז אַ גאָט.

אַ גרויסער חאָס האָט געהערשט. אַ משונה'דיגער מיש-מאַש אָהן אַ פאַרב און אָהן אַ צייט, אָהן אַ טעמפעראַמענט און אָהן אַ גרעניץ: אַ מיש-מאַש, וואָס האָט קיין מאָל נישט געוואוסט וואָס בעטייט אַ בעוועגונג, וואָס איז אַ קול און וואָס הייסט אַ פונק... דאָס איז נישט געווען קיין פינסטערניש. ניין, פינסטערניש איז דאָך מעהר ניט ווי אַ קאָנטראַסט פון ליכטיגקייט. דאָס איז ניט געווען קיין טויט-שווייגען! די גרעסטע שטילקייט איז דאָך מעהר נישט ווי אַ קאָנטראַסט פון בעוועגונג און געפילדער. דאָס איז נישט געווען — פערפראָרענקייט, קעלט-פערגליווערונג. ניין, קעלט שאַטענט דאָך אָב די וואַרימקייט, אַז עס איז קאַלט דערמאָהנט זיך

און עס בײַנקט זיך נאָך װאַרימקײַט. דאָס איז געװעזען גאָרנישט! אַ מאָדנע איבעבינגע, אַלגעמײַנע טעמפּקײַט, אַ מאָדנע גרױסע װיסטע טױבקײַט אָהן אַ פֿערגאַנגענהײַט און אָהן אַ צוקונפֿט, אָהן אַ ציעל און אָהן אַ געדאַנק, און „דאָס" האָט געהערשט ניט צוליעב. נאָר װײַל. עס איז געװעזען חאָאָס, װײַל עס איז געװעזען חאַאָס.

און איבעבינגקײַטען, מיליאַרדען איבעבינגקײַטען זענען געלאָפֿען אָדער געשפּרונגען, אָדער געקראָכען אײנע איבער דער אַנדערער, אײנע נעבען דער אַנדערער, אײנע אינװעניג אין דער אַנדערער. געקראָכען האָבען איבעבינגקײַטען אָדער געלאָפֿען, אָדער געשפּרונגען. ס'איז דען ניט אַלץ אײנס? סײַ װי־סײַ האָבען זײ נאָך זיך קײן שום רושם ניט איבערגעלאָזט, קײן שום אַנדענקונג דעם חאַאָס ניט געשענקט, פֿלעדערמױזען לאָזען נאָך זיך אױך ניט איבער קײן שום רושם אין אַ פֿינסטערע, פֿינסטערע טױבע נאַכט, װי גרױס זײ זאָלען ניט זײַן, װי לאַנגזאַם זײ זאָלען ניט פֿליהען.

און גאָט, דער איצטיגער, אַלמעכטיגער גרױסער גאָט, האָט זיך געפֿונען אינ'ם דאָזיגען מיש־מאַש און דער מיש־מאַש האָט זיך אין איהם געפֿינען. אײנער איז געװען אונפֿערשטענדיג, אונמעגליך אָהן דעם צװײטען. און דאָך האָט אײנער דעם צװײטען נישט געפֿיהלט. איטליכער פֿון זײ האָט נאָך זיך אַלײן ניט דערפֿיהלט און דעם אַנדערען — אַװדאי ניט.

און דער דאָזיגער חאָאָס־גאָט האָט קײנמאָל אַנ'אױג נישט אױפֿגעעפֿענט. צו ליעב װאָס? ער װאָלט סײַ־װי־סײַ גאָרנישט ניט דערזעהן. ער האָט קײנמאָל ניט מיט קײן אבר אַ ריהר געטהון, צוליעב װאָס? ס'איז ניט געװען װאָס עס זאָל גאָטס־ריהר קאָנען דערפֿיהלען; ס'איז ניט געװען װאָס עס זאָל קאָנען בעקומען אַ שטױס און אָנהױבען בעװעגען זיך.

גאָט האָט געשלאָפֿען.

נײן, ניט געשלאָפֿען! אַז מען שלאָפֿט, אַטהעמט מען, אַז מען שלאָפֿט, חלום'ט מען, אַ מען שלאָפֿט, בעװעגט זיך די ברוסט,

גאָט האָט זיך פֿערגעסען.

נײן, ניט פֿערגעסען! פֿערגעסען קאָן מען נאָר דאָס, װאָס מען האָט געדײַנקט, װאָס ס'איז געװען מעגליך צו געדײַנקען, פֿערגעסען קאָן מען נאָר אָן דעם, אָן װאָס דער געדאַנק האָט זיך חאָטש די מינדסטע מינוט פֿערהאַלטען. גאָט האָט אָבער נישט

נערהאט די מעגליכקייט צו פערגעסען זיך, ווייל ער האט קיינמאל די מעגליכקייט ניט געהאט צו געדיינקען, ביי גאט האט נישט געקאנט געמאלט זיין: „פערגעסען זיך”, ווייל ער האט קיין שום פערגאנגענהייט ניט געהאט.

גאט האט דאן נישט געוואוסט, אז ער איז גאט.

אט וואס!

ער האט פון זיין גייסט, פון זיינע קרעפטען נישט געוואוסט און האט דעריבער נישט געקאנט פערשטעהן, צוליעב וואס זיי זיינען ביי איהם און וואס מען קאן מיט זיי אויפטהון. ער האט ניט געפיהלט, וואס ער איז איצט, און וואס פון איהם קאן נאך ווערען און ועט נאך ווערען. ווי אנ'אונגעהויער-גרויסער, אומפארביטער, אומגעשטאלטיגער פלעדער-הייבעל האט ער זיך אינ'ם חאאס געפונען, ווי אנ'אומפארבינער, אומגעשטאלטיגער פלעדער-הייבעל ווים נאס ניט און פיהלט ניט, אז פון איהם ועט ווען ניט אין א פרייער שמעטערלינג ארויסגעהן, א ריזישער פרייער שמעטערלינג! מיט ליכטיגע געטליכע פארבען, מיט גרויסארטיגע הייליגע פליגלען!

---

## II.

נאר אט האט דעם ווילדען חאאס דערעסען אזא צושטאנד, אט האט זיך אין איהם אנגעהויבען וועבען א טעמפע ליידענשאפט, א מיטנע בייינקעניש צו עטוואס אומבעוואוסטען, אומפערשטענדליכען, אונבעמערקליכען.

דער חאאס האט אנגעהויבען בענקען...

אלע און אלץ הערען נישט אויף צו בייינקען. עס בייינקען אלע וועלטען און אלע ספערען. די שטילקייט בייינקט נאכ'ן געפילדער, נאכ'ן רעש און דער געפילדער בייינקט נאך וויי כער שטילקייט. ווען דער ים איז שטיל, בייינקט ער נאך פערשוימטע ברוזענדע חוואליעס, און ווען ער קאכט ווי א קעסעל, בייינקט ער ווערען צוריק דורכזיכטיג און גלאט ווי גלאז. די נאכט בייינקט נאכ'ן העלען, ווארימען, אפענעם טאג און דער טאג בייינקט נאך

שאָטענס, נאָך קיהל, נאָך בעהעלטניש, נאָך סודות. אַ ריינעם טיעפען הימעל בענקט זיך נאָך גראָהע, ברוגז׳דיגע חמאַרעס און אַפּער־וואָלקענטען הימעל בענקט זיך די טיעפקייט, די בלאָהקייט, די ריינקייט. אַ וויסטע טרוקענע ערד בענקט נאָך וואַסער, און אַנ־ערד. אָנגעזעטיגט מיט רעגען, חלש׳ט זיך אויסדריקען איהרע בענ־קעניש מיט גרעזלעך און בליטהען. איטליכער סוד בענקט נאָך זיין ערקלערונג, איטליכער רעטעניש — נאָך איהר בעשיידונג. אפילו אידיאָטען פון געבורט הויבט זיך עפּיס אָן צו בענקען, ווען עס קומט ביי זיי די צייט פון ליידענשאַפט.

און דער חאַם האָט אויך געבענקט.

ווען דעם חאַם׳ס בענקעניש האָט זיך אָנגעהויבען, איז נישט בעוואוסט. אפילו גאָט אַליין, וואָס קיין סוד איז איהם ניט צו שווער, ווייס דאָס אויך ניט, דאָס איז בעהאַלטען אין די מוטנע, אַמאָליגע אייביגקייטען, דאָרטען, וואו עס ענדיגען זיך אַלע ציפערען און ס׳ווערט פערטרונקען די שטאַרקסטע, גאונ׳ישע פאַנטאַזיע.

און לאַנג, לאַנג האָט אַזוי דער מידעלשער, אונשולדיגער חאַם אוועקגעבענקט. אַזוי נאַר ווי אַ חאַם איז פעהיג צו בענ־קען. ניט וויסענדיג וואָס, ווער, וועמען. פון די לאַנגזאַמע, לאַנגזאַמע בענקעניש איז אָבער דער אינסטינקט געבאָרען געוואָרען.

דער ערשטער אַטאָם פון חאַם האָט אינסטינקטיוו אַ ציטער געטהון.

און דער דאָזיגער לעבעדיגער אַטאָם האָט מיט זיין ציטער זיין חבר אַ ש...וּפּ געגעבען און יענער דעם דריטען, דער דריטער דעם פערטען, און אַזוי ווייטער און ווייטער ביז מיליאָנען. ביז מיליאַרדען מאָל האָט איין אַטאָם דעם אַנדערען גערוקט, און ניט בעגענענדיג קיין שום שטערונג אין דעם אומפאַרביגען מיש־מאַש, האָבען זיי געשטופּט איינער דעם אַנדערען, ניט פיהלענדיג וואוהין און צוליעב וואָס זיי שטופּען זיך.

און ווייטער זענען אייביגקייטען געפלויגען, געשפּרונגען, געקראָכען, און קיינער האָט פון זיי ניט געוואוסט. זיי האָבען פון זיך אַליין נישט געוואוסט, נישט געוואוסט, וואָס מען קאָן אויפ־טהון אין אַזעלכע אונגעהויער לאַנגע צייטען ווי זיי — אייביגקייטען.

נאָר דער ערשטער שוואַכער שטופּ איז שוין ניט געגאַנגען

פערפאלען, איבערגעבענדיג זיך מיט א לײדענשאפטליכער ערציטערונג פון איין אטאם דעם צווייטען, ניט געפינענדיג קיין שום אבהאלט, האט ער זיך שטיל געדרעהט, געפלאנטערט, געריבען זיך אן די אטאמען, געגאנגען אלץ ווייטער, ווייטער. און וואס מעהר ער איז געגאנגען אלץ מעהר האט זיך זיין קראפט געכופלט, אלץ גיכער האבען זיך געטעהרט און געטעהרט די ערציטערטע אטאמען.

---

## III.

ענדליך האט דער חאאס דערפיהלט עפיס א בלייכס, א לעבליבעס, וואס האט אויסגעזעהן ווי אנ'אבגעשטארבענער לבנה-שטראהל אין בלאטיגען וואסער, און געציטערט האט דאס בלייכס ווי א גראהער פוך אויף די נעזלעבער פון א גוסס.

דאס האט אנגעהויבען צו שוועבען אין דעם חאאס, דער בלייכער שאטען פונ'ם ערשטען געדאנק, דער געדאנק פון בעשאפען אלץ פון גארניזט. ארומגעבלאנדזעט האט דאס בלייכס ווי א שטיקעל אבגעריסענע עלענדע נשמה, וואס זוכט איהר תקון, און דערוויל—געריבען זיך אלץ פלייסיגער אן די אטאמען, צונויפגעטראפען זיך מיט נאך אזעלכע, בלייכע, נעבעלדיגע, אונרוהיגע ברעקלעך געדאנק; צונויפגענאסען זיך צוזאמען, געווארען זודיגער, שטארקער, גרעסער; — נאר אומגעלומפערט. ווילד און צושוואומען, אזוי ווי עס פאסט פאר'ן ערשטען געדאנק.

הי - הי—הו—ו—ו... האט דער געדאנק אידיאטיש-פרעהליך געהירזשעט, פליהענדיג מיט דער גיכקייט פון א מעטעאר און שטויסענדיג משוגע-נערוויז די אטאמען.

הי—הי—הו—או—או... האט דער גאנצער חאאס געענטפערט.

און משונה'דיג גרויס און שיטער האט זיך געטראגען דער אבקלאנג פון חאאס. ס'איז ניט געווען, ווער עס זאל דעם מאדנעם געלעכטער פערשטע ן, און ווען ס'וואלט יא ווער געווען, וואלט ער דאס אויך ניט פערשטאנען. אפילו שלמה המלך, וועלכער האט

געוואוסט, וואָס אַלע חיות און עופות און שרצים רײדען, וואָלט דאָס אויך ניט פערשטאַנען.

— הי — הי — הו — או — או ...

און ווײַטער זענען אײביגקײטען געפלויגען, און דער שאַפונגס־געדאַנק איז נאָך צו אַ ציעל נישט געקומען, געלאָפען הענדרום־פענדרום, געהירזומעט מיט אַ מאָדנער בײנקעניש, און וואָס מעהר ער איז געפלויגען, אַלץ היציגער און העלער איז ער געוואָרען, אַלץ שטאַרקער האָט ער זיך געריסען פאָראויס.

נאָר אָט האָט זיך דער געדאַנק אָנגעשטויסען אָן גאָט.

גאָט איז ניט געשטאַנען, און ניט געלעגען, און ניט געזעסען און האָט ניט געוואוסט, אַז ער איז גאָט, אַזוי ווי עס ווײס ניט אַן׳אומגעלומפערטער פלעדער־הײבעל, אַז פון איהם וועט ווען ניט איז אַ פרײער, גרויסאַרטיגער שמעטערלינג ארויסגעהן.

הי — הי — הו — הו ... האָט זיך דער געדאַנק צוהירזשעט ווי אַ אידיאָט, ווען אין איהם צושפּיעלט זיך די תאוה. אַ וואָרף געטהון זיך אויף גאָט׳ס אומפאַרביגען שטערן, און ניט ווי מענדיג ווי אַזוי, האָט ער איהם מיט אַ פײערדיגען, דורשטיגען קוש אָבגעבריהט, און באַלד אָבגעשפּרונגען אויף הינטען, געגליהט און געפונקעלט, אָנגעזאָפּט מיט ווילדען חשק, געוואַרט אַ ווײַלע שטומערהײד און געציטערט פון אונגעדולד און תאוה, געציטערט אַזוי, אַז פונקען האָבען זיך פון איהם געשאָטען.

חאַאָם, חאַאָם ... גאָט ווײס ניט אַז ער איז גאָט!

און נאָך אַ קוש, נאָך פײערדיגער, נאָך אַ שטאַרקערער, כמעט אַ גיפטיגער. דאָס איז שוין געווען ניט אַזוי אַ קוש — אַ קוש מיט צײהנער איז דאָס געוועזען.

— הם... ? האָט זיך ניט ווילענדיג פון גאָט׳ס ברוסט ארויסגעריסען.

— הם..׳ מ... מ... חאָט זיך אינ׳ם חאַאָם גאַנצע אײביגקײטען איבערגעגאָסען, ווי טויטע אונענדליכע חוואַליעס: „מען פרע — ענט הם... מ... מ...״

און ווײַטער האָט זיך דער געדאַנק אַ וואָרף געטהון בײַסען און הירזשען, הירזשען און בײַסען. אויפ׳ן שאַפונגס־געדאַנק׳ס לשון האָט דאָס געהײסען: „איך ליעב דיך, איך שטאַרב נאָך דיר, איך געה אוים נאָך דיר, מײַן גאָט, מײַן שעפער...״

— וואַ—אָס? האָט נאָט הײזעריג געברומט און חאָאָראַיִן, ניט ווייסענדיג, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם.

און דער מיש-מאַש האָט ענטציקט אונטערגעחאַפּט און נאָכגעזאָגט נאָט'ס פראַגע.

און ווייל ס'איז ניט געווען קיין שום זאַך, און וואָס נאָט'ס קול זאָל זיך צושמעטערן, האָט דער דאָזיגער קול געבאָרען אַ ווידערקלאַנג, און דער ווידערקלאַנג האָט אַרויסגערופען נאָך אַני-אָבקלאַנג און די אָבקלאַנגען—נאָך אָבקלאַנגען. און אַזוי האָבען זיך די אָבקלאַנגען געכּופּל'ט און געמעהרט, גאַנצע אײבּינקײטען און געשוואומען ברײט און שיטער. איין בת-קול האָט דעם אַנדערען געשטויסען, איין בת-קול האָט דעם צווייטען געשלונגען, געוויאָרגען זיך מיט איהם און לאַנגזאַם צוריק אַרויסגעשפּיגען.

— וואַ—אָס——וואַ—אָס... האָט איין אָבקלאַנג אָבגענומען בּײם צווייטען און געטראָגען עס ציטריג מיט אַ מאָדנער פערשטיקטער פרייד...

— מען פרע—ע—עגט... האָבען ווייטע, טעמפּיגע בת-קול'ן אונטערגעהאָלפען...

מען פרעגט „וואַ—אָס"... האָבען זיך די אָבקלאַנגען בּעגעגענט און צוזאַמענגעגאָסען.

---

## IV.

און דער שאַפונגס-געדאַנק האָט בשעת-מעשה ניט אָבגעטראָטען. פון איהם איז שוין עפּעס געוואָרען אַ מין מוראַ'דיגע, האַנ-נעריגע און פייערדיגע פליג וואָס טשעפּעט זיך צו, צו אַ שלאָפענדיגען. דער געדאַנק האָט דעם קינפטיגען נאָט געבּיסען, געשטאָכען, געזשומעט להכעיס אין די אויערן אַריין. אָבגעשפּרונגען אויף אַ ווײלע און ווייטער צוגעטשעפּעט זיך נאָך בּייזער, נאָך הונגעריגער...

דאַן האָט דער קינפטיגער נאָט אויפגעהויבען אַ גרויסע, אומגעלומפּערטע און פוילע האַנד און אַ מאַך געטהון ווי אַ שלאָפענדיגער, וואָס טרייבּט פון זיך ניט ווילענדיג אַ הונגעריגע מוק...

און שטאַרקער האָבען די אָבגרונדען פון מיש-מאַש אויפגע-

ציטערט. די בעוועגונג פֿון דער גרויסער פֿולער האַנד האָט אין זיי פֿערטויבט אַלע ווידערקלאַנגען.

— אַ האַ—אַנד... — האָבען די חאַאָס־אָבגרונדען געברומט ווי פֿון בויך אַרויס.

— מען הוי—בט... — איז געקראָכען אַנטקעגען פֿון ווייטע פֿערבאָרגענע תהומות.

— מען הויבט אַ האַ—אַנד... — האָט זיך אונגערן צוזאַמענגעטראָפֿען אין נאָך ווייטערע חאַאָס־טיפֿעניששען.

אָהן אַ טאַקט, אָהן אַ פֿאַרב און אָהן אַ קלונג איז די בשורה פֿון מיש־מאַש געשוואומען — אַזוי מאָדנע, אַזוי טויט האָט זי געפּלייצט, אַז אַפילו שלמה המלך, וואָס האָט פֿערשטאַנען דעם לשון פֿון חיות און עופות און שרצים און אַלע בעשעפֿעניששען, וואָלט דאָס אויך ניט פֿערשטאַנען.

נאָר וואָס מעהר דער קינפֿטיגער גאָט האָט פֿון זיך דעם ביי־סענדען געדאַנק געטריבען, אַלץ בייזער און ענערגישער איז דער געדאַנק געוואָרען. צושפּרינגענדיג צו גאָט מיט נייער קראַפֿט, כמעט מיט כעס, האָט ער שוין געפּויקט ווי אַ פּויק, באָמבאַרדירט ווי אַ האַרמאַט, געזעצט אין קאָפּ אַריין, ווי יענער צוגעבונדענער קלאָץ, וועלכען דער בער וואַרפֿט פֿון זיך אָב אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, קריכענדיג צום בינשטאָק.

— אָח, אָח, אָח... — האָט צום ענדע גאָט אַ טיפֿען קרעכץ געטהון און געדרעהט טעמפּ מיט׳ן קאָפּ און לאַנגזאַם אויפֿגעריסען די פֿערמאַכטע אויגען:

גאָט האָט ניט געשלאָפֿען, און דאָך איז איהם ניט אַנגענעהם געוועזען אויפֿצוּוועקען זיך:

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם ווי אַ הערבסט־וואָלקען אין סאַמע אָנהויב ווינטער האָבען זיך אויפֿגעשפּאָלטען גאָט׳ס פֿערקלעפּטע אויגען, און צווישען די האַלב־אויפֿגעריסענע ברעמען האָבען געציטערט צוריסענע, אַלטישקע, עובר־בטל׳ע אייביגקייטען, וואָס האָבען זיך דאָרט געוועזען אַנגעוועבט. און אין די קויב־קוים אָפּענע שוואַרצאַפּלען, האָט אָהן זינען אַרומגעבלאָנדזעט די אונענדליכקייט.

לסוף האָבען זיך אויפֿגעעפֿענט אַ פּאָר גרויסע, גרויסע און טיפֿע אויגען אַזוי טיעף אַז אַפילו די פֿאַנטאַזיע קאָן זייער אָבגרונד ניט דערגרייכען, און אַזוי פּוסט, ווי צוויי אָבגרונדען, אין

וועלכע ס'זענען אבער קיין שפילענדע וואסערען ניטא, ווי צוויי גרויסע, אפענע בית־המקדשן, און וועלכע ס'איז קיין הייליגקייט ניטא, קיין „נר־התמיד“ ניט אנגעצונדען.

אויף דעם מאמענט האט דער שפונגס־געדאנק געווארט.

מיט פייערדיגער, אונגעדולדיגער תאוה האט ער געווארט, און ווי נאר די אויגען האבען זיך אנגעהויבען עפענען, האט ער זיך שוין געשפארט און געפלאטערט צווישען די שווערע, פוילע ברעמען און ניט געקאנט דורכקריכען, און ווי נאר די אויגען האבען זיך אויפגעעפענט, איז ער מיט אנ'אימפעט ארייננעפלויגען אין זיי, און אויפ'ן שטעל געווארען ליכטיג און צארט, און אויפ'ן שטעל זיס און שטארק, ווי דער יין־המשומר, צוגאסען זיך אין גאט'ס אומגעשטאלטיגע גלידער, געשפריצט אין אלע אדערן מיט פייער, אנגעזאפט מיט כח אלע מוסקולען און אבגעגעבען זיך מיט א זיסען לעבען־געררויש אין אלע נערווען.

דער שפונגס־געדאנק האט זיין תקון געפונען.

---

## V.

און אויפ'ן שטעל האט זיך גאט געטהון א ציה און א טרייסעל מיט אלע אברים, פונקט ווי ער האט געוואלט פונ'ם גאנצען חאאס זיך אבשאקלען.

— שוין וואך, איז שוין וואך, מען איז שוין וואך.. האט דער מיש־מאש נייגעריג און מבולבל פון אימה געשעפטשעט ארום, און בשעת מעשה טיעף, אינעווייניג אין זיך געגעהרט, געבלעזעלט זיך און אויפגעגאנגען ווי א שווארצער טייג, און וועלכען מען האט הייוען ארייננעווארפען.

און גאט האט זיך ווי אין הינער־פלעט די אויגען געריבען, פויל אראבגעריבען די לעצטע אומבעמערקטע שפינוועבס פון די פערוועלקטע אייביגקייטען, דערנאך ארומגעקוקט זיך און גארנישט דערזעהן, האט ער גענומען קלערען, קלערען און גריבלען זיך אין זיין פערשלומערטען מח.

שווער און מאט האט אין איהם די פארשטעלונג געארבייט,

ווי רעדער פֿון ניט קיין געבוימעלטער מאַשין. נאָר צום סוף האָט ער זיך עפּעס דונקעל פֿאָרגעשטעלט און אַרויסגעמורמעלט:

— המ, בין איך, בין איך הייסט־דאָס „איך"... און אַרום און אַרום איז, איז, איז...

דאָס זעלבע האָט דער מיש־מאַש נאָכגעבאַלבעט ווי פֿון היץ און פֿערשטיקט געסאָפּעט. אויף דעם חאָאָס־לשון האָט דאָס בעטייט:

— איך בין גרייט, זאָל מען מיך נעהמען... זאָל מען מיך קנעטען, מאַכען... זאָל מען מיט מיר טהון וואָס מען וויל.

און גאָט איז מיט אַמאָל געוואָרען שטיל צופֿריעדען, וואָס „ער, כביכול, איז „ער" און וואָס אַרום איהם איז עטוואָס אַנ־דערש, און האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען געטליך־ווייך און גליקליך צו שמייכלען אין חאָאָס אַריין...

פֿון גאָטס שוואַכען שמייכעל איז די ערשטע ליכטיגקייט, דער ערשטער „אור־הגנוז" געבאָרען געוואָרען און האָט זיך אַ גאַס גע־טהון פֿון זיינע ליפּען ווי אַ ווייכע, ווייסע חוואַליע רענטגען־שטראַהלען, זיי האָבען זיך פֿונאַנדערגעוואָרפֿען אַרום ווי ריזישע, ליכטיגע געפֿיהל־הערנער, האָבען געפּרובט עפּעס אָנטאַפּען אין'ם מיש־מאַש, בעלייכטען וואָס ניט איז, זיי האָבען אָבער גאָרנישט ניט געפֿונען און צוריק ווי אַנ'עכאָ אומגעקעהרט זיך צו דעם אָרט, פֿון וואַנען זיי זענען אַרויס, צו גאָסען זיך אויף גאָטס הערליכער, פֿערנעבעלטער געשטאַלט און בעלויכטען זי.

— אָה — אָה, ס'איז גרויס, ס'איז גרויס!...— האָט זיך גאָט נאַיוו געוואונדערט, דערזעהענדיג, כביכול, זיינע אברים פֿאַר דעם בלייכען אָבשיין פֿון זיין שמייכעל, האָט אַרויסגעצויגען איין פֿוס, דעם אַנדערן פֿוס פֿון די חאָאָס־טיפֿענישען, בעוועגט זיי און ניט געוואוסט וואו צו אַנידערצושטעלען.

— אָ... האָ — האָ — האָ — — — — האָט זיך דער חאָאָס נאָכגעוואונדערט.

און ניט וויסענדיג וואו צו האַלטען די אונגעהויערע־גרויסע און האַלב בעלויכטענע הענד, האָט זיי גאָט צונויפֿגענומען צו זאַמען, און אונגערן, ניט ווילענדיג, כמעט פֿון פֿוילקייט, אַריבּ געטהון איין האַנד אָן דער אַנדער האַנד.

און פּלוצלונג!

און פּלוצלונג איז פֿון דער ניט ווילענדיגער בעוועגונג עטוואס גרויסעס געשעהן! מורא'דיגע מאסען חאאס האבען זיך צווישען גאטס הענד צונויפגעקייקעלט ווי אנ'אונפארבינגער טייג און אויפגעפלאמט ווי וואונדערליכע פייער־ווערק. עס איז ארויסגעשפרונגען עפעס א פלאנעטע יופיטער, א שטערן נעפטון, א מין סאטורן; א זון סיריוס האט זיך ארויסגעגליטשט; אוועקגעפלויגען און אריינגעשפאלטען זיך אין חאאס אריין מיט א הערליכען דונערנעזאנג, געפלויגען און געדרעהט זיך און פליהענדיג גע'מבולט מיט גאלדענע זודיגע שטראהלען; גאט מיט זיין פערנעבעלטער געשטאלט בכבודו ובעצמו איז פֿון זייער אבשיין צויבערליך־גרויזאם בעלויכטען געווארען, ווי א חמארע בשעת עס בליצט.

---

## VI.

א ווילע איז גאט געשטאנען ווי פערשטיינערט פֿון דעם, וואס ער האט דא אבגעטהון, און פּלוצים מיט מורא א געשריי געטהון:

— אי, וואס איז דאס?...

און תכף האט ער אווארף געטהון זיך מיט אימפעט לעשען דאס ברענענדע, לייכטענדע, וואס ער האט אונגערן ארויסגעוואָרפען; שטיקען די זודיגע, לייפענדע קנוילען, וועלכע האבען פּלוצלונג ארום איהם צושטערט די חאאס־שטימונג.

נאר תכף ווי ער האט זיך א חאפ געגעבען, ווי נאר ער האט געמאכט א בעוועגונג — לעשען, האט איהם פֿון זיינע ערווארעמטע הענד א שאט געגעבען מיט א נייער מחנה זונען און וועלטען, געגעבען איהם א בלענד אין די אויגען, א באק אין פּנים מיט א מבול ווייסען פייער און שטראהלען, א קנאל אין די אויערן מיט א גאנצער אויפרייסונג פֿון לעבענס־געזאנג.

— אי!־ האט דער יונגער גאט נאך אמאל אויסגעשריען, צוטומעלט זיך אין גאנצען, און געחאפּט לויפען, שפּרינגען אין חאאס אריין פֿון די ריזישע קנאלענדע פייער־ווערק, וואס האבען איהם ארומגערינגעלט.

געלאפען איז גאט אזוי נאר, ווי א גאט האט בכח צו לויפען—

טלאָף — אַנ׳אונעָנדליכקייט, אַ שפרונג — אַנ׳אונעָנדליכקייט. און דאָך איז ער דאַמאָלסט געוועָן געגליכעָן צו אַ פויל עָן קינד, וואָס האָט אונגעָרן עפּעס אונטערגעצונדעָן און אַנגעמאַכט אַ שרפה. דער פלוצליכער פלאַם, וואָס רייסט זיך אַרויס, דערשרעקט איהם אַזוי שטאַרק, אַז ער פעָרגעָסט אָן זיין שוואַכקייט און פוילקייט, חאַפּט לויפעָן מיט אַלע כחות, שרייען מיט קולי-קולות.

גאָט איז געלאָפען...

נאָר גאָט׳ס אַ בעָחעָגונג קאָן ניט געהן פעָרפאַלען! זיין איטליכער שפרונג האָט דעם חאָאָס געקאָסט אַ מיליאַרד נייגעבאָרענע זונען, איטליכער לאָף האָט געבוירען אַ מיליאַרד פּלאַנעטען, זונען און לבנות און קאָמעטען האָבען זיך מיליאָנען-ווייז צונויפגעקייקעלט אונטער זיינע לויפענדע פיס, געגליטשט זיך פון זיינע פאָכענדע הענד, געשאָסען פון זיינע אָפּענע, דערשראָקענע אויגען.

פערוויקעלט אין היילינגען שיין, איבערגעוואָרפען מיט אַ מאַנטיע פון ראָזע, הייסע נעבלען, אָנגעפּאַסטע מיט בריליאַנטען-זונען, מיט פערעָל-לבנות, בעקרוינט מיט אַ קראַנץ רויטע, בלאָהע, פיאָלעטע און ווייסע איבערגעפלאָכטענע קאָמעטען — איז דער יונגער איבערגעשראָקענער גאָט געלאָפען. און וואָס ניכער ער איז געלאָפען, אַלץ גיכער זענען די וועלטען בעשאַפען געוואָרען איבער איהם און אונטער איהם און אַרום איהם. דאָס איז עפּעס געוואָרען אַ מין שאַפונגס-צוצעפּעניש, אַ מין זונען-עפּידעמיע, וואָס איז בעפאַלען, נאָכגעיאָגט און ניט געלאָזען צו רוה.

די אַלץ נייע און נייע ראַיאָנען חאָאָס, אין וועלכע גאָט פלעגט אַריינלויפען, פלעגען אָנהויבען קאָכען און זידען אַרום און אַרום ווי שוואַרצע פעָך, פלעגען פייפענדיג, סאָפּענדיג אָנהויבען דרייבערן מיט רויטע, העָלישע נעבעָלן. די קאָכיגע שוואַרצקייט און נעבעָל פלעגען זיך אויגענבליק צונויפקייקלען אין ליכטיגע ריזישע קנוילען, און בלאָהע וויַטעָנישען פלעגען אַרויסשווימען פון אונטער ווי, און דורכזיכטיגע, ריינע האָריזאָנטען פלעגען זיך אויפשפּאַלטען ווי אויגען, אויפהויבען ווי פאָרהאַנגען און פונאַנדערוואַרפען זיך ברייט און פריי אויף אַלע זייטען; בלאָהע, בלאָהע מילדע האָריזאָנטען בעהאַנגענע מיט ליכטיגע זונען, בעצירטע מיט פונקעלדיגע קאָמעטען און אָנגעשטעָקטע מיט בלאַנקענדע לבנות.

גאָט איז געלאָפען...

דער אַלגעמיינער קינסטלער איז געלאָפֿען פֿון זיין קונסט און די קונסט איז איהם נאָכגעלאָפֿען; דער גרויסער שעפֿער איז געלאָפֿען פֿון זיין אייגענער שאַפֿונג און די שאַפֿונג האָט איהם געיאָגט. דער שעפֿער האָט ניט געפֿיהלט, אז די פּלוצלונג בעשאַפֿענע וועלטען געהערען צו איהם; דער גרויסער פֿאָטער האָט נישט ערקענט זיינע גרויסע קינדער, אָבער די קינדער האָבען ערקענט זייער פֿאָטער, זענען זיי איהם נאָכגעלאָפֿען, געשלעפּט בביכול פֿאַר די נעבעלדיגע פֿייער־פּאָלעס ...

ליכטיגע און וואַרימע יונגע זענען זיי איהם פֿערלאָפֿען דעם וועג פֿאָראויס, בעמיהט זיך אָבהאַלטען איהם, איבערשניידען זיין משונה'דיגע געלויפֿעריי, געוואָלט בערוהיגען איהם, ליעבליך בעגריסען און דאַנקען פֿאַר דאָס לעבען, וואָס ער האָט זיי געשאָנקען, צוטוליען זיך צו איהם, גלעטען איהם, זיי האָבען געשריען מיט פֿייערדיגע צינגער, געוואונקען מיט גליהענדע קאָמעטען:

— טאַטע, טאַטע, שטעה, שטעה, דו ביזט אונזערער, מיר זענען דיינע, קוק זיך אום, קוק זיך אום ...

---

## VII.

נאָר דער צושראָקענער ווילד־יונגער גאָט האָט גאָרנישט ניט געהערט, גאָרנישט ניט פֿערשטאַנען.

פֿערטומעלט פֿון פּלוצליבע פֿאַרבען, איינדרוקען און טעמפּערעמענטען; פֿערציטערט פֿון אַזוי פֿיעל אומגעריבטען פֿיהלען, הערען און זעהן אַזוי פֿיעל שיין, פֿייער, דונער־געזאַנג און געוואַלדיגע שאַפֿונגס־וואונדער, האָט ער זיך געטראָגען אָהן רחמנות גלייך אויף זיינע וועלטען. ער האָט זיי געטראָטען מיט די פֿיס, געפּאַטשט און געשליידערט פֿון זיך מיט די הענד, געשטויסען מיט דער פֿולער אויפֿגערעגטער ברוסט, צושטופּט מיט די אונגעהויערע אַקסלען ...

זונען נאָך זונען האָט ער לויפֿענדיג געבאָרען און זונען אָן אַנדערע זונען געבראָכען. אַ מיליאָן וועלטען אונגערן בעשאַפֿען, אַ מיליאָן וועלטען אונגערן צושמעטערט, איין בעוועגונג האָט בלענ־

דערע קאמעטען ארויסגערופען די אנדערע בעוועגונג האט זיי גע־שטיקט און געמאלען און געבּרעקעלט.

ארום דעם לויפענדען גאט האט אהן אנ'אויפהער געבּרויזט א ים פון פייערדיגען שטויב — שטויב פון צוריבּענע וועלטען. און גאנצע זאווערוכעס פון פונקען האבּען זיך משוגע'נערווייז געדרעהט און געטראגען, און אין די דאזיגע חוואליעס פון העלישען שטויב און רעגענס פון פונקען, האבּען זיך געצאפּעלט און געפאלען און ווייטער אויפגעשפּרונגען גרויסע גליהענדע שטיקער פון צובּראכענע וועלטען און צופּלאצטע פּלאנעטען.

טייל פון די צושמעטערטע וועלטען פלעגען בּלייבּען ליגען אויף אנ'ארט, טייל פלעגען זיך פון דאס ניי צונויפקויקלען פון די שטיקלעך און פון דאס ניי נעחאפּט נאכלויפען נאך גאט. און אנ־דערע ריזישע ליכטיגע זונען פלעגען, בּעקומענדיג א קלאפּ פון גאטס האנד, צושיטען זיך אויף א סך קליינינקע זונעלעך און מיט א העלישען לוסטיגען געלעכטער געחאפּט נאכקויקלען זיך נאכ'ן בּורא. און אז זיי פלעגען פערמאטערט ווערען און אבּשטעהן, פלעגען זיי ניי־געבּארענע זונען איבּערבּייטען.

— שטעה, שטעה, פאטער, ליבּער, זענען די צובּראכענע זונען נאכגעלאפען און האבּען געוויינט, — בּרעך ניט, שטעך ניט, מיר זענען דאך דיינע, דיינע...

— דו בּיסט גרויס, דו בּיסט אלמעכטיג, דו בּיסט הייליג־ האבּען די פאלקאם־גאנצע זונען געלויבּט דעם בּורא, געקנאקט מיט א דונער־הימן.

און אזוי האבּען די פאנטאסטישע משוגע'נע איבּעריאגעניש, די פייער־עפעקטען און בּראנדען און פונקען פון דער זונען געוויין און זונען־געזאנג, ניט אויפגעהערט אפילו אויף איין רגע.

— — — — — — — — — — —

גאט איז געלאפען.

## VIII.

פלוצלונג האָט בײַ גאָט אין קאָפּ אַ ליכטיגער געדאַנק אַ בליץ געגעבען, תּכף האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין סאַמע מיטען געלויפערײַ און אַ חאַפּ געטהון זיך פאַר'ן קאָפּ מיט בײדע הענד:

— ווער? איך, איך אַליין?... האַ — אַ?

און תּכף האָבען איהם זונען און לבנות און קאָמעטען אַרומגענומען אין אַ בליץ בלאַנקענדען קרײַז; צוהיצטע פון נאָכלויפען, אויפגערעגטע פון זודיגע געפיהלען, האָבען זיי געפלאַטערט אַרום איהם, איבערגעגאָסען זיך אין אַלערלײַ קאָלירען און בעגריסט מיט אַ גאַנצען דונערן־כאָר:

— דו ביסט גרויס, דו ביסט שטאַרק, דו ביסט אַלמעכטיג...

— וואָס, וואָס איז דאָס... איז דאָס? האָט גאָט פון פערשטיקטע פרייד און שרעק געשטאַמעלט.

— דײַן כבוד און דײַן גײַסט איז פול אומעטום, — האָבען געזונגען און אונטערגעהויבען זיך, בעמיהט אין גאָטס ליכטיגען פּנים אַרײַנקוקען, — דו ביסט הײליג, הײליג, הײליג...

— איך בין דאָס? — האָט גאָט געציטערט און גערעדט צו זיך אַליין, — דאָס בין איך דער אײנס פון אַלע אײנסען? איך אַליין? האַ?

— דו ביסט אונגעהויער שטאַרק, פון גאָרנישט מאַכסטו זונען און פון זונען — גאָרנישט...

— איך בין עס, איך בין עס, האַ — האַ — האַ — האָט גאָט פלוצלונג אַרויסגעבראָכען מיט אַ גליקליכען ברײטען געלעכטער — איך, איך איך האַ — האַ — האַ.

דאָ האָט ער זיך אומגעקוקט און אַ וואָרף געטהון זײַן ברײטען אונענדליכען בליק אויף דעם וואָס ער איז דורכגעלאָפען אין חאָאָס. דער וועג האָט זיך פאַר זײַנע אויגען מוראדיג ברײט און אונענדליך געצויגען, ערטערווײַז געשלײנגעלט, ערטערווײַז געבראָכען ווי זיגזאַגען, ערטערווײַז אין גאַנצען איבערגעריסען. און דאָס גאַנצע ברײט און שלײנגערײַ איז געווען נעדיכט, געדיכט אָנגעוואָרפען, אָנגעשלײדערט מיט מיליאַרדען צושלאָגענע און גע'חלש'טע, האַלבע און גאַנצע זונען האָט אין גאַנצען געפינקעלט און

געשעמערירט מיט מאסען גרויזאם־גליהענדע, קאפוירע איבערגע־קערהרטע שטיקער וועלטען, מיט אפגעריסענע, צאפעלדיגע עקען פון קאמעטען, צובראכען פייערדיגע זונען־קרוינען. און דאס אלץ איז געווען איבערגעשאטען מיט גליהענדע פונקען און שטויב — שטויב פון צוריבענע וועלטען...

— א י ך ב י ן ג א ט !!! האט דער שעפער מיט אמאל ענערגיש ארויסגערעדט און פערלעגט כביכול א האנד אויף א האנד און שטאלץ צונויפגעדריקט די זודיגע ליפען.

— דו ביסט, דו ביסט... — האבען די וועלטען געוואלט אונטערחאפען — דו ביסט... אלט...

נאר גאטס שטים האט זיך גלייך אויף זיי אזוי שטאלץ און שטארק געטראגען, אז זיי זענען אלע מיט אמאל בלייך און פער־שטומט געווארען און פאמעליך מיט אימה אנגעהויבען אברוקען זיך אויף הינטען.

— איך בין גאט,—האט זיך גאטס שטים בעגייסטערט און מונטער געטראגען, און זיין הייליגער קוק האט וויט־וויט געלויכ־טען. — איך בין דאס דער „איך" פון אלעמעס „איך", דאס זיין פון אלעמעס זיין, דאס איצט פון אלע פערגאנגענהייטען און צוקונפטען. איך בין דאס דער סך־הכל פון אלע שענקייטען, דער עצם פון אלע הייליגקייטען, וואס פינקלען דא גאנצע און צובראכענע פאר מיינע אויגען און וואס וועלען נאך בעשאפען ווערען, און וועלען נאך פינקלען. איך בין דאס דער פלאם, וואס צינדט אן אלע פלאמען און בלייבט אלע־מאל גאנץ און אונבעריהרט. אלץ איז א חלק פון מיין געדאנק און גייסט, אבער ניט איך בין א חלק פון אלעמען. אז אלץ וועט פערפאלען ווערען, וועל איך גאנץ בלייבען, אבער אז איך וועל פערפאלען ווערען, איז אלץ פערפאלען...

א ווײלע האט גאט געשוויגען שטאלץ און אונערגרייכט־הייליג און דערנאך דערענדיגט:

— ביי מיר ק ע ן אלץ ווערען וויל אלץ מ ו ז ביי מיר ווערען!

אזוי האט גאט געזאגט, און פאר זיינע אויגען האט זיך וויט און ברייט געצויגען דער גליהענדער וועג, וואו ער איז געלאפען.

און עד־היום איז נאָך גאַנץ דער דאָזיגער וועג; עד־היום איז ער טיעף פערבאָרגען אין שטומע, ווייטע ספערען, פערוויקעלט אין בלאָהע נעבעלען פון עטער.

א ברענענדיגער, אייביגער עדות איז ער, אז דער גרויסער שעפער איז אמאָל געלאָפען פון זיין אייגענער שאַפונג, אַנ'אונ־שטערבליכע גליהענדע אַנדענקונג, אז גאָט איז אמאָל געלאָפען פון זיין אייגענער גאָטהייט.

איהר מענשען האָט די מעגליכקייט צו זעהן נאָר א קליינעם, נאָר א קליינעם חלק פון דעם דאָזיגען וועג.

דאָס טרעפט אין שטאַרק אויסגעשטערענטע נעכט, ווען דער הימעל איז אזוי טיעף ווי די שאַפונג אליין, און די נאַכט — אונפערשטענדליך ווי מעשי־בראשית... נאָט גיט אונגערן א קוק אראָב פון כסא־הכבוד, דערזעהט דעם דאָזיגען וועג און דער־מאָהנט זיך.

דין און מילד גיט גאָט א שמייכעל. דער שמייכעל צוגיסט זיך און בעלויכט דעם וועג מיט א צויבערליך־ווייכער ליכטיגקייט, דאַן בעווייזען זיך אין אייערע בעגרענעצטע הימלען עטליכע מוט־נע, לאַנגע פלעקען פונ'ם פייער־וועג.

נאָר איהר קוקט דאָס אָן און ווייסט ניט, וואָס איהר קוקט, איהר זעהט און ווייסט ניט, וואָס איהר זעהט...

אויף אייער שטערבליכער, אָרימער מענשען־שפּראַך קענט איהר דאָס נאָר אָנרופען: „דער מילך־וועג".

— — — — — — — — — — — —

---

## IX.

און ערשט דערנאָך האָט זיך גאָט א נעהם געטהון צו זיין שאַפונג מיט דער גאַנצער קראַפט.

ער האָט זיך מיט זיין גוטען ווילען געטראָגען איבער די אונבעריהרטע חאָאָס־בריטעניִשען, געגראָבעלט און געשאַרט מיט די וואַרעמע הענד דאָס גאָרנישט און דערפון וועלטען און וועלטעלעך געקויקלעט. וואו נאָר זיין פום פלעגט אַריינטרעטען,

פֿלעגט דער חאַס ווי פּולווער אױפֿרײַסען און ס'פֿלעגט איהם אין אױגענבליק פֿערפֿלײצען מיט שײַן, לעבען און געזאַנג.

מיט זײַן גוטען ווילען האָט זיך גאָט געטראָגען, זײַנע אַלע געפֿיהלען האָבען געפֿלאַטערט, עס האָבען איהם די הענד פֿון שאַפֿונגס־פֿרײד געציטערט, עס האָבען אין איהם די געדאַנקען ווי פֿײַערדיגע חוואליעס געוואָרפֿען, מיליאָרדען מיט זונען האָבען פֿון זײַנע בליצענדיגע אױגען געשפּריצט, עס האָט מיט וועלטען און וועלטעלעך פֿון זײַנע הענד געהאָגעלט. דער קלענסטער ריהר, דער מינדסטער מאַך מיט'ן האַנד, דער שוואַכסטער קעהר מיט'ן קאָפּ איז לאָביד ניט געגאַנגען — אַלץ נײַע, נײַע וועלטען מיט נײַע בעשעפֿענישען האָבען זיך דערפֿון אַוועקגעקײַקעלט, אַוועקגע־דרעהט און צוריקגעקומען צום פֿריהערדיגען אָרט און האָבען גע־טאַנצט אַרום גאָט און געדרעהט זיך און געשפּרונגען קדוש, גע־קושט איהם די אױגען מיט גאָלדענע שטראַהלען, אַרײַנגעפֿלאָכטען זיך איהם אין די דורכזיכטיגע, ליכטיגע לאָקען, געגלעט איהם דעם האַלז און געשטאַמעלט ווי קלײנע קינדער, וואָס הױבען ערשט אָן צו רײדען:

— טאַ—טע, טאַ—טע.

— חאַ—חאַ—חאַ — האָט גאָט הערליך געלאַכט, בעצױ־בערט פֿון דער אײגענער קראַפֿט און פֿון פֿאָטער־געפֿיהלען.

און זײַנע נײַגעבאָרענע וועלטען און זונען־סיסטעמען האָבען זיך אַלץ זיכערער און זיכערער געדרעהט אַרום איהם — אָבטײ־לענדיג פֿאַר זיך, פֿון אײגענעם ליכטיגען קערפּער אַלץ קלענערע און קלענערע וועלטעלעך. איטליכע וועלט מיט איהרע בעשעפֿע־נישען, מיט איהרע שטרעבונגען, מיט איהר צײַט און אײביגקײַט, מיט איהר פֿערגאַנגענהײַט און צוקונפֿט. איטליכע וועלט מיט איהר טאָג און נאַכט, מיט איהר שען און מיאוס, מיט איהרע קלײניגקײַטען און גרױסקײַטען. איטליכע וועלט מיט איהר גוט און שלעכט, מיט איהר קאַלט און וואַרעם, מיט איהר לעבען און טױט, מיט איהר בליהען און וועלקען...

איטליכעם זונען־סיסטעם מיט זײַנע זײדעס און טאַטעס, מיט זײַנע זיהן און אײניקלעך, מיט זײַנע אור־אײניקלעך און קרובים.

און איין וועלט די אנדער וועלט האט געלערנט טאנצען „קדוש״, זינגען צו גאט שירה און פאלגען וואס „ער״ הייסט.

און וועלטען און וועלטעלעך האבען געפאלגט, נאכגעטאנצט די טאטעס, נאכגעזונגען די זיידעס, גע׳טובל׳ט זיך אין ליכט, גע־שמייכעלט ליעבליך צום גרויסען גאט און געטראגען זיך פאר זיינע אויגען ווי גאנצע מחנות פון פייערדיגע בינען.

— לעבעדיגער, קינדער, לעבעדיגער, — האט זיי גאט אלע ווייטע אונטערגעמונטערט מיט זיין הייליגער זילבער־שטים. און פלוצלונג האט ער זיך לוסטיג צולאכט, א מאך־געטהון מיט ביידע ליכטיגע הענד און אוועקגעלאזען זיך מיט זיינע פייערדיגע זונען, און אוועקגעדרעהט זיך צוזאמען מיט זיינע פרייע וועלטען אין איין גרויסען, געטליכען און אונשטערבליכען קאדרילען־טאנץ, געבענ־דיג אכטונג בשעת־מעשה, אז אלע וועלטען זאלען פינקטליך און סיסטעמאטיש טאנצען; איטליכע וועלט נאך איהר גרויס, איטלי־כע זון נאך איהר מעגליכקייט.

— לעבעדיגער, לעבעדיגער — האט זיי גאט אונטערגע־געבען חשק.

— דו ביסט גרויס, דו ביסט אלמעכטיג — האבען זונען און וועלטען אונטערגעהאפט אויף זייער שטייגער, און אפילו אויף א רגע ניט אראבגענומען די אויגען פון גאט, נאכגעמאכט נאך זיין דרישזירען, נאך זיין טאקט.

וועה איז אבער דער וועלט, וואס האט אראבגענומען אנ׳אויג און פערלאזען זיך אויפ׳ן איינענעם שכל, די פלעגט זיך פערלירען, פערפלאנטערן, אבשטויסען זיך אן אנדערע וועלטען און פלעגט אראבפאלען אלס א מעטעאר אין דעם אבגרונד פון בלאהען עפיר ארײן, צעוויינענדיג זיך מיט ברילאנטענע טרעהרען.

— לעבעדיגער, לעבעדיגער, פרעהליכער – האט זיך פון וועלט צו וועלט גאטס לוסטיגקייט איבערגעגעבען.

דאס איז געווען די גרויסע שמחה פון ליעבען פאטער־גאט, וואס דאט זיינע קינדער און קינדס־קינדער — זונען און וועלטען צו דער חופה געפיהרט.

# די פרייהייט.

### א פאעמא.

## I.

איינמאל אין אנהויב הערבסט, ווען דער הימעל האט איבער זיך נידריג אראבגעלאזען זיין שווערען וואלקען־שלייער און געלזוכטליכע בלעטער האבען געדיכט בערעקט די אונגליקליכע, פערוויינטע ערד, האט זיך מענשען איבער א נייעם פערוואלט האבען א נייעם זומער...

דער קינפטיגער זומער איז נאך אבער זעהר וויים געוועזען און דער פערגאנגענער איז געוועזען פערפאלען — פערפאלען אויף אייביג. א ווייסער איינגעשטאלטיגער טויט, א קאלטער תּבריכים־ווינטער איז געלעגען ביז דעם קומענדיגען זומער, און צום פערגאנגענעם זומער איז גאר קיין שום וועג ניט געוועזען. שווער איז געוועזען אויעקצוזעצען זיך האפען אויף פרישע גראזען, ווארטען אויף נייע שטראהלען; און נאך שווערער איז געוועזען — בענקען נאך די געשטארבענע גראזען, חלומ'ן די פערלאשענע שטראהלען.

און דא האט שוין אהן א ציעל ארומגעוואנדערט דער געלזוכטיגער, מרה־שחורה'דיגער הערבסט, האט קרענקליך געאטהעמט מיט א קברים־ריח, געקנאקט מיט די דינע, האלב־געפראדענע ביינער. מענשען האבען דייטליך געהערט זיינע נערוועזע טריט איבער די אראבגעפאלענע בלעטער, איבער די אבגעשניטענע פעלדער און וויסטע גערטנער. זיי האבען געהערט, ווי ער דראפעט זיך און קריכט איבער די הוילע שווינדזוכטיגע צווייגען

פֿון בוימער, ווי ער קנאַקט איבער'ן דינעם אײַז, וואָס בעציהט בײַגינען די בלאָטקעלעך און טײַכעלעך, ווי עס טריפֿט פֿון איהם אין די פֿערפֿוילטע נעכט אַ מוטנע קאַלטע נאַסקייט: טיפּ-קאַפּ, טיפּ-קאַפּ.

מענשען האָט זיך אָבער פֿערוואָלט, עס זאָל ווײַטער זײַן זומער...

און אַזאַ זומער וואָס זאָל זיך קיינמאָל נישט ענדיגען, אַ און וואָס זאָל קיינמאָל נישט אונטערגעהן, בײַמער וואָס זאָלען אייביג גרינען, אַ הימעל וואָס זאָל קיינמאָל נישט פֿערוואָלקענט ווערען, בלומען-ריחות וואָס זאָלען זיך קיינמאָל נישט אויסוועבען.

אַזאַ זומער האָט זיך זיי פֿערוואָלט.

האָבען זיך מענשען אַליין גענומען מאַכען אַ זומער...

מען האָט געבראָכען גרויזאַמע, האַרטע פֿעלזען — געזוכט אין זיי אַ געפֿיהל, מען האָט דורכגעוואַנדערט פֿער'שרפֿה'טע מדבריות — געזוכט דאָרטען אַ קוואַל; אַראָבגעלאָזען זיך אין פֿערשימעלטע, פֿינסטערע קעלערם — געזוכט דאָרט אַ פֿונק, געקלעטערט אויף שטויביגע, פֿערלאָזענע בוידעמס — אפשר האָט זיך דאָרטען אַ הייליגער „אות" פֿערוואַלגערט. מען האָט געבעטעלט בײַ בעטלערס. בײַ טויטקראַנקע האַלבע לעבענס צוגענומען, בײַ פֿערצווייפֿעלטע אויסגעבעטען אַביסעל האָפֿענונג און בײַ זאַטע — אַביסעל בײַנקעניש.

און ווען פֿון די גראָשענע נדבות איז געוואָרען אַ רײַכטהום און פֿון די ברעקלעך געפֿיהלען אַ מורא'דיגע קראַפֿט, האָבען זיך מענשען גענומען שאַפֿען אַנ'אייביגען זומער.

און אין איין פֿערחמאַרעטען בײַגינען האָט זיך די געלע הערבסט-זון אויפֿגעחאַפּט און קויב-קוים מיט גרוים מאַטערניש דורכגעשטאָכען אַ וואָלקען, אַקוק-געטהון אויף די ערד, און איז נאָך געלער געוואָרען פֿון די וואָלקענס פּולווער-רויך, וואָס זענען איהר אַנטקעגען געגאַנגען.

מבולבל האָט זיך אַ שטורמווינד משוגע'נערווײַז אוועקגעטראָגען אין דער וועלט אַרײַן, און מיט אַ צוריסענער, דערשראָקענער פֿײַפֿערײַ האָט ער דערצעהלט פֿאַר בערג און וועלדער, אַז ער האָט שוין אַ סך מאָל געהערט, ווי דער אָקעאַן רעש'ט, ווען אַ שקוואַל טראָגט זיך איבער איהם דורך, ווי עס שטורמען די

שנײַענע מאַסען פֿאַלענדיג פֿון שפּיץ מאָנבלאַן, ווי עס פּלאַצען בערג בשעת ערדציטערניש, נאָר אַזאַ געוואַלטיגען גערויש, ווי הײַנט צווישען מענשען — האָט ער נאָך קײנמאָל נישט געהערט.

און שוואַרצע קראָהען האָבען בלוט דערשפּירט, און מחנות־ווײַז געפּלאַטערט אין דער גראָהער שווערער לופֿט, מיט אָנגע־שאַרפֿטע שנאָבלען, מיט אָנגעפֿײַלטע נעגעל. אָבער אַראָבלאָזען זיך אויף דער ערד האָבען זײ מורא געהאַט. מיט אַ ציטערדיגען „קררא“ האָט אײן קראָה דעם אַנדערען אָנגעזאָגט, אַז מענשישע אויגען האָבען נאָך קײנמאָל אַזוי ניט געבליצט, אַז פֿערגאָסענעם מענשען־בלוט האָט נאָך קײנמאָל אַזוי ניט געזאָרען. אַ סכנה חאַפּען דאָס בלוט אין מויל אַרײַן, מען קאָן זיך די צונג אָפּ־ברִיהען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

מענשען האָבען אַנ׳אײגענעם זומער געשאַפֿען...

---

## II.

אין יענעם טאָג האָט זיך די הערבסט־זון אַראָבגעלאָזען אַ רויטע, אַנ׳אויפֿגערעגטע פֿון וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט און אָנגעזעהען אַ גאַנצען טאָג.

פֿון איהר אָבשײַן האָט זיך גרויזאַם פֿעררויטעלט אַ האַלבער פֿערוואָלקענטער הימעל. ווײַטע נעבלען האָבען זיך הויך, הויך איבערגענאָסען און געפּליסט, ווי דורכזיכטיגע שטראָמען פֿונאַנ־דערגעפֿיהרטע מיט בלוט... און אין דער דאָזיגער פֿליסענדער רויטקײַט זענען געלעגען טונקעל־רויטע שטיקער חמאַרעס, טויטע און געדיכטע, ווי בלוט, וואָס איז שוין לאַנג פֿערגליווערט געוואָרען.

און דער נעבעל און די חמאַרעס האָבען געהאַט ווילדע, אומגעלומפּערטע געשטאַלטען פֿון גיהנם־לאַפּיטוטען און חיות, וואָס האָבען זיך אפילו פֿאַר׳ן דור־המבול נישט געפֿונען. און אַלע וואָלקען־בעשעפֿענישען האָבען זיך געטראָגען אײנער אויף דעם אַנדערען מיט אָפֿענע רויטע פּיסקעס, מיט בלוטדורשטיגע, גלי־

הענדע נעגעל, און אלע האבען זיי עפּעס פארגעשטעלט רויטע קאשטארען, רויטע קאשטארען פון א רוצח, וואס ליגט אין א הוץ-קרייענק.

און די זון איז לאנגזאם פערגאנגען און האט זיך געווארפען מיט די רויטע נעבלען, געשטיקט זיך מיט די טונקעל-רויטע חמארעס.

די זון האט זיך אין בלוט געטרונקען.

דאן האט זי אראבגעשטרעקט עטליכע צאפּעלדיגע בלוטיגע שטראהלען, געחאפּט זיך פאר שפּיצען פון בערג, פאר פערוועלקטע קרוינען פון דעמבעס, פאר קעפּ פון געביידען, געבעטען רעטונג ביי איהר ארעמער, שווארץ-חנ'ועגדיגער שוועסטערעל — ערד און איז געבליבען פערצווייפעלט:

די ערד האט זיך אויך געטרונקען אין בלוט.

רויט זענען געוועזען שטיינער פון ברוק, טויטע קערפּער פון די מענשען. ווענד און בוימער. פעלדער און טייכעלעך, צובראכענע שטיקער האלץ און צופלאצטע שויבען, און אונטער דעם אלעם איז עפּעס די שווארץ-חנ'ועגדיגע ערד געלעגען א האלבנע'חלש'טע, א געשענדעטע, אנ'אנגע'שכור'טע מיט בלוט און געלאזען די קלייגע, שווארצע מענשעלעך טהון מיט זיך, וואס זיי האבען געוואלט.

ניט ווילענדיג, מיט עקעל האבען זיך די ציטערדיגע שטראהלען גע'טובל'ט אין מענשען-בלוט. איבער געוואלד האט די זון געגילט די רויטע רינקעלעך און בלאטקעלעך. הימעלרויטקייט און ערד-רויטקייט האבען זיך צוזאמענגעמישט. אלץ וואס עס לעבט האט זיך געשראקען און מיט אימה איבערגעשעפּטשעט צווישען זיך:

— לילית, דאס האט לילית פונאנדערגעווארפען איהרע העלישע צעפּ און באדט זיי אין הימלישען פורפור, און איהרע זינדיגע פיס שווענקט זי אין מענשען-בלוט.

וואו ניט וואו האט זיך נאך אפּטמאל געהערט א הונגעריגער בריל פון א הארמאט, א טרוקענער קנאל פון א ביקס. און דער פולווער-רויך פלעגט, אנגעזאפּט מיט רויטען שיין, טראגען זיך לאנגזאם צום פורפור-הימעל, ווי א בלוטיגע-בשורה. וואו ניט וואו פלעגט זיך נאך אבריסען א טויט-קרעכץ, פלעגט שוויפען

און פֿערגליווערט ווערען אין דער רויטער לופֿט, און ערגעץ פֿון דערווייטענס פֿלעגט נאך אנפֿליהען דער ווינד ווי אַ פֿער־ סס׳טער און ברענגען מיט זיך צוטראָגען אַ פֿלאַטערדיגען שטיקעל אָבקלאַנג :

— עס לעבט - עס--לע—עבט דער אייביגער זומער, דער פֿריי־הייטס־זומער...

און ווי נאר די זון האָט אָנגעהויבען זינקען אין תהום אַריין, איז פֿון מזרח־זייט שטומערהייד אַרויסגעפֿלויגען די נאַכט, ווי אַ פֿאַנטאַסטישע, שוואַרצע פֿלעדערמויז, האָט לאַנגזאַם און שווער אויסגעגלייכט און פֿונאַנדערגעוואָרפֿען איהרע צונויפֿגעקנייטשטע ריזיגע פֿליגלען, און פּלוצלונג זיך אַ לאָז געטהון נאָך דער רויטער, האַלב־פֿערשוואונדענער זון, פֿערשלונגען פֿאַרבייפֿליהענ׳ דיג די רויטע װאָלקענס און נעבלען, די בלוטיגע גאַסען און פֿעלדער, און ווען די נאַכט האָט שוין דערגרייכט און פֿערכאַפּט די ענטלאָפֿענע זון, איז שוין גאָרנישט ניט געווען צו דערקענען. אי דער הימעל, אי די ערד זענען שוין טיעף, טיעף געלעגען אינ׳ם איינגען שוואַרצען בויך פֿון דער נאַכט, פֿון אַלץ איז איין שטיק פֿינסטערניש און שטילעניש געוואָרען...

קוים, קוים האָט זיך נאר געפֿיהלט אינ׳ם שטיק חשך אנ׳ איינגעהאַלטענער, אָבגעהאַקטער סאָפּען, דאָס איז די בלוט־דורש־ טיגע נאַכט צוגעפֿאַלען צו די טויטע קערפּער, און גענאָגט און גענאָגט פֿון זיי.

III.

הויך, הויך אינ׳ם שווערען שטיק נאַכט האָט זיך עפּעס בעוויזען אַ זילבער־גראָהער פֿלעק. צו העל איז ער געווען, מען זאָל מיינען, אַז די לבנה בעווייזט זיך דורך אַ וואָלקען, צו פֿינס־ טער איז נאך געווען אַרום – אַז דער מאָרגענשטערן זאָל דאָס אויפֿנעהן.

מאָדנע בלייך און עלענד איז דער פֿלעק געוואַקסען אינ׳ם חשך, ווי די בעוואוסטזיניגקייט, וואָס קעהרט זיך אום צו אַ גע־

חלשׁ'טען. ניט דער ווײַכער פֿלעק האָט בערירט די פֿינסטערניש, ניט די פֿינסטערניש — איהם. ער האָט נאָר מוטנע בעלויכטען דעם אָרט, וואו ער איז געשטאַנען, און די נאַכט האָט איהם אַרומגעפּאַסט אַרום און אַרום, אַ געדיכטע, אַ שוואַרצע, אַ שווערע ווי פֿריהער.

פּלוצלונג האָט זיך דער מוטנער פֿלעק פֿונק ווי אָבגעריסען פֿון אָרט און האָט גענומען שטיל און שטום שווימען אַראָב צו דער ערד. שטום און מיעד איז ער געוואַקסען און איז געוואָרען אַלץ העלער. ביסלעכווײַז האָבען זיך בעוויזען פֿלאַטערנדיגע ווײַסע פֿאַלדען פֿון קלײדער, אײדעל פֿערוואָרפֿענע הענד ווי צום שווימען. טרויעריג לאַנגזאַם האָט זיך דאָס אַראָבגעלאָזען אויף דעם פֿערבלוטיגטען ברוק. אַ פּאָר צאַרטע, שלאַנקע פֿיס האָבען עלאַסטיש אונטערגעשפּרונגען און ס'איז שטעהן געבליבען אַ ווײַסע — פֿרויענצימער-מלאך...

בלײך און שטרענג און דין זענען געווען די שטריכען פֿון איהר מילדען פּנים, די האָר צניעות'דיג איבערגעוואָרפֿען מיט אַ ווײַדענעם נעבעל-שלײער. דאָס לאַנגע קלײד מיט'ן לופֿטיגען זײַבערדען שלײף דורכאויס געוועבט פֿון בלאָהליכע מילך-שטראַהלען — גריננ אַזוי ווי גאַז און דורכזיכטיג ווי אַ זומער-טהוי. דורך דעם דאָזיגען לופֿטיגען, ווײַסען קלײד האָבען זיך פּונקט ווי דורכגעזײַהט איהר עלאַסטישער, וואוקסיגער און דינער קערפּער, די ווײַכע שטריכען פֿון איהרע צאַרטע, ווײַבערליכע פֿיס. די ניט-ענטוויקעלטע, קײלעכדיגע ברוסטען, וועלכע האָבען געציטערט פֿון פֿערבאָרגענעם פֿײַער און שטיל און מילד בעוועגט די לופֿטיגע פֿאַלדען.

פֿון דעם אויסגעמישטען קלײד — און קערפּער — ווײַסקײט, האָבען זיך נאָר העל אַרויסגעטײלט די ראָזע צוזאַמענגעדריקטע ליפּען, די טרויעריגע, בלאָהע אויגען מיט צווײ קלײנע בריליאַנטעלעך-טרעהרען אויף די לאַנגע טונקעלע ברעמען. אויך — אַ ליליע מיט אַ טראָפּען בלוט אין סאַמע מיט'ן בעכער, וואָס איז געווען צוגעקלעבט מיט אַ פּערקיהלטער טרעהר צו איהר מײדעלשער ברוסט.

אַ בלאָהליך-ווײַסער שײַן האָט שוואַך געשלאָגען פֿון איהר קלײד און פּנים, און האָט בעלויכטען אַרום איהר די פֿינסטערניש

אויף עטליכע טריט. א דינער, אונבעמערקליכער ריח האט פון איהר הימעל-לייב געפלייצט, אזא דינער און מילדער ווי עטהער, אזא ריח וואס איז גאר אויף דער ערד ניט פארהאן.

דאס איז געוועזען די מלכה פרייהייט אליין, וואס האט זיך אראבגעלאזען אויף דער ערד געוויאהר ווערען איהרע קינדער, איהרע געליבטע העלדען, וועלכע האבען זיך פון איהרט-וועגען מוסר-נפש געוועזען.

---

## IY.

שטיל, שטיל ווי א ווייסער טרויעריגער חלום האט זיך די „פרייהייט" בעוועגט, און איהר בלאהליך-ווייסער שאטען האט זיך נאך איהר נאכגעגליטשט, געשוועבט-געגאנגען איז זי, מיט די פיס דעם בלוטיגען ברוק נישט אנגעריהרט, נאר דער ווייסער גאז-שלייף פון איהר קלייד האט זיך געשלייגעלט צווישען די טויטע קערפער, אונגערן בעריהרט די טויטע וואונדען פון די געפאלענע העלדען און אונגערן דא און דארטען געחאפט א בלוט-פלעק, א רויט שפרינקעלע, א ראזען פינטעלע, געחאפט און איינגעזויגען אין דאס לופטיגע ווייסע געוועב פון זוים. און שא שטיל. די פריי-הייט שוועבט און פיהלט ניט, אז איהר הימעל-קלייד פלעקט זיך, איהרע שטאלץ-טרויעריגע אויגען און מיעד קעפעל זענען אראיינ-געטהון אין די העלדען-קערפער, איבער וועלכע זי שוועבט אריבער.

געשוועבט-געגאנגען איז זי, און דער חשך האט פאר איהר מיט דרך-ארץ אבגעטרעטען דעם וועג. איבער גוואלד האט די נאכט אויסגעבראכען די פגרים און בלוט, וועלכע זי האט פער-דעקט, פערשלונגען און געמאכט א שווייג. איבער גוואלד האט זיי די נאכט אויסגעבראכען און בעוויזען דער פרייהייט-מלכה אין די אויגען אריין.

און די בלייבע „פרייהייט" האט איטליכען מת בעזונדער אנ-געקוקט טרויעריג-טיעף מיט פערביסענע ראזע ליפען. נאר דינע דימאנטען-טרערען האבען פון איהרע אפענע, טרויעריגע אויגען

געקאפּעט, געקויקעלט זיך, וואַרימע, גלאַנצענדיגע, איבער די ווייכע פאלדען פון הימעל-קלייד, אַראָבגעפאַלען און צוזייהט, צו שפּרייט זיך איבער די פערגליווערטע קערפּערס.

אַ סך, אַ סך העלדען זענען געלעגען אויסגעשפּרייט אויף דעם גליטשיגען ברוק. צעהנדליגער, הונדערטער, טויזענדער, אַלע מיט פערגליווערטע בראָנזענע מוסקעלען, האַרטע און אָנגעצויגענע ווי קאַנאַטען; מיט פעסטע הענד, וואָס האָבען מיט'ן לעצטען טויט-גרויל דאָס געוועהר צונויפגעדריקט; מיט צוואָרפענע לאָקען, צונויפגעדרעהטע ווי בלאָנדע, שוואַרצע און גאָלדליכע געטויטע שלאַנגען. ביי אַלעמען אַ ניט-דערברענטער פייער אין די האַלב-אָפענע אויגען, אַ ניט-דערשריהענער לעבענס-הוראַ אויף די פערקיהלטע ליפּען, אַ ניט-דערוועבטע האָפענונג אין די קנייטשען פון קאַלטען-שטערן... צעהנליגער, הונדערטער, טויזענדער אין אַלערליי טויט-פּאָזען זענען זיי געלעגען: דער מיט'ן פּנים צום הימעל, ווי איינער וואָס זאָגט: „מאין יבוא עזרי". דער מיט'ן פּנים צו דער ערד, מיט פערוואָרפענע הענד איבער'ן קאָפּ וויל, דאַכט זיך, איינשלאָפען, איינשלאָפען און פערגעסען זיך אויף אייביג. דער מיט'ן טויטען קאָפּ ביי'ם חבר אויפ'ן ברוסט, גיסט, דאַכט זיך, אויס פאַר איהם זיינע לעצטע בענקעניש. און יענער כות הערט צו, דאַכט זיך, ווי דער חבר רוימט איהם עפּעס אַריין אין אויער-אַפּנים דעם לעצטען סוד פון זיין לעבען.

איטליכען בעזונדער, איטליכען בעזונדער האָט די פריי־הייט מלכה בעזוכט. איבער איטליכען בעזונדער האָט זי שטיל און ווייך ווי אַ ווייסער טרוים אַריבערגעשוועבט, מיט די פיס זייער קאַלטע, הויט ניט בעריהרט, נאָר די ווייסע נעבעלדיגע פאַלדען פון איהר קלייד האָבען תמימות'דיג און ציטריג געשושקעט און געוואָרפען פאַראויס אַ מאַטעווען ציטריגען אָבשיין, נאָר דער אָדער יענער מת, וואָס האָט אונגערען בעקומען אַ ריהר פונ'ם ווייסען הימעל-קלייד, פלעגט זיך ווי אַ בעכשופ'טער אָנשטרייגנען, אַ הויב טהון אַ קאַלטען קאָפּ, אַ ציה טהון מיט געשטאַרבענע הענד, אַ בליץ טהון מיט פערלאָשענע אויגען; און די קרייד-ווייסע ליפּען פלעגען ציטריג און פערוואונדערט אַרויסשעפּטשען:

— מאַ - מינ — קע ? ?

— וואָס, מיין ליעבסטער ? ! פלעגט זיך איבער איהם די פריי

היַיט רחמנות'דיִג איַינבויגען און אַ גלעט טהון איהם די טויטע לאָקען.

— טיַי—ע—רע—פּלעגט קוים, קוים דער מת ווי פון שווע־רען שלאָף אַרויסריַידען און שמייכלען מיט אַ עובר־בטלן שמייכעל.

און ווי נאָר די וויַיסע „פריַיהיַיט" שוועבט אוועק וויַיטער, פאַלט דער מת צוריק אַנידער אין דער פריהערדיגער טויט פּאָזע. אַנ'אונבעוועגליכער, אַ קאַלטער.

— בעיַינק — שאַפּט מיַינס. — זעצט זיך אַנטקעגען איהר אַנידער אַ מת, דערפיהלענדיג איהר וואַרימען אָטהעם, און ציהט אוים געלע, געשטאָרבענע הענד...

— האַר—ציגע, קרוי — נעלע. — שעפּטשען איהר נאָך מתים פון אַלע זיַיטען, ווען דער אָבשיַין פון איהר הימעל-קליַיד בעריהרט זיי, און פאַלען צוריק אַ נידער אין די פריהערדיגע טויט-פּאָזען, ווען די פריַיהיַיט שוועבט איבער זיי אַריבער מיט אַ ניט-דערוועבטער האָפנונג אין די פערקיהלטע קניַיטשען פון שטערן, מיט אַ ניט-דערברענטען פיַיער און די פערגלאַנצטען אויגען.

און לאַנג, לאַנג האָט „די פריַיהיַיט" אַרומגעשוועבט איבער די מתים, געפלעקט דעם נעבעלזוים פון וויַיסען קליַיד אין זייער פערקיהלטען בלוט, געוויַינט מיט דימאַנטענע טהוי-טראָפּענס, געבראָכען די צאַרטע, לאַנגליכע פינגער... קיין מענש האָט דאָס ניט געזעהען, קיין פויגעל האָט דאָס נישט געהערט. נאָר די שוואַרצע נאַכט איז געווען דער עדות, און די שטיַינער פון ברוק האָבען עס געפיהלט.

---

# V.

און אַזוי האָט די פריַיהיַיט שטילערהייד בעקלאָגט זיך און איהרע העלדען:

— צוגעשמידעט מיט גאָלדענע קייטען צום כסא־הכבוד בין איך דורות ... נג אויף'ן הימעל אין געפענגעניש געזעסען און געוואַרט, אַז מענשען זאָלען מיך קומען אויסלייזען. הונגעריג נאָך

מענשישע ווארימע הערצער, דורשטיג נאך מענשען-אמת בין איך געזעסען און געשלונגען מיינע בריליאנטענע טרעהרען, געשלונגען און צוריק ארויסגעוויינט זיי.

אָבער די מענשען, אויף וועלכע איך האָב געוואַרט, האָבען אַן מיר אין גאַנצען פֿערגעסען. טייל פֿון הונגער, טייל פֿון זאַט־קייט; טייל פֿון שוואַכקייט, טייל פֿון שטאַרקייט. נאָר מלאכים פֿלעגען מיר אָפֿטמאָל אַריינקוקען רחמנות'דיג אין די אויגען און ווישען מיינע טרעהרען מיט זייערע ווייכע פֿליגלען.

און אָט איז ענדליך געקומען דער טאָג, ווען די פֿערשקלאַפֿ־טע זענען ווי איין מענש אויפֿגעשטאַנען און גענומען ברעכען מיי־נע גאָלדענע קייטען.

מיט זודיגע קאַנאָנען־קוילען און מיט קאַלטע שווערדען האָבען זיי געבראָכען. איטליכער שאָס האָט נאָך אַ רינג פֿון מיי־נע קייטען צושמעטערט, איטליכער שווערדען־קלונג האָט נאָך אַ זיידענעם שטריק פֿון מיינע פֿערבונדענע הענד איבערגעהאַקט, איטליכעם העלדען־ליעד האָט מיך בעגייסטערט, איטליכער פֿריי־הייטס־אויסגעשריי האָט מיר נאָך אַ שטיק מוטה צוגעגעבען.

גנעה איך איצט אַראָב אַ פֿרייע, אַ ווייסע, בעזוכען מיינע העלדע, פֿליה איך אַראָב האַלזען און צודריקען צום ברוסט מיינע בעפֿרייער, געפֿין איך זיי ליגענדיג אויסגעצויגענע, פֿערגליווער־טע, קאַלטע. זייערע הענד זענען אָנגעשטרענגט אַרומצונעהמען מיך, זייערע ליפּען זענען אָנגעגרייט קושען מיך. זייערע לאָקען — אַרומוויקלען מיין האַלז. אָבער אַרומנעהמען וועלען זיי מיך קיינ־מאָל ניט, און דריקען צום ברוסט וועלען זיי מיך קיינמאָל ניט.

יאָ, יאָ קיינמאָל ניט. אויסגענאַרט האָט אייך דאָס לעבען, מיינע טייערע, און אויסגענאַרט האָט איהר זיך אַליין. גאָט האָט זיך פֿון אייך אויסגעלאַכט און דער טייוועל האָט פֿון אייך אַ שפּיל־כעלע געמאַכט. איהר האָט מלחמה געהאַלטען פֿאַר אַ חלום און געשטאָרבען זענט איהר אויף'ן וואָהר. און די בעשיידונג פֿון אייער חלום וועט איהר קיינמאָל ניט וויסען, קיינמאָל נישט.

אין דעם געביידע, וואָס איהר האָט פֿערוואָגעלטע געבויט, וועט איהר ניט וואוינען. פֿון דעם ברונעם, וואָס איהר האָט דורשטיגע געגראָבען, וועט איהר קיינמאָל ניט טרינקען. דאָס ברויט, וואָס איהר האָט הונגעריגערהייד געזייהט, וועט איהר

קיינמאל ניט שניידען. דעם זומער, וואס איהר האט מיט פערפרוי-
רענע הענד געשאפען, וועט איהר קיינמאל ניט געניסען... אוי-
מיך ווייסע און הייליגע, אויף וועלכע איהר האט מיט אזוי פיעל
הארצקלאפעניש געווארט און מיט אזוי פיעל קרבנות בעגעגענט,
וועט איהר קיינמאל ניט האלוען, קיינמאל ניט, קיינמאל ניט...

געניסען פון דעם וועלען נאר די, וואס האבען זיך פון דער
בעפרייאונגס-מלחמה ווי די שצורעס אין שפאלטען פערגנבה'ט און
ווי רעגען-ווערים אין די לעבער פערגראבען. געניסען וועלען נאר
די, וואס האבען מיט א פעטען בויך-געלעכטער געלאכט פון אייע-
רע לעצטע האפנונגען און גלויבען, די וואס זענען שטענדיג גע-
זעסען אין בעשיצטע, ווארימע הייזער, און ניט געווארט אויף
דעם זומער און ניט בעדארפט קיין זומער, די וואס האבען מיך
און אייך מיט מארק-זידלערײ נעלעסטערט, וואס די טויט-געשרייען
לאזען זיי זיבער ניט עסען פון די געגרייטע טישען, וואס אייער
פערצווייפעלטער שווערדען-קלונג לאזט זיי רוהיג ניט שלאפען מיט
זייערע ווייבער. — אט די, נאר די וועלען פון אלעם געניסען,
און איהר קיינמאל ניט, קיינמאל ניט...

אט וועט מארגען, איבערמארגען א בלאז טהון פון דרום-
זייט א שטארקער לעבענס-ווינד און וועט דעם פולווער-רויך צוטריי-
בען. די מתים וועלען אין דער ערד בעגראבען ווערען און אויף
זייערע מצבות וועט מען קלינגענדיגע פראזען אויסקריצען, דאס
פערגאסענע בלוט וועט דער רעגען אבשווינקען און הינד וועלען
אויסלעקען. די געלע זון וועט זיך בעגייען מיט יונגע שטראהלען
און די קאלטבלוטיגע הימלען וועלען זיך אין א נייער הויט אנטהון.
דאן—דאן וועלען צו מיר ארויסגעהן אט די דאזיגע מענשלעך
און מיט א חניפה-שמייכעל אויף די זאטע ליפען וועלען זיי מיך בע-
גיגענען, און מיט פאלשע, מגוזמ'דיגע מיטלען וועלען זיי מיך
איינעהמען, וועלען מיך די אלטע בעקאנטע מיט היימישע נעמען
אנרופען: „אונזער היים-געליבטע, אונזער קרוין, אונזער מאמע.“
פול מיט קנעכטשאפט אין הארצען וועלען זיי מיר מיט'ן מויל
העלפען ליעדער זינגען, פונקט ווי איהר האט שטארבענדיג און
גלויבענדיג געזונגען, מיינע ליעבסטע, מיינע ליעבסטע...

מיט עקעל און פערדרוס וועל איך פון זיי מיין צארטען פנים
אבקעהרען. אבער זיי וועלען מיט גוואלד מיין יונגען קאפ אנגעה-

מען און וועלען אַרייַנקוקען אין מייַנע ריינע אויגען, אַזוי ווי מען קוקט אַרייַן אַ נאַכט-מייַדעל. איבער געוואַלד וועלען זיי זייערע קעפּ אין מייַן מיידעלשען שויס אַוועקלעגען, איבער געוואַלד וועלען זיי זיך צו מייַן וואַרימער ברוסט מיט פּעטע ליפּען צוזויגען, און זייערער קנעכטישע העלזער, מיט מייַנע זויבערע אָרעמס אַרומנעהמען. איבער געוואַלד וועלען זיי פון מיר דעם נעבעל-שלייער אַראָבשלייַדערן, דאָס הימעל-קלייד אַראָבריַיסען און וועלען פון מיר אַוועקרויבען מייַן ריינקייַט.

איך וועל שרייַען, געוואַלדעווען, און קיינער וועט זיך ניט אָבּרופען, איך וועל בעווייַנען מייַן בעשמוצטע אונשולדיגקייַט, און קיינער וועט מיך ניט טרייַסטען. גאָט אַליין וועט מיר מיט אַ כעס'דיג-בלייכען פּני ענטפערן: „האָסט נישט געקאָנט בלייַבען אויפ'ן הימעל, האָסט געבענקט נאָך מענשען — איצט זייַ דיר צווישען מענשען".

זיי, נאָר זיי, וועלען פון מייַן יוגענדס-פייַער געניסען, זיי און ניט איהר, און ווען זיי וועלען מייַנע ריינע, בלאָהע אויגען קושען, וועלען אין אייַערע אויגען ווערעם אַרומקריכען, און ווען זייערע זינדיגע אָרעמס וועלען מיך האַלזען, וועלען אייַערע אָרעמס פון די צופוילטע פלייצעם אָבפאַלען. און ווען זיי וועלען מייַן הימעל-לייַב פּייַניגען, וועלען שוין אייַערע מצבות מיט מאָך פערוואַקסען ווערען, די קלינגענדיגע אויפשריפטען וועלען בייזע ווינדען אָבשאָבען, און קיינער וועט פון אייַך ניט וויסען...

און בעלער וועלען זיי צוליעב מייַן שענהייַט מאַכען, און אויף די ווענד און טהירען פון די סאַלאָנען, וואָס זענען אויסגעבויט פון מענשען-ביינער און מענשען-שווייס, וועט זייַן אָנגעשמירט מיט פּעטע, שרייַענדיגע פאַרבען מייַן הייליגער נאָמען. און אויף די געגזולט'ע, גאָלדענע און זילבערנע כלים וועט זייַן אויסגעקריצט: „פרייַהייַט", און אויף זייער געגנבט'ע זייַדענס און סאַמעט וועט זייַן אויסגענייהט: „פרייַהייַט"...

איבער געוואַלד וועלען זיי מיך בייַ זייערע געגרייטע טישען אַוועקזעצען, און ווען מיר וועט זיך וועלען שבעה זיצען נאָך מייַנע אמתע, געליבטע העלדען, וועלען זיי מיך נויטען טרינקען זייערע בריפּה ווייַנען. און אַז מיר וועט זיך חלש'ן צו פאַלען מחילה בעטען צו אייַערע פערגעסענע קברים, וועלען זיי מיך נויטען געהן פאַר

זיי א פריוואטס-טענצעל, זינגען זיי הימעל-מעלאדיען, כדי צו מאכען זיי פרעהליך, כדי אויפצוטרייסלען זייערע פוילע נשמות.

און דערנאך אז מיינע פייניגער וועלען זיך שוין איבערזעטיגען מיט מיין לייב, נאכדעם אז זיי וועלען שוין אויספייניגען מיין נשמה, וועלען זיי מיך נעהמען פערקויפען אלעמען, אלעמען אהן אונטערשיעד. איטליכען וואס האט נאר א געלען רענדעל אין טאש, א בלייבען דאלאר צווישען די פינגער. „א רענדעל א נאכט פרייהייט". „ארענדעל א נאכט פ ר י י ה י י ט". פאר א רענדעל וועט מיך בעקומען איטליכער אויסוואורף און קנעכט פון געבורטסטאג וועלען קאנען גלעטען מיט שמוציגע, גראבע הענד מיינע אטלאסענע ברוסטען...

און אז קיינער וועט שוין מעהר ניט וועלען קויפען מיין הוילען הימעל-לייב, יועלען מיינע פייניגער מיין פלייש און בלוט אויסניצען. פון מיינע בלאנדע זיידענע צעפ וועלען זיי מאכען פאריקען פאר זייערע פליכען, און פון דעם לעצטען שיין פון מיינע אויגען וועלען זיי גראשענע ליכטלעך אויסארבייטען. די ווייסקייט פון מיין לייב וועלען זיי אין די קראמען-פענסטער אויסשטעלען, און מיט דער דאזיגער פארב פון מיינע ליפען וועלען זיי מאלען יאטקעשילטען. אזוי וועט מיט מיר זיין, אזוי מוז מיט מיר זיין, און קיינער וועט מיר ניט העלפען...

געה איך איצט אום און שוועב אום איבער די כשר'ע קאלטע מתים, און גים אויס דעם זאפט פון מיין נשמה און צוזייה עס טראפענווייז איבער דער בלוטיגער ערד. איך ווייז, און צוליעב וואס? צוליעב ועמען? ווער וועט פיהלען מיין וועהטאג, און ווער וועט אבשאצען מיינע טרעהרען!! מארגען פריה וועלען מענשלעך דערזעהען די ריינע, פערקיהלטע טראפענס און וועלען זאגען: א טהוי איז ארויסגעפאלען איבער דער נאכט. חא, חא א הערבסט-טהוי איז ארויסגעפאלען.

אה, ווען איך וואלט געוואוסט ווער עס איז שולדיג אין אייער טויט און אין מיין שענדליכער צוקונפט, וואלט איך יענעם אין מיין פערצווייפלונג דערטרונקען. אבער כ'ווייס ניט, כ'ווייס ניט, כ'פיהל נאר, אז מלחמה האלטען האט איהר געמוזט און ניט פאלען האט איהר נישט געקאנט. מיט אייער פאלען האט איהר

מיך אויפגעהויבען, און לויפענדיג אײך אנטקעגען האבען מיר זיך אײנע די אנדערע פערלוירען.

אך, ווען איך וואלט געגלויבט, אז די פערשקלאפטע וועלט קאן אויפבליהען אהן מיך, און איך — אהן די געפאלענע וועלט. ווען איך וואלט געקאנט אײנרײדען די מענשען און אײנשמועסען זיך אלײן, אז א לעבעדיגען, קנעכטישען הונד איז בעסער ווידער א טויטען פרײען לײב, — וואלט איך מײן הארץ מיט מײנע אײגענע, אײדעלע פינגער ארויסגעריסען פון מײן אונרוהיגער ברוסט און כ'וואלט געלאפען און געריסען עס אויף שטיקלעך. און לויפענדיג און ווארפענדיג די שטיקלעך הארץ אין פינסטערע אבגרונדען ארײן, וואלט איך געשריען און נעשראקען די וועלט מיט מײנע משוגענע קולות: „איך וויל ניט, איך דארף ניט, כ'דארף גארנישט... גארנישט... ס'איז אין גאנצען אנ'אנשטעל, די גאנצע מלחמה — אנ'אנשטעל, כדי מאטערן מיך און פײניגען אײך, מײנע שטאלצע, מײנע שטארקע העלדען...

— — — — — — — — — — — —

---

## VI.

מיט א האלב־פערמאכטען אויג האט דער מארגענשטערן א קוק געגעבען, און זײן בלײכער שטראהל האט אנגעקלאפט דער פערוואונטער „פרײהײט" אויפ'ן אקסעל — ס'הײסט:

— שוין צײט, שוין צײט...

שטיל, ווי א ווײסער טרויעריגער חלום האט זיך די „פרײהײט" פון דער פינסטערער ערד אבגעטהײלט און אויפגעהויבען זיך צום הימעל מיט דעם וועג, וואס די בײגינען־שטראהלען האבען צוליעב איהר אויסגעבעט. לאנגזאם און טרויעריג איז זי געשוואומען אלץ העכער און העכער, ביז זי איז נעבעלדיג געווארען, ביז זי איז פערשוואונדען געווארען. נאר לאנג, לאנג נאך איהר פערשוואונדען ווערען האט נאך אין הימעל געבלאנקט איהר פערבלוטיגטער זוים פון ווײסען קלײד. און שעות לאנג האבען זיך נאך אין דער הויך געוויטעלט די שפרײנקעלעך העלדען־בלוט.

וואָס זי האָט מיט זיך אין די לופטיגע פעלדער אוועקגעטראָגען.

און ס'האָבען זיך אויפגעכאַפּט די צושראָקענע מענשעלעך אין זייערע פיערקאַנטיגע הייזער, אין זייערע בעשיצטע וואַרימע קאַנורעס און האָבען מיט אימה אַרויסגעצויגען אויפ'ן גאַס אַרויס קנעכטישע העלזער, אונצופריעדענע, צוטומעלטע פּנים'ער, וואָס האָבען דייטליך גערעדט:

— רבונו של עולם! צי וועט מען שוין ווען ניט איז קאָנען רוהיג עסען, רוהיג שלאָפען?.

און זייערע טעמפּע, וויערע אויגען האָבען זיי פערריסען צום הימעל, און האָבען דערזעהען רויטליכע פלעקען אין דעם גראָהען הערבסט-נעבעל.

— די זון געהט שוין אויף, — האָבען זיי געגעצענדיג אַרויס-גערעדט און זיך דערשראָקען פאַר דעם אייגענעם געגעץ.

ניין, זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז די רויטע פלעקען אין די וואָלקענס זענען ניט קיין בייגינען שטראַהלען, נאָר העלדען-בלוט, העלדען-בלוט, וואָס די פרייהייט האָט אין איהרע ווייסע פעלדער אוועקגעטראָגען.



# פייער.

(פאעמא).

מענשען האבען איינער דעם אנדער'ן לאנג, לאנג געדריקט און געבויגען ביז צו דער ערד,

נאר אין איטליכען מענשען דרעמעלט אנ'אייביגע, פערבארגענע שטאלצקייט. פון דרויסען איז זי אפטמאל נישט קענטיג, אבער טיעף אינוועניג, אונטער א דיקען פאנציר פון גראבקייט און טעמפקייט איז זי בעגראבען צוזאמען מיט אלע נישט ענטוויקעלטע בחות פון דער פערשקלאפטער נשמה.

מעהר איינגעבויגען, וועניגער איינגעבויגען, אבער שטארבען — שטארבט קיינמאל נישט די גרויסע שטאלצקייט, כל זמן דאס בלוט זידט נאך אין אונזערע אדערען.

וויל צוזאמען מיט דאס קאכיגע בלוט איז זי אין אונז פערבליבען פון יענער ווייטער עפאכע, ווען דער מענש איז נאך ווילד ווי א ווינד געווען, און האט פריי און מוטהיג געוואנדערט אין וועלדער און סטעפען.

מעהר איינגעבויגען—וועניגער איינגעבויגען, אבער שטארבען שטארבט זי קיינמאל נישט.

— א בויגען — וואס מעהר מען טרעט איהם, אלץ ווייטער טראגט זיך זיין זינגענדע, פערגיפטעטע פייל.

און וואָס מעהר מען טרעט דאָס מענטש'סע שטאָלצקייט, אַלץ מיט אַ מעהר שטאַרקערע קראַפט רייסט זי אויף און לאָזט פונאַנדער איהרע אָדלערשע פליגלען און נעגעל.

און יאָהרען-לאַנג אַ בעשפּיגענע, און דורות לאַנג אַ געטראָטענע איז זי פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען און איבערגעקעהרט קאַפּויר אַלץ וואָס האָט רוהיג און פיל געדריקט אויף איהרע פערחלש'טע פליגלען.

און בעפרייט און פערשכור'ט פון דאָס פּלוצליבע פרישע לופט, וואָס זי האָט איינגעאָטהעמט, האָט זי זיך געריסען אַרויף און אַראָפּ און אָנגעטהון מעשים נישט קוקענדיג אויף קיין זאַך... מיט איין שטוים האָט זי איבערגעקעהרט בנינים וואָס מען האָט אַ צייט, אַ צייט ציגעל-ווייז „געבויט"; מיט איין מעכטיגען פּאַטש פון פליגעל האָט זי אויסגעלעגט גאַנצע מחנות מיט לעבענ'ס. אַלץ, וואָס איהר איז אויפ'ן וועג געשטאַנען האָט געפּלאַצט און געקרעכצט אונטער איהרע גרויזאַמע מוסקעלען.

ווי אַנ'עפּידעמיע איז זי בעפאַלען, אַט די דאָזיגע שטאָלצקייט, און האָט אַלץ און אַלעמען אָנגעטהיילט מיט איהר גייסט, פערפלייצט מיט איהרע קאַפּריזען. און אַלעמען האָט זיך מיט אַ מאָל פערוואָלט טהון צו להכעיס, אין טוידט אַריין, אויפרייצען אַלץ וואָס האָט ליעב רוהיגקייט און פוילקייט. קאַלט מאַכען וועמען עס איז וואַרעם, און—וואַרעמען וועמען עס איז קאַלט. מאַכען פון ים אַ טריקעניש און פון דער יבשה—אַ ים. דאָס לעבען איז פון די רעלסען אַראָפּ און געשפּרונגען און געפלויגען מיט אַ שטורעם, מיט אַנ'איממפּעט, שדים ווייסען וואוהין. מיט אימה האָט זיך פערגראַבען און בעהאַלטען אַלץ וואָס האַנדעלט, מעסט און וועגט, אַלץ וואָס קלינגט מיט פעררוּאָסטעטע שליסעלעך און מיט פערשימעלטע מטבעות. נאָר אונענדליבע שוואַרצע חוואַליעס פון מענשען האָבען זיך געצויגען און געפלייצט אין די ברייטע, פּוסטע גאַסען, און זיי פאָראויס האָט זיך געטראָגען און גרויסאַרטיג בעוועגט איהרע פליגלען, די בעפרייטע, ווילדע שטאָלצקייט.

— האָט מורא, האָט מו-ררא!

אַזוי האָט זי געברומט.

* * *

אַ פינסטערע, הייסע סוף-זומער נאַכט איז ווי אַ דראַקאָן פון

סטעפּ אַרויסגעקראָכן, און האָט אונטערגעדריקט אונטער איהר שווערע לאַסט דעם ים און די שטאָדט, וואָס האָט זיך פּונקט ווי צוגעקלעפּט צו זיין משופּעדיגען ברעג.

אַ געחלש'טער פון היץ האָט זיך דער ים ברייט, ברייט אויס־געשפּרייט אין דעם דריקענדעם חשך און זיין אַטלאַסענע ברוסט האָט קוים־קוים, נישט טוידט נישט לעבעדיג געאָטהעמט.

אַנ'ערשטוינטע פון שרעק, אָהן בעלייכטונג איז די שטאָדט מיט איהרע טויזענדער גראָהע מויערען געבליבען שטעהן אויפ'ן הויכען ברעג פון ים, אין סאַמע מיט'ן געדיכטען חשך און נישט געקענט קומען צו זיך. זי האָט עפּעס אויסגעזעהען ווי אַ שפּעטיגער פערבלאָנדזשעטער וואַנדערער, ביי וועלכען ס'האָט זיך אין מיט'ן וויסטען וועג פערלאָשען זיין לאַמטערנע.

און ס'האָט זיך שטאַרק פערוואָלט טהון דער נאַכט צו להכעיס. אויפרייצען דאָס זאַטע פינסטערניש, וואָס האָט אַזוי שווער און זיכער צוגעדריקט דעם ים און די שטאָדט.

— פייער! — האָט אַ ברום געטהון אַ מחנה מענשען פון איין זייט.

— צינדט... — האָט געענטפערט אַ מחנה פון דער אַנדערער זייט.

— צינדט... צינדט... צינדט!...

און וואָס ברענט בעסער פון נאַפט?

און וואו איז די נאַפט, אויב נישט אין פּאָרט?

* * *

אַ ברודיגער, אַ מאוס'ער, אַ פוילער דרעמעלט דער נאַפט־פּאָרט. האַלב אויפ'ן געלען זאַמד פון ברעג, האַלב אין די שפּיעלענדע וואַסער פון ים.

און בעדעקט איז עס אינגאַנצען, דער דאָזיגער פּאָרט, מיט פעטע פערפוילטע שמוץ, און אַלע טעמפּע, מרה שחורה'דיגע געביידעס, וואָס געהען זיך פון איהם פונאַנדער, זענען געדיכט פערפלעקט מיט סאַזשע, און פערשמאַרצען מיט מאַזוט...

ווי אַ רוהיגער שרץ זעהט ער אויס, ווי אַ ריזיגער העסליכער שרץ, וואָס האָט פון צופיעל פעט ווערען געקראַגען אַ אַפּאָפּלעק־סיע, און איז אַריינגעפאַלען מיט'ן קאָפּ און לאַפּעס פון הויכען ברעג אין ים אַריין...

און אַ שטענדיגער, שטיקענדער עפּוש געהט פון זיין פער־פוילטען קערפּער, די חוואליעס פון ים ווען זיי שפּרינגען אריבער־עם חוואליע־ברעכער און דערגרייכען דעם דאָזיגען פּאָרט, ווערען זיי בעשמוצט מיט פעטע פוילעניש און ענטלויפען מיט עקעל פון דעם מאוס'ן פגר...

און אַ זומערדיגער ים־ווינטעל אָנגעזאַפּט מיט ריחות פון וואלד און אקאציעס, ווען ער טראָגט זיך דורך און דערפרישט די שטויביגע שטאָדט און ווישט אָב דעם שווייס פון אַלעמעס פנים, קעהרט זיך אָב פון דעם ברודיגען נאַפּט־פּאָרט און ענטלויפט גע־שווינד, געשווינד נישט דערפרישענדיג איהם...

און נאָר מענשען, פערשמוצטע, פערשמאַלצענע פּויזען ארום טאָג־טעגליך ווי ווערים אין אַלע זיינע לעכער, און שעפּען פון דאָרטען דעם נאַפט, און שפּייזען זיך פון זיין פעטען, פערפוילטען קערפּער.

אָבער אין דער דאָזיגער נאַכט איז אויף איהם נגזר געוואָ־רען פון הימעל, אַז ער מיט זיין גאַנצען שמוץ און נאַפט זאָל דיענען אַלס אַ גרויסע אילומינאַציע פון שטאָלצקייט און פרייהייט ביי די אויפגערעגטע, צופלאַמטע מענשען...

* *
*

— צינדט! — האָט געדונערט אין איין עק פּאָרט און אַ געל פייערעל האָט זיך דאָרט בעוויזען.

— ברענט:

און נאָך אַ פייער האָט זיך ארויסגעריסען פון דער אנדער עק.

— נאָך פייער... נאָך... האָבען מענטשעסע, אונגעדולדיגע קולות געברומט פון חשך ארוים...

און אַ סך העל־רויטע ווילען פייער האָבען זיך גענומען הוי־בען און קרייזלען אין הימעל אריין פון אַלע זייטען פּאָרט.

איין זייל פייער האָט צום אנדערען פריינדליך געשאָקעלט מיט'ן רויכיגען געקרויזעלטען קאָפּ... איין זייל פייער — דעם אַני־דער'ן, האָט מיט אַ פייערדיגען תקיעת־כף שלום געגעבען. און פּלוצלונג האָבען זיך אַלע פלאַמען ארומגעחאַפּט ווי פערליעבטע און גענומען טאַנצען צוזאַמען אַ משוגענעם פייער־טאַנץ אין דאָס שוואַרצקייט פון דער נאַכט.

די גרויסע שׂרפה האָט זיך אין די שוואַרצע וואַסער־שפּיגלען פון ים אָבגעקוקט... און ס'האָט זיך אַחאַפּ געטהון דער געחלש'טער ים, און ברייט און צושראָקען פונאַנדערגעעפענט די אויגען, דערזעהענדיג אַזאַ פייער —

און אויפגערעגטע חוואַליעס זענען אויף איהם אויפגעשטאַנען און האָבען גיכער, ניכער געחאַפּט פונאַנדער טראָגען די בשׂורה פון פייער אויף אַלע פינסטערע זייטען וואַסערען... חוואַליע צו חוואַליע האָט געשפּריצט מיט פונקען, איין ווינד דעם אַנדער'ן האָט מיט פייער בעגריסט...

און מחנות פון מענשען זענען פון דער פינסטער אַרויסגעוואַקסען און אַרומגערינגעלט דעם ברענענדען פּאָרט... און בעגאָסענע מיט רויטען, פלאַטערדיגען אָבשיין פון דער שׂרפה און פון ים, האָבען מענשען פערלאָרען זייער געוועהנליכען שטערבליכען אויסזעהן.. ווי וואונדערליכע בעשעפענישען פון אַנ'אומבעקאַנטער וועלט — האַלב פליישׁ האַלב פייער — זענען זיי געשטאַנען אַרום און אַרום... — ווי פלאַמענדיגע העלדען פון אַצויבערליכער, גרויזאַמער לעגענדע, חאָהען געציטערט זייערע געשטאַלטען אין דעם רויטען, זידיגען אָבשיין... זייערע פּנים'ער האָבען געברענט מיט נקמה, זייער ברוסט האָט געאָטהעמט מיט ווילדקייט און זייערע הערצער האָבען געטאַנצט צוזאַמען מיט דעם אָבשפּיגלען פון ים...

— אוררא — — האָבען זיי בעגריסט די גרויסע איליומינאַציע פון נקמה.

פון מינוט צו מינוט איז דער פייער געוואַקסען און אויפגעשאָקעלט גרויזאַמע פּעך־שוואַרצע קרייזען פון געדיכטען רויך, ווי אַ משוגענער האָט ער זיך געוואָרפען די פערשמאַלצענע בנינים פון פּאָרט אויפ'ן האַלדז און אין איין רגע בעציהרט זיי מיט געלע און רויטע פלאַמען. מיט איין גליהענדען קוש האָט ער אין ברודיגע טעמפּע שפּייכלערם אויפגעוועקט אַ יצר־הרע פון ברענען... דיקע ווענד פון געביידען האָבען זיך געברעקעלט און געקנאַקט אין זיינע מעכטיגע, העלישע אָרעמס. הונדערטער פעסער פולע מיט נאַפט האָבען פון זיין אָטהעם אַלע ווײַלע אויפגעריסען מיט אַ פּלוצליכען, ברייטען „באַמפּ" — און שלייגלענדיג מיט לאַנגע, רויכיגע, רויטע לאָקען, האָבען זיי זיך אַריינגעשפּאָלטען אין הימעל אַריין...

אַלץ ברייטער און ווייטער האָט דער פייער געשטרעקט

זײַנע בײַגזאמע, לײַדענשאפטליכע אָרעמס, געטאפּט אויף אַלע זײַטען, געזוכט וואָס נאָך צו פֿערכאפּען. גשדב'נט זיך צום רויט־בעלויכטענעם ים, געשפּײַט אין הימעל מיט גאנצע וואָלקענס פון פּאזשע, געוואָרפען בראנדיגע ריזיגע ציינגער גלײַך צו גאָט אַרויף...

און ס'האָט זיך גאַרנישט געגלויבט אַז אַזא שטוציגער, טעמפּער, פערפוילטער פּאָרט, קען בעווײַזען אַזוי פיעל חוצפּה־דיגע פײַערדיגע שענהײַט, קען אַרויסוואַרפען אַזוי פיעל העלישע קונצען און וואַרפען עס אַזוי הויך, מיט אַזא ווילדען געלעכטער...

— ב ר ר — אַח... זענען אײַנגעפאַלען דורכגעבּרענטע בנינים — בּרר—אַח...

— באמת, באמת... האָבען זיך אויפגעריסען נאָפט־פעסער און מיט התלהבות. קאָפּ־אַראָפּ, ווי אויף קדוש־השם, געוואָרפען זיך אין וואַסער אַרײַן...

און דער בעלויכטענער ים האָט נאָכגעטהון אַלע פײַערדיגע קונצען פון דער שׂרפה... איבערגעגאָסען זיך פון טונקעל רויט ביז העל גין־גאָלד. פלאַמענדע שדים זענען אויפגעשטאַנען פון זײַן שוואַרצען אָבּגרונד און האָבען זיך געהוידעט און געשפּרונגען פון חוואַליע צו חוואַליע, און מיט אַ הפקר־געלעכטער געקושט און גע־ראַנגעלט זיך מיט פײַערדיגע נימפען...

און פון די מענשען איז שוין לאַנג דאָס לעצטע בלוט און פלייש פערשוואונדען געוואָרען. פײַערדיגע, פײַערדיגע אַנגע־שטורעמטע מיט פײַער און דורשטיגע צו נאָך מעהר פײַער, זענען זיי געשפּרונגען אַרום דער שׂרפה און געבּרומט ווי מטורפים:

— א ו ר ר ר ר אַ – אַ —

— א ו ר ר ר אַ — האָט געבּושעוועט דער ים מיט זײַנע גלי־הענדע חוואַליעס...

און דער פײַער האָט גרויזאַם גענויגט זײַן געגרויזעלטע רויבּיגען קאָפּ פון דעם רויטען הימעל צו דער בעלויכטענער ערד.

דאָס האָט ער שטאָלץ געדאַנקט דעם ים און מענשען פאַר ווײַטערע ווילדע אַפּלאָדיסמענטען...

* * *

— היט זיך, היט זיך... האָבען פּלוצלונג שטאַרקע קולות אַרויסגעבראָכען...

— דער באַק וועט באַלד אויפרייסען, דער באַק —

— היט זיך ...

אַלע געביידען פון פאָרט און אַסך זייטיגע בנינים זענען שוין געשטאַנען אונטערטעניגטע, האַלב פערברענטע און האָבען זייער האַלץ און שטיין דעם ליידענשאַפטליכען פייער אָבגעגעבען. —

נאָר איין ריזיגער, משוגענער באַק האָט זיך בשום אופן נישט אונטערגעגעבען.

אַ שווערער, אַ בייביגער, אַ המורער מיט צוואַנציג פינף טויזענד פוד נאַפט אין מעטאַלענעם בויך, איז ער געזעסען אין סאַמע מיטען העלישען פייער און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

און דער אויפגערעגטער פייער האָט דעם חמורען באַק גע־האַלזט און אַרומגענומען פון אַלע זייטען, ער האָט איהם געקושט און געדריקט צו זיין זודיגען ברוסט, ער האָט זיך צו איהם גע־לאַשצעט ווי אַ קאַץ, געגלעט, געחנפ'עט, און קנאַקענדיג אַריינגע־רוימט אַ סוד:

— קום, מיר וועלען זיך צוזאַמען גיסען, מיר וועלען פלאַ־קער'ן צוזאַמען... מיר וועלען ווערען איינס, איינס, איינס...

און דער דיקער באַק האָט געשוויגען, אַ חמור'ער, אַ שוואַר־צער און האָט דאַכט זיך עקשנות'דיג געקלעהרט:

— איהר הילצערנע שטיינערנע ברענט אייך אַפילו ביז צום אַש ווערען, און איך בין אייזען און אייזען וועל איך בלייבען: און דעם תהום פון נאַפט. וואָס איך היט אין זיך וועל איך דעם גאָט פון פייער בשום אופן פאַר אַ קרבן נישט ברענגען...

נאָר אַלע האָבען שוין פאָראויס געפיהלט, אַז נישט לאַנג וועט דאָס אַזוי דויערען. עס האָט זיך געפיהלט, אַז פון די 25־טוזענד פוד נאַפט ווערען בעשאַפען גאַזען, און די גאַזען שפּאַרען זיך אַרויף, און אָט באַלד, אָט באַלד...

— היט אייך, היט אייך, היט אייך... האָבען מעכטיגע קולות מתרה געווען פון אַלע זייטען.

און אַלע זענען מיט דרך־ארץ אָבגעלאָפען אויף הינטען, ווייט ווייט פון דעם אָנגעגליהטען באַק, אויסגעראַמט אַ ברייטען אָרט פאַר דעם ווילדען פלאַם, וואָס דאַרף זיך באַלד אַרויס־רייסען.

— אַט באַלד — האָט מען זיך פערשטיקט געשושקעט— ...וט באַלד

— טיאַך, טיאַך ... האָט ביי אַלעמען לייַדענשאַפטליך און ייַגעריג געקלאַפט דאָס דורשטיגע האַרץ.

און דער פייער האָט ממזר׳יש געגלעט און געחנפ׳עט דעם ...ייַביגען, האַרטען באַק

* * *

...פלוצלונג האָט די ערד אַ ציטער געטהון

נאָכהער, האָט קיינער דייַטליך נישט געקענט אַרויסריידען, וואָס ער האָט דערהערט אין יענער רגע. נאָר אַז מענשען זענען עקומען צו זיך, האָבען זיי דערזעהן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ים ישט קיין ברעגעס נישט קיין הימעל. אַלץ פייער, פייער, פייער. ולץ גיסט זיך איבער, אין אַלע טענער פון העל-געלב ביז פונק-יוט און שאַקעלט מיט צושוידערטע, שוואַרצע גריוועס פון רויך.

... ניין, נישט אַנדערש, אַז הימעל און ערד האָבען חתונה עהאַט, און מיט פייער מקדש געווען איינער דעם אַנדערען...

— אורר—אַ—אַ—האָט זיך ביי אַלעמען פון התפעלות מיט יין אָטהעם אַרויסגעריסען.

און הויך, הויך איבער דער פינסטערער שטאָדט האָט זיך אויפגעהויבען דער פלאַם און געפלאַטערט ווי אַ פאָהן, און געמונטערט און גערופען אַלעמען, אַלעמען אויף דער גרויסער העלישער שמחה.

און זיכערער האָבען זיך פון אַלע פינסטערע געסלעך גענומען ציהען נייע מחנות מענשען, וואָס האָבען זיך פריהער געהאַט בעהאַלטען פאַר שרעק אין זייער באַשיצטע קאַנורעס.

קינד און קייט, אָרעם און רייך, אַלע זענען געקומען נעמען אַנטייל אין דעם שטאָלצען יום-טוב, וואָס ווערט געפייערט מיט אַזאַ ווילדקייט אין מיט׳ן דער נאַכט.

— אוררא — האָבען אַלע זיכער און פריינדליך בעגריסט דעם פייער.

אין אַז מענטשעסע קולות זענען אויף אַ רגע שטיל געוואָרען האָט מען געהערט ווי דער ים גריסט און וואַרפט זיינע גריסען מיט אַ קאַחערייַ אויפ׳ן אַנגעגליהטען ברעג.

* * *

... און אין סאמע מיט'ן פייער יום-טוב:

— באח.

א זודיגע קויל פון א הארמאט איז ארויסגעשפרונגען פון דער פינסטערער שטאדט, אריינגעריסען זיך צווישען די גרויסע בע-לויבטענע מחנות, און צוריסען זיך צוזאמען מיט שטיקלעך אברים און מענטש'עסע ביינער.

— מען שיסט ...—איז דורכגעלאפען א פערצווייפעלטער גע-וואלד צווישען די מענשען...

און ערשטווינטע פון טוידט-שרעק זענען שטעהן געבליבען די מחותנים פון דער פייערדיגער חתונה:

— וואוהין זאל מען לויפען אין פייער, צי אין דער פינס-טערער שטאדט אריין?...

— באך, באך — חא — חא — חא ... — האבען זיך עטליכע הארמאטען גראב און טעמפ צולאכט אין דער פינסטערער שטאדט.

איבער מענטשעסע פערצווייפלונג האבען זיי געלאכט!.

און אלע מחנות מענשען האבען שוין אהן א פערשטאנד גע-חאפט לויפען אויף אלע זייטען. זוכען רעטונג ביי דאס פינסטער-ניש, בעהאלטען זיך פון טוידט אין די שמאלע, שווארצע געסע-לעך...

נאר אומעטום האט זיי דאס פינסטערניש באגעגענט מיט א גראבען געלעכטער און געשפיגען זיי אנטקעגען מיט בליי און מיט שארפע משוגונענע שטיקלעך.

— באך, באך, באך. — האבען אומעטום געגרעבט פער-בארגענע קופערנע פיסקעס פון הארמאטען.

— טאר, טאר—טאר—טאר—טאר, טאר... —טאר—טאר—טאר...—האבען טרוקען און דייטליך געהארחעלט פוליעמיאטען—טאר, טאר—טאר—טאר —

און פון די פייערדיגע גבורים פון דער פייער-לעגענדע ביים ברעג ים, איז מיט אמאל געווארען פראסטע, צושראקענע מענ-שעלעך וואס זוכען וואו צובעהאלטען זייערע שוואכינקע, שווארציני-קע, אונבעשיצטע קערפערלעך. אפלויפענדיג פון פייער, איז אויף זיי דער צויבערליכער אבשיין פערלאשען געווארען, די אויגען און

די פנים'ער זענען אונפארביג געוואָרען, און פון זייערע בלייבע צוקרימטע מיילער האָבען זיך אָהן אויפהער געריסען פערצווייפעלטע, אונגליקליכע געשרייען!

— מען שיסט... מען שיסט... רא—טע—ווע...

* * *

אזוי האָט זיך אויסגעלאָזען דעם יום-טוב פון פייער.

די פייערדיגע לעגענדע האָט זיך געענדיגט. און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ נאַכט פול מיט אימת-מות.

אין אַ שעה אַרום איז שוין געוועזען שטיל, שטיל, נאָר דער טוידט האָט געקוקט אין די אויסגעגלאָצטע, דערשראָקענע שויבען פון שטאָדט...

און אַלע מענשען וואָס זענען לעבען געבליבען, זענען שוין געלעגען שוואַרצינקע, שטילינקע, אונטערטעניגסטע אין זייערע פינסטערע פערקאַנטיגע צימערלעך, געטוליעט זיך איינער צום אַנדער'ן און צוגעהערט זיך צו איטליכען שאָרך — — —

שטאָלץ און זיכער האָט נאָר דערברענט דער פערשטיקטער נאַפט-פאָרט, עלענד האָט ער דערפייערט זיין העלישען יום-טוב. איינזאַם האָט ער דערוועבט זיין פייערדיגע לעגענדע.

און אַריינקוקענדיג אין די שוואַרצע שפיגלען פון ים, האָט ער קאָקעטיש און פערטראַכט געגרייזעלט זיינע פייערדיגע לאָקען, און אַלץ געקנאַקט, און אַלץ געסוד'עט.

און וייך און פאַמעליך האָבען זיך געקויקעלט די בעלויכטעטע חוואַליעס, און איינהאַלטענדיג דעם אָטהעם האָבען זיי זיך צוגעהערט צום טרויעריגען סוף פון דער פייערדיגער לעגענדע, און האָבען געוויינט מיט העלישע טרעהרען.

# מיין בּיינקשאַפֿט.

(אַ ליעד אין פּראָזע).

## I.

שאָטענס קריכען, שאָטענס פֿאַלען פֿון אונטען און פֿון אויבען; פֿון דעכער און פֿון הינטער-געסלעך. אָט זעה איך, ווי זי געהט שוין צו מיר, זי געהט צו מיר מיין בּ י י נ ק ש אַ פֿ ט. שטיל ווי אַ שאָטען צווישען שאָטענס שווימט זי גלייך צו מיר גלייך צו מיר. איהרע הענד זענען אַזוי איידעל און שטאָלץ צונויפֿגעלייגט אויף איהר ברוסט, און די פֿינגער בּעהאַלטען זיך אין טונקעלע פֿאַלדען, געוועבטע פֿון שאָטענס. אַ הויבּע, שוואַרץ-חנ'ווידיגע. אַ זיבּערע אין איהר שענהייט געהט זי גלייך צו מיר, און גלייך אויף מיר קוקען איהרע טיפֿע אויגען...

פֿאַרביי איהר און אַרום איהר, אויף די גראָהע טראָטואַרען, לויפֿען פֿאַרביי צעהנדליגער און הונדערטער מענשען און מענשלעך. אָבער זי, מיין בּיינקשאַפֿט, בּעמערקט זיי קיינעם ניט, טוידט זיי אוים אַלעמען, אַלעמען. איהרע אויגען זעהען נאָר מיך, נאָר מיך.

זי געהט, זי געהט, זי געהט...

קום שוין גיכער, צו מיר, מיין איינציגע בּיינקשאַפֿט. דיינע פֿאַלדען זענען ווייך, דיינע פֿאַלדען זענען טונקעל, אַזוי ווי

ווּמער־שאָטנס, און פֿון דײַנע פּוֹלע, טונקעלע ברוסטען שלאָגט אַ דינער, דינער ריח פֿון טרערען און האַלב־געשטאָרבענע פּײַלבלען, און אויף דײַנע ליפּען גיסט אַ מעלאָדיע אָהן ווערטער, אָהן טענער.

קום שוין גיכער, גיכער... דורכ'ן פֿענסטער, דורכ'ן טהיר, דיר איז דאָך אַלץ אײנס, דו קענסט דאָך אפילו דורך אַ וואַנד דורכקריכען, דו קענסט זיך דאָך אַפילו פֿון באַלקען אַראָבלאָזען. קום גיכער, — וואָס געהסטו אַזוי לאַנגזאַם? ווי אַ שאָטען צווישען שאָטענס שוועבט דו, קום שוין, נעם מיך שוין אַרום מיט דײַנע ווײַכע אָרעמס, קײנער האָט דאָך מיך ניט אַזוי ליעב ווי דו, קײן פֿרוי גלויב איך ניט אַזוי, ווי איך גלויב — דיר...

דו ביסט שטום, גאָט האָט דיך מיט קײן קול ניט בעשאָנקען, און דײַנע ליפּען זענען שטענדיג צוזאַמענגעדריקט. איך האָב קײנמאָל ניט געזעהען די פֿאַרב פֿון דײַנע צײנער. כ'ווײס ניט, צי זענען זײ אַזוי ווײס, ווי פּערעל צי טונקעל ווי דײַן הויט, איך פֿיהל זײ נאָר ווען ניט איז, ווען דו חאַפּסט זיך צו מיר צוקושען מיך לאַנגזאַם, ציטריג און אומעטיג. דו קענסט ניט קושען אָהן צײנער, דו קענסט ניט... זײ בײַסען מיר אײַן, שטילערהײד, מײַן פֿלײש, ווען דו קושט מיך, און לאָזען מיר אַרײַן אין מײַן בלוט אַ זיסען גיפֿט, און מיר איז דאַן אַזוי גוט, און מיר איז דאַן אַזוי ביטער...

שטום ביסטו, מײַן בײַנקשאַפֿט, אָבער אַנשטאָדט דײַן מויל רײדען דײַנע אויגען, זײ שטעכען מיך און גלעטען מיך. לאַנג אויפֿגעשניטען זענען זײ אונטער דײַן הויכען שטערען, ווי גרויסע מאַנדלען, און שוואַרץ זענען זײ און באָדען זיך אין בלאָהע ווײַסלען — ווי אויגען פֿון מצרים־פֿרויען. און טיעף זענען זײ, צו וואָס זאָל איך גלײַכען זײער טיפֿקײַט? כ'וואָלט עס געגליכען צו אַ הימעל אין אַ זומער־אָווענד, צום אָקיאָנוס. צו דער פֿאַנטאַזיע פֿון אַ גאון. אָבער אין דײַנע אויגען געפֿינען זיך אי דער הימעל אי דער אָקיאָנוס, אי דער גאון אי אַלץ, אַלץ. און מיט גלות השכינה איז דאָס אַלץ אָנגעזאָפּט, מיט גלות השכינה, מיט גלות השכינה.

נײן: רײד ניט, רײד ניט... זײַ בעסער שטום. די בעוועגונג פֿון די ליפּען קען צושטערען דאָס, וואָס עס בעשאַפֿען דײַנע אויגען. דײַן קול קען דערשרעקען און צוטרײַבען די אומע-

טיגע, בעפליגעלטע וועלטען, וואס דיין בליק רופט ארויס. נעם מיך ארום נעהענטער ביים הארצען מיט איין האנד, און מיט דער אנדער האנד הויב אויף מיין אראבגעלאזטען קאפ און קוק אין מיר אריין גלייך און טיעף אזש ביז די ווארצלען פון אלע אדערען. און שווייג און שווייג, מען דארף נישט ריידען. מען דארף נישט.

---

## II.

אונערגרייכטע שענהייט מיינס! דו ביסט דאך איינע פון די גרויסע גאט'ס ריכטהימער, מיט וועלכע ער האט די ארעמע ערד בעשאנקען. די „ליעבע" איז בעשאפען געווארען, בשעת גאט האט דעם ערשטען שמייכעל געטהון. די „פרייהייט" איז געבארען געווארען, ווען גאט האט צום ערשטען א נייג געטהון זיין האנד, דער „אמת" איז אויפגעשוואומען, ווען גאט האט זיין ערשטען ווארט ארויסגערעדט: דאס „גלויבען" איז ארויסגעפלויגען, ווען גאט האט דעם ערשטען „כי טוב" א קלער געטהון. און דו, מיין גרויסע „בייקשאפט", ביסט בעשאפען געווארען און אראב אויף דער ערד, ווען דער בורא איז שוין געווארען אונצופריעדען פון אלץ וואס ער האט אנגעשאפען, און האט גענומען בייקען נאך א העכערע מדרגה אלס דער מענש, אויף וועלכען ער האט פריהער גע־קוקט, ווי אויף דאס לעצטע ווארט פון געטליכער קונסט.

און זעה, מיין גרויסע בייקשאפט! אלע דיינע שוועסטער זענען שוין לאנג פערשוועכט געווארען צווישען מענשען, די „ליעבע" איז וואכענדיג און וואלוועל געווארען. „אמת" האט דאס הארץ פערקויפט און פאר דעם—גאלדענע ציהרונג געקויפט. אין די היי־מעל-קליידער פון „אמונה" האבען זיך יעזואיטען און צבוע'קעס פער־מאסקירט. און די בעפליגעלטע „פרייהייט" אליין שלעפט זיך אום א געשמידטע אין שווערע, פערראסטעטע קייטען. און ס'וואנדע־רען אום דיינע געוועזענע שוועסטער אויף דער ערד געשענדעטע, מאוס'ע, ברעכען פערצווייפעלט די מאגערע הענד און בעוויינען און שילטען דאס גאנצע לעבען.

נאר דו אליין, מיין איינ־איינציגע „בייקשאפט", ביזט ביי

דײַן גאַנצקייט און הייליגקייט געבליבן. אַ שטרענגע, אַ פֿערשלאָסענע, אַ שטאָלצע געהסט דו איבער דער וועלט. שווײַגסט, ווי אַ שאָטן צווישן שאָטענס, און דײַנע אויגן קוקן אַרײַן שטע־בענדיג־גלעטענדיג אין אַלעמעס הערצער. און נאָר זיי זוכן. אָ! איך ווייס וואָס זיי זוכן. די לײַדענשאַפֿט האָט אין זיי אַלעמאָל מלחמה מיט דער שטאָלצקייט, און אַלעמאָל האָט די שטאָלצקייט מנצח געווען, אַלעמאָל...

זוכן זוכסטו אַ מענשען, מײַן בייִנקשאַפֿט, וועמען אָבצוגע־בען זיך אין גאַנצען. אין גאַנצען—און געפֿינסט נישט. פֿון ששת ימי־בראשית געהסטו אום זוכען דײַן זווג און געפֿינסט ניט. און גאונים האָבען זיך שוין אין דיר אַסך מאָל פֿערליבט ביז צום שכּורין, ביז צו משוגע־ווערען, און דו האָסט זיי געהאַלזט און געשטיקט, געקושט און געביסען. אָבער קיינער פֿון זיי איז ניט געווען אין דײַן פֿערשלאָסענעם גאָרטען, אָבער קיינער האָט נישט געטרונקען פֿון דײַן פֿערחתמ'עטען קוואַל...

— — — — — — — — — — — —

שאָטנעם פֿאַלען, שאָטנעם קריכען. איך זעה שוין ווי זי געהט צו מיר מײַן „בייִנקשאַפֿט", ווי אַ שאָטען צווישען שאָטענס שוועבט זי. פֿאַרבײַ איהר און אַרום איהר אין די גראָהע געסלעך לויפֿען פֿאַרבײַ צעהנדליגער, הונדערטער מענשען, נאָר זי זעהט זיי קיינעם ניט. צו מיר, צו מיר געהט זי, און נאָר אויף מיר קוקען איהרע לאַנגע, עגיפּטישע אויגען...

# געדיכטע.

# טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

אין וועלדעל בײ׳ם טײכעל, דאָרט זענען געוואַקסען
מאַרגריטקעלעך עלענד און קלײן. —
װי קלײנינקע זונען מיט װײסינקע שטראַהלען,
מיט װײסינקע טראַ־לאַ־לאַ.

געגאַנגען איז חוה׳לע שטיל און פערחלומט,
צולאָזען די גאָלד־בלאָנדע צעפּ. —
דאָס העלזעל ענטבלויזט און געמורמעלט־געזונגען
אַ ליעדעלע טראַ־לאַ־לאַ.

דאָ קומט איהר אַנטקעגען אַ בחור אַ שוואַרצער,
מיט לאָקען מיט שוואַרצע, װי פּעך.
ער לאַכט מיט די אויגען און ענטפערט איהר לוסטיג,
און ענטפערט איהר: טראַ־לאַ־לאַ.

— וואָס זוכסטו דאָ, מײדעל? וואָס האָסטו פערלאָרען?
וואָס ווילסטו געפינען אין גראָז?
„איך זוך מאַרגאַריטקעס“, — פערדרויטעלט זיך חוה,
פערדרויטעלט זיך טראַ־לאַ־לאַ.

— דו זוכסטו נאָך? און איך האָב שוין טאַקי געפונען
די שענסטע מאַרג׳ריטקע אין וואַלד,
אַ מאַרג׳ריטקע מיט צעפּ און מיט אויגען סאַפּפירען,
מיט אויגעלעך טראַ־לאַ־לאַ.

— נייז, כ׳האָב שוין מאַרג׳ריטקעס. איך האָב זיך פּערגעסען —
איך זוך... דאָ נישט ווייט איז אַ קוואַל...
— דער קוואַל איז געשלאָסען, אָהן מיר בלייבסטו דאַרשטיג
ביים קוואַלבעלע טראַ־לאַ־לאַ.

— איך וויל גאָרנישט טרינקען. איך זוך מיר אַ שאָטען,
די זון באַקט אַריין אַזוי היים...
— מיינע האָהר זיינען שוואַרצער און קיהלער ווי שאָטענס
אין וועלדעלע טראַ־לאַ־לאַ.

— אַ, לאָז מיך, מען טאָר נישט ; די מאַמע זאָגט, מ׳טאָר ניט,
מיין מאַמע איז אַלט און איז בייז.
— וואו מאַמע ? וואָס מאַמע ? דאָ זענען נאָר בוימער,
נאָר בוימעלעך טראַ־לאַ־לאַ.

— „מען זעהט“ — קיינער זעהט ניט. „מען הערט !“ — קיינער
הערט ניט.
דאָס וועלדעל איז בלינד און געדיכט.
אומאַרעם מיך, זיסע. דו זעהסט, איך בין רוהיג,
איך קוש דיר נאָר — טראַ־לאַ־לאַ.

— דו ליעבסט מיך ? — „איך ליעב דיך !“ — דו שעמסט דיך ?
„איך שעם מיך“.
— אַ, ליעב מיך און שעם דיך און שוויג,
און זעה ווי עס מישען זיך פּעך־שוואַרצע קרויזען
מיט גאָלדענע... טראַ־לאַ־לאַ.

די זון איז פערגאַנגען, דער בחור — פערשוואונדען
און חוה׳לע זיצט נאָך אין וואַלד.
זי קוקט אין דערטווייטענס און מורמעלט פּער׳חלומ׳ט
דאָס ליעדעלע : טראַ־לאַ־לאַ...

# איטע.

(אַ באַלאַדע)

הערט אַ מעשה, וואָס פּערלויפט זיך
אין אַ שטעדטעל אין דער ליטע:
ס'איז אַ מיידעל דאָרט געוועזען
און געהייסען האָט זי איטע. —

אויגען — בלאָהע, הענטלעך — ווייסע,
און די צעפּ, ווי שווארצע שלאַנגען;
ווער עס האָט זיי נור דערזעהן,
דעם איז ס'חיות אויסגעגאַנגען.

דער פלעגט אומגעהן ווי אַ שאָטען
און פלעגט שעפּטשען: „איטה, איטה"...
הערט אַ מעשה וואָס פּערלויפט זיך
אין אַ שטעדטעל אין דער ליטע!

---

אַלע בחורים אין שטעדטעל
פלעגען שטאַרבען נאָך דאָס מיידעל: —
פלעגען טרוימען איהרע ליפּען
און דאָס רוישען פון איהר קליידעל.

ס'האָבען זיך אין איהר פּערליעבט אוש
פון אַפּטייקער ביז דעם שערער,
פונ'ם קלויזניק ביז'ן פּערשעל,
בני־יחידים'לעך און לעהרער.

אַלע „לעזען" און שטודירען —
ווי מען ליעבט אַ שעהנע מיידעל:
אַלע טרוימען איטעס ליפּען, —
און דאָס רוישען פון איהר קליידעל.

נאָר איהר טאַטע איז א חסיד, —
און א מיידעל פאָלגט דעם טאַטען, —
מאכט ער „באם"... און וויל ניט הערען
פון משכילים מיט קראַוואַטען.

וויל ער דוקא א בן־טובים,
און ווער קען איהם זאָגען דעות!
אָה, דעם מורה־הוראה'ס זונדעל
זיפצט שוין לאַנג און גלעט די פאות...

טרויעריג זינגט ער ביי דער גמרא,
חאַפּט א קוק אויף איטעם טאַטען:
„זעה... א בחור'על מיט תורה,
ניט א סאָלטיק מיט קראַוואַטען!"...

---

קומט צופאָהרען א סטודענטעל, —
אַזש פון פּעטערבורג געקומען;
א יונגאַטש אין גרינע הויזען,
און אין לאַץ א בינטעל בלומען.

געהט דאָס אום ביי גאָט א זומער
שלינג און שלאַנג אין אלע גאַסען;
וואו א הונד און וואו א שיקסע —
זיצט ער, שפּיעלט ער, טרייבט זיך שפּאַסען.

דאַרף ער איינמאָל טרעפען איטען,
שענקט ער איהר זיין בינטעל בלומען...
אַט, א הולטיי, א סטודענטעל,
וואָס פון פּעטערבורג געקומען!

---

איטע האָט דאָס שענע שענקונג
ניט גענומען און אַנטלאָפען:
נור פון דענסמאָל אַן — דערצעהלט מען —
אין זי מעהר שוין ניט געשלאָפען...

האָט מען זי גענומען היילען:
אויסגעגאָסען וואַקס אין וואַסער,

אפגעשפראכענע פון עין־הרע: —
איטע שווייגט און ווערט אלץ בלאסער.

אט אזוי דריי לאנגע וואכען:
ניט געגעסען, ניט געשלאפען;
אויף דער פיערטער וואך — וואו איטע!
מיט דעם לץ איז זי אנטלאפען...

---

איז געווארען א בהלה:
יונגלעך בלאנדזשען ווי אין נעבעל,
בלייכע נעזער, גרויסע אויגען
און די מיילער — פעך און שוועבעל.

אוי דער פערשעל — גאר מבולבל:
דארף מען מענטש — שרייבט ער ה א פ ע ן!
דער אפטייקער: בעט מען ריצנייל —
גיעט ער גאר חלשות־טראפען...

שערער־יונגען — די פערשניידען
בערד און פאות, ווי אין נעבעל:
און „דאס בחור'ל מיט תורה"
שיט אויף גאט מיט פעך און שוועבעל.

---

געהען אום פון דענסטמאל מעשות,
מען דערצעהלט אזוי אין שטעדטעל:
איטע וואהנט שוין יעצט אין אויסלאנד,
אויף איהר טיהר א מעשען־ברעטעל.

אויף דאס ברעטעל שטעהט געשריבען:
אז דא וואהנט זי, הייסט דאס, איטע
מיט איהר „דאקטער", וועלכען ס'קענען
אלע קעצלאך אין דער ליטע...

— נא דיר גאר א וויסטען „דאקטער",
אויף דער טהיר א מעשען־ברעטעל!
אט אזאלכע מאדנע מעשות
געהען אום פון דאן אין שטעדטעל. —

# נְשָׁמוֹת.

פֿון הימעל פֿליהט אַראָפּ אַ כּשר'ע נשמה,
אַ מלאך דריקט זי מיט רחמנות צו זיין ברוסט;
דער בלאָער עטער ציטערט און עס בלייכען —
ווי ערשטוינט די ווייסע יונגע וואָלקען.
דריקען זיך צוזאַמען ווי אַ סטאַדע שעפּסען,
קוקען אין דער הויך פֿערוואונדערט און פֿערחלומ'ט;
— „אַ נשמה פֿליהט פֿון הימעל"...
די זונן פֿערגעהט און שפּריצט מיט רויטע פֿייער
אין די אָבגעקיהלטע אָווענדס'טייכען;
צוויי אַלטע שונאים קושען זיך און שמייכלען...
דאָס קיהלע וואַסער לעשט ניט אויס דאָס פֿייער
דאָס רויטע פֿייער טריקענט נישט דאָס וואַסער...
די זונן פֿערגעהט און קושט די יונגינקע נשמה
מיט אַ ליעבען שמייכעל פֿון אַ גוט־הערציגער באָבען.
וואָס ליעבט אַ סך, און ווייסט אַ סך...
און ס'ציטערט שטיל די כּשר'ע נשמה.

עפּעס פרעהט איהר · עפּעס שרעקט איהר;
— „זי ווערט באלד וויסען, פיהלען נייעס, נייעס,
וועלכע זענען אין די ווייכע הימלען גאר נישטא״..:
זי קוקט אראב, עס ערוואַרטען זי דאָרט סודות
אומגעדולדיג פלאַטערען די גוסס׳דיגע שטראַהלען
עפּעס בלאָע פלעקען שווימען דאָרט און שעפּטשען:
— קום שוין, קום שוין טייערע נשמה!...
און עס דריקט איהר שטיל דער מלאך צו זיין ווייסער ברוסט
און ער זינגט איהר: „שרעק זיך נים מיין קינד!
דאָס לעבען איז ניט שרעקליך דעם וואָס שטרעבט!
נעה שווים דאָרט אונטען, זוך דאָרט אוים פאַר־גאָט,
הייסע הייליגע געפיהלען, קלייב צו שפּרייטע פונקען,
נעפין אין פעלזען הערצער, און קוואלען אין מדבריות,
קלייב־זיי, פאַנג־זיי, ברייננ־זיי אויפ׳ן הימעל!
פון אזעלכע פּערעל פלעכט זיך גאָט א קרוין...
און ווען די גרויסע קרוין וועט ווערען פערטיג
וועט גאָט אַ ל ײ ן אראפּ געהן אויף דער ערד...״
און עס ציטערט די נשמה פון ווארעמע געפיהלען,
דריקט צו פרום די גאָלדענע פליגלען צו איהר הערציל:
„כ׳וועל טהון וואָס גאָט הייסט, כ׳וועל ערפילען —
וואָס אלע פרומע נייסטער הייסען טהון״...
די זונן פערנעהט און קושט די כשר׳ע נשמה
מיט א שמייכעל פון א גוטהערציגער באָבען
וואָס ליעבט א סך, און ווייסט א סך...
— — — — — — — — — — — — —
און אויף דער ערד דאָרט ציהט זיך אָהן א סטרונע; און א קרעכץ...
— פון וואַנען איז א קרעכץ?
א קינד... א מיידעל איז געבאָרען...

* *

*

פֿון דעם ערד־זומפּ רײַסט זיך אויס אַ פֿערחשבּ'טע נשמה,
ווי אַ שוואַרצער „אויסגעפּליקטער ראָב פֿון נעץ;
אַ טײַפֿעל האַלט זי פֿעסט פֿאַר איין צוּבראָכֿען פֿליגעל,
זי פֿלאַטערט און זי רײַסט זיך און דער טײַפֿעל לאַכֿט —
מיט קרומע גליהענדיגע צײנער.
די געוויטער־נאַכֿט איז שוואַרץ, זי ליעגט בעטריעבט און מיעד
עס שמעקט די לופֿט מיט טומאה און מיט טײַפֿעלישען שוויים
און שטיקער חמאַרע קריכֿען, טאַפּען גרויזאַם אין דער פֿינסטער
גאַנצע בערג מיט מרה־שחורה...
עס פֿליהט צום הימעל אַ נשמה, קײנער רוימט דעם וועג
נאָט אַליין ער דרעמעלט... פֿערשלאָפֿענע מלאָכים
געגעצען און ציעהען זיך און שליסען אויף די טהירען
עס שיט מיט בליצען פֿון די שליסלען,
די הימעל־שלעסער דונערען מיט צאָר'ן,
אומצופֿריעדענע מלאָכים געגעצען און וואָרטשען:
— „קריך שוין, קריך שוין אביונת'ע, גיכֿער שמוציגע!
מיט וועמען שלעפּט'ס זיך דאָרט אַרום!"
און עס פֿלאַטערט די נשמה, די פֿערוועלקטע;
דאָרט אויבען וואַרט אויף איהר אַ אומערבאַרעמיגער גאָט
אַ משפּט־שטוהל אַ שוואַרצע און אַ שטומע...
און דער טײַפֿעל האַלט זי פֿעסט פֿאַר איין צופּליקטען פֿליגעל.
לאַכֿט איהר גלײַך אין פּנים: „הער! —
דו ביסט שוין מײַנס אויף אײביג, מײַנס אויף אײביג...
און איך דײַן הערר, איך הײס דיר: גערה אַרויף
גערה גנבֿ'ע דאָרט פֿון אונטער גאָט'ס־שטוהל —
ליכֿט פֿון אור הגנוז, שטראַהלען פֿון גאָט'ס פּנים,
פֿון אַלעם הײליגע און װײכֿע וואָס געפֿינט זיך דאָרטען, גנבֿ'ע!

שלינג זיי איין, פערבאָרג זיי אין דיין שווארצער הארץ
און ברייִנג אראָפּ אויף דר'ערד!
פון אזעלכע שטראַהלען פלעכט דער אשמדי א קרוין;
און אז די קרוין וועט ווערען פערטיג, דאן
וועט אשמדאי אליין ארויף געהן אויפ'ן הימעל..."
און עס מוטשעט זיך די זעלע, גאָט איז שרעקליך:
דער טייפעל איז נאָך גרויזאמער פון איהם...
און פערקריצענדיג די שווארצע האלב-צופוילטע צייִן
שמייכעלט זי צום טייפעל מיט עקעל און חניפה;
— „איך וועל ערפילען וואָס דער אשמדי בעפעהלט
וואָס אלע פערפלוכטע גייסטער הייסען טהון...
נאָר לאָז מיך אָפּ, נאָר לאָז מיך אָפּ..."
עס שמעקט די מידע לופט מיט טייפעלישען שווייס
שטיקער חמארע טאַפּען קריכען גרויזאם אין דער פינסטער.
נאנצע בערג מיט מרה-שחורה.

— — — — — — — — — — — —

און אויף דער ערד דאָרט פּלאַצט א סטרונע... און א קרעכץ...
— פון וואנען איז דער קרעכץ?
א געפאלען פרוי איז אָפּגעשטאָרבען

# אַ שְׁטֵיין.

עָס אִיז גְעוועֶן אַ נאַכט, אַ זוּמעֶר-נאַכט אַ קִיהלעֶ.
אָנגעֶזאַפּט מִיט בּלאָה'ס און לבנה-שַׁיין און לִיעבּעֶ —
אִיז זִי צוּגעֶפאַלעֶן לַיידעֶנשאַפטלִיך צוּ דעֶר מִידעֶר עֶרד,
ווִי אַ הַייסעֶ, רַייכעֶ מאַמעֶ צוּ אִיהר עֶלעֶנדעֶר יתומה,
חַייך אַרוּמגעֶנוּמעֶן זִי מִיט סאַמעֶטעֶנעֶ הִימלעֶן,
נעֶקוּשט מִיט גראָזעֶן-ריחות, געֶווִישט אִיהר שווייס מִיט
ווִינדטלעֶך.

געֶווַיינט פוּן פרַייד מִיט מעֶטעֶאָרעֶן,
און עֶרגִיץ האָט אַ גרִיל דעֶרזוּעֶגט זַיין סעֶרעֶנאַדעֶ,
און עֶרגִיץ האָט אַ זשאַבּעֶ לאַנג געֶקוואָקעֶט קריאת-שמע,
און עֶרגִיץ-וואוּ אִין גראָז בִּין אִיך געֶלעֶגעֶן עֶלעֶנד,
עֶרגִיץ-וואוּ אִין גראָז...

דעֶר קעֶרפּעֶר צוּגעֶשמִידט צוּ דר'עֶרד; און דִי נשמה —
האָט געֶבּלאָנדזשעֶט און געֶזוכט אַ צִיעל אִין טִיעפעֶן הִימעֶל.
און צווִישעֶן גוּף און זעֶלעֶ, הויך אִין בּלאָהעֶן עֶטהעֶר,
זעֶנעֶן דוּרכגעֶשוואוּמעֶן לאַנגזאַם זִילבּעֶרנעֶ פעֶרקלעֶרטעֶ —
שטִיקלעֶך וואָלקעֶן, שטִיקלעֶך וואָלקעֶן...

אַ וואָרקען אַ געדאַנק, אַ וואָלקען אַ פֿאַנטאַזיע,
אַ וואָלקען אַ צערשטערטער ווײַסער חלום...
און צווישען גוף און זעלע האָבען ווײַך געפֿלימעלט
וועלטען שטערען...
אָנגעזאָפּט מיט יוגענד-פֿײַער און מיט אַלטע עלטער —
וועלטען שטערען.

ערגיץ-וואו אין גראָז בין איך געלעגען עלענד,
און געזוכט אַ האַרץ מיט וועמען זיך צו טהײַלען
די בענקשאַפֿט און די נאַכט...
געוועזען איז צו פֿיעל גוט, אַז איך זאָל קאָנען שווײַגען,
צו פֿיעל פֿריש דאָס גראָז, אַז איך אַלײן זאָל שמעקען,
צו פֿיעל טיעף דער הימעל, אַז מײַן געדאַנק זאָל דאָרטען
אומשווימען אַלײן און ניט דערטרונקען ווערען.
אַ גרויסעס זומער-גליק איז אין דער לופֿט געהאַנגען, —
געבעטען זיך אין האַנד אַרײַן, געבעטען זיך אין האַרצען —
אַ גליק צו גרויס, צו זיס פֿאַר אײן נשמה צו פֿערדויען.
מיט וועמען טהײַלען זיך איז אָבער נישט געוועזען.
אַלע האָבען פֿון דער נאַכט, פֿון גרויסען זומער-גליק
נאָר קלײנע, קלײנע שטיקעלעך גע'גנב'עט,
בעהאַלטען זיך מיט ווײַב און קינדער, מיט כלות און חתנים,
פֿערשלאָסען טהיר און לאַדען, קײנער זאָל ניט זעהען
און נאָגען דאָרטען שטילערהײד, אַז קײנער זאָל ניט הערען. —
איטליכער אין זײַן קאַנורע פֿאַר זײַן פּיצעל נחת...

איך האָב געזוכט אַ האַרץ און האָב אַ שטײן געפֿונען,
עלענד אין דעם גראָז, ווי איך, איז ער געלעגען.
גאָרנישט געבענדיג דאָס לעבען — גראָה און קאַלט און האַרט
האָט ער אַלײן פֿון לעבען גאָרנישט ניט געוואָרט.

איך האָב איהם צוגערוקט צו זיך און צוגעדריקט מיט בײנקשאַפט,
ווי צו אַ שטומען ברודער מײַן צוהיצטען שטערען;
פערהילעט איהם געדיכט מיט מײַנע שווארצע לאָקען,
געפיהלט מיט מײַנע אָדערען זײַן שטײנער־האַרץ,
אָנגעטאַפּט מיט מײַנע נערווען זײַן גראַניטענעם דופק,
אײַנגעזאַפּט אין זיך מיט טויזענד מײַלבלעך פון מײַן הויט
זײַן שוויַיגען און זײַן האַרטקײַט...
און כ'האָב געפיהלט אָהן ווערטער, וויפיעל וואַסערען און שטראָמען

ס'האָבען איהם געקויקעלט און געשלײַדערט,
וויפיעל רעגענס האָבען איהם געשווײַנקט און וויפיעל ווינדען
האָבען איהם פערשאָטען און צוריק אַרויסגעגראָבען,
וויפיעל ווינטערען ער האָט געוואוסט און וויפיעל זומער־נעכט
ער איז געלעגען עלענד, עלענד, עלענד...
ער שוויַיגט, ער שוויַיגט מײַן שטײַן און איך וועל שוויַיגען איך.
פון פערמאַכטע לאָדען צינגלען פײַערלעך מיט שפּאָט,
אין פערשפּאַרטע הײַזער שוועבען הײסע פרויען־שאָטענס...
ער שוויַיגט, ער שוויַיגט מײַן שטײַן! און איך וועל שוויַיגען אויך..

# אִין־אָבֶענְד.

אִין טרויעָריִג־זיִסעָ חלומות
פאַרוויִגט שטיִל דאָס וויִנטל די וועָלט,
און „קריִאַת־שמע" מורמעָלט דאָס טײַבל
און דרעָמעָלט אִין מיִטעָן און קוועָלט.
— און הײליִג פאַרבײגעָן די צוויַיגעָן,
פאַרטראַכט זיִך דעָר שמעָקעָנדעָר וואַלד;
עָס גיִבּעָן אַ שטיִף אַ פּאָר בלעָטלעָך
און וועָרעָן אַנטשוויִגעָן אָט באַלד...
— און ס'קומעָן און בלײַבּעָן שטעָהן שאָטעָנס
ווי שומריִם בײַ איטליִכעָר טהיִר,
דעָר נאַכטיִגאַל קנאַקט און פאַרגעָהט זיִך
און ס'בלאָנדזעָט אַ גריִלצעָן „ציִר" "ציִר".
— עָס שוויִמט ווי פאַרמאַטעָרט פון קיִרכעָ
„אַבים־באָם" און ברומט און צעָקריִכט,
— דעָם היִמעָל, אַפּניִם וועָרט פיִנסטעָר —
עָר ציִנדט אָן די שטעָרעָנדלעָכס ליִכט.
— און רוהיִג וועָרט אַלעָס אַנטשלאָפעָן
פאַרוויִקעָלט אִין שאָטעָן און קיִהל, —
זײ ווײסעָן, אַז מאָרגעָן וועָט קומעָן
אַטאָג פול מיִט זון און געָפיִהל...

# קאַרשען.

ציַיטיִגע קאַרשען און ציַיטיִגע מעדלעך
מיִט אויגען פיִעל שוואַרצער פון קאַרשען;
עס קלעטערען מעדלעך נאָך קאַרשען און לאַכען,
עס בלאַנקען איִן גריִנס זויבער-באָרפיִסע פיִסלעך,
עס קנאַקען די דיִנע עלאַסטיִשע צווײַגען,
עס פלאַפלען די בלעטער און סיִהוידען זיִך שאָטענס, —
אַ פנים זײַ העלפען מיִט לאַכען!
בעלאָדען מיִט אויבס שטעהט דער אוראַלטער גאָרטען
און שמײַכעלט מיִט טויזענדער רויטיִנקע שמײַכלען,
און ממזריִש וויִנקט יעדער פרוכט צו די אויגלעך
וואָס זענען פיִעל שוואַרצער פון קאַרשען.

אָט זענען די שטיִפערקעס הויך שוין פערקראָכען,
עס מיִשען זיִך לאָקען מיִט בלעטער איִן אײַנעם —
און דונקעלע צווײַגען מיִט דונקעלע פאַלדען;
אַ טרײַסעל אַ בוים און עס שיִטען זיִך קאַרשען,
מיִט פלאַמענדע בליִקען צוזאַמען.
דו שטעהסט אונטערן בוים און צומיִשט און בעצויבערט,
און ווײַסט ניִט וואָס האַפען, וואָס שליִנגען אַ פריִהער

אַ קאַרש צו אַ היימישקען בליק.

שלינגסט קאַרשען און שטיקסט זיך פון יונגען געלעכטער,
דו לאַכסט אָהן אַ ציעל, אָהן אַ סבה, אָהן ווילען.
עס בליהט דער געלעכטער, ווי קוואַל-וואַסער שלאָגט ער
און רוישט ווי די בלעטער פון גאָרטען...
און ס'לאַכען די הימלען און ס'לאַכט גאָט אַליין —
דער גרייז אַלטער גאָט פון די ווייסינקע וואָלקענס:
חאַ-חאַ-חאַ-חאַ... און עס ענטפערען מעדלעך:
חאַ-חאַ-חאַ-חאַ... און אַ האָגעל אַ רויטער,
אַ ווייסער, אַ שמעקענדער האָגעל און קאַרשען,
ער טענצעלט און פויקט אין די גראָז ווי אויף סאַמעט —
אַ, קאַרשען, אַ קאַרשען!

אוי, בחור וואָס טרוימסטו! און דאָ שפּרינגט אַ מעדעל
אַראָפּ פון אַ בוים ווי אַ יונגינקע סערנע!
ווי ווייס איז דאָס פיסעל וואָס טוקט זיך אין גראָז
ווי זיס איז דער רויש פון די מעדעלשע פאַלדען;
און דו טוז נאָך איהר, און דו לויפסט זי נאָך חאַפּען,
דו יאָגסט זי נאָך כלומר'שט און מיינסט מיט אַנ'אמת;
צוטראַטענער וועַרמוט פערשכור'ט דעם מוח,
צורייצט מיט זיין ביטערען דופט די געפיהלען,
דו טרעטסט מאַרגאַריטקעס, דו שפּרינגסט איבער ראָזען,
וואָס אַרט דיך! פאַראויס לויפט דיין מעדעל, דיין מעדעל
איהר קערפּער איז פרישער פון בלומען...
מיט ליפּען בעגאָסען מיט קאַרשען בלוט לאַכסט דו:
...„שטעה וועהלינקע, קליינע". און בעטסט זי אין הארצען:
— לויף ווייטער, לויף ווייטער...

עס קלאַפּען די הערצער, אַרום ווערט אַלץ שטילער
דו ביסט שוין דער יענער און זי איז אַ גאוּלע.

אַ גאָזעל מיט גרויסע צושראָקענע אויגען;
פערטרייבסט זי אין ווייטע און קיהלע אַלעען,
און לאַנגזאַמער לויפט זי, ווערט מידער און מידער...
איין שפרונג—און דו חאַפּסט זי. עס הויבט זיך איהר בוזען
און שפּילט מיט די ווייכע באַטיסטענע פאַלדען. —
עס שמעקט פון דיין ליעבסטער מיט קאַרשען און יונגער,
מיט טריף-וואַקס פון צווייגען און וואַרימען קערפּער —
פון קריכען אויף בוימער און לויפען...

אַרום שטעהען טאָפּאָלען — די שומרים פון גאַרטען —
ווי כהנים-גדולים אין גרינע טליתים,
די צווייגען געשפּיצט און געשטרעקט צו דעם הימעל
און דוכנ'ען אייביג, און בעטען אָהן ווערטער:
מעהר שטראַהלען דעם גאַרטען. מעהר שטראַהלען!
אַ ליידיג האַמאַק בעוועגט זיך פּאַמעליך
דאָרט ערגעץ צווישען צוויי אַלטע בעראָזעס,
ער וויעגט ניט דערוועבטע חלומות דער האַמאַק...
שטיל, קיינער זעהט ניט. דו מאַך ניט קיין שהיות
די טאָפּאָלען וועלען עס קיינעם דערצעהלען —
אַ קוש אין די גלאַטע, צוואַרעמטע בעקלעך.
אַ קוש אין די גרויסע, צושראָקענע אויגען
וואָס זענען פיעל שוואַרצער פון קאַרשען. —
זי ווערט כלומר'שט ברוגז און בלאָזט אָן די ליפּלעך,
און ס'לייגט זיך אַ קנייטשעל פון קינדער-עקשנות
צווישען די קינדערשע ברעמען.
דו חאַפּסט זי אַרום און דו מאַכסט זיך ניט וויסען:
אַ קוש אין דאָס ברוגז'דיג מייעלעבעל, אין העלזעל,
אַ קוש דאָרט צווישען די צעפּ, די געדיכטע,
דאָרט איז אַזוי וואַרים, דאָרט איז אַזוי מילד

ווי אונטער אַ טײַבעלשער פֿליגעל...
און לאָזט זי דאַן אָפּ. זי איז מיד, זי איז דורשטיג.
דו קוקסט אָנ'אַזײַט אַזוי תמימות'דיג־רוהיג
און זעהסט נאָר אַ קלײַנינקען, גליהענדען אויער;
פֿערבײַסט דאַן די קושען מיט זאַפֿטיגע קאַרשען
אַ. זיס זענען קאַרשען. געשמאַק זענען קאַרשען.
אַ וועלט פֿול מיט קאַרשען

# שבת-מאטיווען!

## I.

### ווייס-בלאה.

די ערד איז ווייס, דער הימעל—בלאה,
און אין דאס ווייסקייט שפאנט א מענש,
א קליינער, שווארצער מענש,
און דאס בין איך.

איך שפאן פאמעליך — צייט איז דא;
אי דא אי דארט איז ווייס און בלאה,
דער ווייבער שניי פערשרייבט די טריט;
איך גערה!

איך עם דאס ווייסקייט, שלינג און שלינג,
איך טרינק ווי וויין דעם בלאהען רוים;
א! בלאהער, קאלטער, וויין —
פער׳שכור מיך!

נאר ניין, מיין קאפ איז שלאנק און שטייף;
ער מאכט נאר לויטערער דאס אויג,
ער מאכט נאר פרישער דעם געדאנק,—
דער הימעל-וויין.

און נעם איך לויפֿען ווײַם איך ניט
וואו מזרח, מערב, רעכטס און לינקס,
צו איך יאָג נאָך, צו יאָגט מען מיך,
צו לויף איך חאפּען זיך אַליין —
אין ווײַסען סטעפּ...

איך לויף... און ס׳בלײַבט די בלאָהקײַט גאַנץ
און אונבעריהרט דער ווײַסער גלאַנץ,
און ערד און הימעל — פֿול און קלאָר.
און איך בין שווארץ.

זײַ בײדע בלײַבען רוהיג-גרוים,
און קליין און עלענד — איך אַליין: —
א שווארצער פֿלעק, וואָם שאָטענט אָב
דעם ווײַסען פּראַכט...

איך קוק אין ווײַטען האָריזאָנט:
א טאָפּאָל דין ווי שפּינגעוועב,
און איבער איהם שוועבט הויך אראָב—
א צווײַטער פֿלעק.

א צווײַטער, קלײנער, שווארצער פֿלעק,
א פּינטעל טינט אין בלאָהען ים —
אוי חבר, ווארט! אויך איך בלײַב שטעהן,
א שאָד, א שאָד די הארמאָניע
ניט פֿליה אוועק!...

## ביים פענסטער.

### II.

דורך די וויטע, הוילע צווייגען קוקט ארויס די זון,
ווי דורך שווארצע, קונציג-אויסגעפלאַכטענע ווינ'עטען,
און שמייכעלט עפעס אייביגעס מיט קאלטע פורפער-ליפען.
און רויטע, געלבע, פיאַלעטע פלעקען בייטען זיך און שוועבען
אויף די ווייסע רעבער.

עס ברויזט זיך שטאָלץ א רויך, א שלאנקער, גראָהער רויך —
און הייבט זיך לאנגזאם, לאנגזאם. אוי, ווער קען דאס וויסען?
אפשר געהט ער גלייך צו גאָט אליין —
צו גאָט אליין,
איהם — בעגריסען מיט זיין אויסגעשנעטער ערד.

עס ציינדט זיך אָן דער אָריאָן, דער אלטער, קלוגער שטערן
און ווינקט און שיט מיט זיינע אייביג-נייע קונצען:
אָט ווערט ער א סאפיר, אָט ווערט ער א טאפאז,
איין בליק א דימענט, א גרינער, פינקלענדער שמאראגד,
און אין א רגע — ארובין.

דער טעלעגראף ווערט גראָה פון פראָסט און זיינע דראָטען
ציהען זיך אוועק, דערטרינקען זיך אין שאָטען —
און בלייבען דאָרט הענגען אין דער לופטען
ווי פערקיהלטע בלייכע שטראהלען, —
לאנגע, דינע, בלייכע שטראהלען.

טו, טו... וואס איז? עס פייפט אָ צוג ווייט-ווייט,
און קאלט און שען — זיין פייפען ווי דער ווינטער-אווענט,
און צוגעפּאַסט צום אווענד ווי א ניקעל-גלעקעל
צום [illegible].

... א פטרונע ציטערט שטיל, און ס'טריל׳ט ארוים פאמעליך
דער אלטער, ליעבער, מאנאטאנער ניגון,
דער ווינטער אווענד-ניגון,
ער טריפט פון הימעל, פון בעשנעטע דעכער,
פון ווייטע, דארע בוים'לעך, פון דעם פליה פון ראבען:
מען קען איהם הערען, הערען מיט די אויגען, —
מען קען איהם פיהלען, פיה׳לען מיט די לאקען
און קיינמאל ניט גערענקען.

ער קיהלט דאס הייסע בלוט דער ווינטער אווענד-ניגון,
ער בוינט דעם קאפ מיט זיינע לייכטע, קאלטע טענער.
און ווי שטיקלעך פראסט אין פענסטער — פינקלען שטום אין מוח
קליינע, קאלטינקע געדאנקען:
ווי רייך דער וויסער-טויט, ווי ארים איז דאס לעבען,
און מיר ווי בעטלער קלויבען אויף די ברעקלעך,
און פול די טארבעס פיצלעך ברעקלעך שענהייט,
און דאס איז קראפט און ציעל, און דאס איז רייכטהום?...
און אייז — די ברייטע ערד, און שטאל — דער בלאהער הימעל!

# קעגן־איבער.

## סצענעס

אין צוויי אקטען.

---

## פערזאנען:

פרומע די הויכע, די „בעל־הבית'טע",
שרה'לע. ניינצעהן יאהר.
חוה. 26 יאהר.
חיים א לאבוס. 21 יאהר.
מייטע.
רושע.
כריינע.
מאניע.
ארבייטער פון פאבריק.
צוויי יונגלעך.
פארבייגעהער.
דער חתן. וולאדימיר סעגאל (וועלוועל).
די כלה: לידא.
מחותנים אין צילינדערס און מחותנת'עס אין ווייסען.
א קאפ פון אמחותנת'טע.
א קול: פון זאל ארויס.

# ערשטער אקט.

(קומט פאר: אין איינעם פון די יודישע קווארטאלען אין ווארשא.
די צייט: די לעצטע. אנהויב הערבסט)

א נעבעלדיגער אבענד. א טייל פון א ברייטליכער גאס מיט גלייכע שטיינערנע טראטוארען. די עטליכע גאזלאמטערנעם, וואס ברענען דא און דארטען, זעהען אוים אין נעבעל, ווי געלע געשוואלענע פלעקען. אויפ'ן ערשטען פלאן רעכטס: א דריישטאקיגע ווייסע הויז מיט א שענעם ברייט-פונאנדער-געעפענטען איינגאנג. עס זעהט זיך אנ'עק פון אמארמארנער טרעפ מיט א פלושענער פארענץ. דער מיטעלסטער שטאק פון דעם הויז איז מיט גרויסע פענסטער, מיט א ברייטען באלקאן און מיט א גלעזערנער טיר. צום באלקאן איז צוגעשלאגען א שילט מיט גרויסע בעגילטע בוכשטאבען: „זאל איטאליע". די פענסטער און די גלעזערנע טיר פון באלקאן זענען פערהאנגען מיט דורכזיכטיגע געשטריקטע, ווייסע פארהאנגען; און זענען שטארק בעלויכטען מיט בלויליכען גאז פון ליוסטרעס.

אויף דער לינקער זייט גאס — א פיער-שטאקיגער אלטער מויער; ערטערווייז מיט העלע פלעקען פון אבגעפאלענע שמירעכץ. אונטען א שמוציגער, נידעריגער טויער מיט א גרויסען, הילצערנעם הענטיל פון א גלעקיל מיט אנ'אפענעם רונדען טירעל, וואס זעהט אוים, ווי א לאך פון א קאנורע. ווייטער א ביסעל — א פאראדנע טיר. פערמאכט. דער צווייטער שטאק קומט אוים פונקט אנטקעגען „זאל איטאליע". איבער אלע פענסטער פון דעם דאזיגען שטאק זענען אראבגעלאזען געדיכטע, פאסקענע שטאר'עס, וואס זענען השד"יג...

נאָר ס'איז קענטיג דורך זיי, אַז אינווייניג ברענט פייער. די גאַנצע שורה פענסטער פון דריטען שטאָק זענען פינסטער. נאָך דעם דאָזיגען לינקען מויער טיילט זיך אָב אָן אַ זייט אַ פינסטערע, שמאָלע געסעלע. ווער עס געהט אין איהר אַריין און אַרוים, ווערט אַ רגע בעלויכטען מיט אַ געלען שיין פון דער נאָהנטער גאַז־לאַמטערנע.

מיט עטליכע הייזער ווייטער, צווישען ביידע טראָטואַרען, איז צו בעמערקען ניט־דייטליכע, שוואַרצע סילועטען פון קופּעס שטיינער און זאַמד. איבער זיי אַ זאַסטאַווע פון ברעטער, אַ שטאַנג מיט אַ רויטער לאַמטערנע, וואָס וויגט זיך און ווינקט: אַ צייכען די פוהרלייט, אַז מען קען ניט אריבער־פאָהרען. באַלד נאָך דעם ווערט די גאַס איבערגעשניטען אין דער ברייט מיט נאָך אַ גאַס, וואָס זעהט זיך קוים, קוים אין נעבעל. פון דאָרטען גרייכט נאָר אַ גערויש פון פוהרען, און פייערלעך לויפען דורך אַהין און צוריק.

(אין דעם בעלויכטענעם „זאַל איטאַליע" בעוועגען זיך שאָ־טענס אין ווייסען. פון דער שמאָלער געסעלע געהען אַרוים אַ פּאָר מענשען און, מאַכענדיג מיט די הענד, געהען זיי אַוועק אין דער טיפער סצענע און ווערען פערשוואונדען. הינטער דער זאַסטאַווע דערהערט זיך אַ גערויש פון אַ קראַט: „טפּררו;..." באַלד נאָך דעם גרייכט אַ געלעכטער פון מאַנסביל און אַ ניט־צופריעדענע קוויטשערײַ פון ווייבער. אַ קופּקעלע מחותנים בעוויזען זיך אויף דעם רעכטען טראָ־טואַר און געהען צום ווייסען טויער. צוויי יונגלעך לויפען פאָרויס, ווי די באָקען).

1־טער יונגעל: (קוקט זיך אַרום) כי־פי, זיי זענען נאָך ניטאָ!

2־טער יונגעל: געה... דו האָסט מיך אויסגענאַרט.

1־טער יונגעל: ווי איך בין אַ איד... דו וועסט זעהן שפּעטער — אוי, וועלען מיר פייפען!

1־טער מחותן: (רויכערט אַ סיגאַר) דאָס איז אַ הקדמה צו אַ אידישער חתונה (צו זיין דאַמע) פאַסט, אַ?

1־טע מחותנת'טע: שדים ווייסען! גראַד היינט איז אַ

ציינגעפאלען פערריכטען דא דעם ברוק (בעקוקט די שיך מיט גרויס צער), פערשפריצט...

2=טער מחותן: מאדאם, זיי האבען זיך דערוואוסט, אז איהר וועט היינט קויפען ווייסע שיכלעך.

3=טער מחותן (לאכט פעט): גישקשה... די טענץ וועלען אראב גלאט, ווי אויף פוטער. כע=כע=כע... ווי געהט עס דארטען צו: „ושע וואו פרי“, כע=כע...

1=טע מחותנת׳טע (ברוגזליך): א געלעכטער...

2=טער מחותן (פערדרייסט דעם קאפ צום זאל): א פנים, נאך פריה. —

3=טער מחותן: ווי=ושע, אז עס שטעהט, אז די חופה וועט זיין אכט, מסתמא וועט זי זיין אי״ה ארום צעהן.

2=טער יונגעל: מאמע, זעהסט? (ווייזט אויף דעם פינסטערען שטאק, וואס ענטקעגען) דא איז אונזער חדר, מאמע. דו זעהסט? מאמע.

2=טע מחותנת׳טע: גוט איז מיר, גוט (בעקוקט דעם שלייף) אי=אי! היינט וואס וועט נאך זיין, אז מען וועט געהן צוריק?

2=טער מחותן: חתן=כלה וועלען ווערען מאן און ווייב. דערווייל געהט אריין.

(געהען אריין פארוויי אין איינגאנג און הויבען זיך לאנגזאם אויף די מארמארנע טרעפ).

מייטע. (בויגט זיך איין און געהט ארויס פון נידעריגע טויער, וואס צום לינקען מויער אנגעטאן אין לייכטע קליידער מיט א שווערער פאטשיילע. געדיכט אנגעפודערט): דער וויענער בראך זאל זי אוועקלעגען. ס׳איז נאך נישטא קיין אכט, און זי טרייבט שוין אויפ׳ן גאס.

רוזשע (געהט ארויס נאך איהר): וואסי? איהר איז דען קאלט? איהר פייענער פוטער מיט׳ן קאטשיקאוען קאלנער האט זי שוין געהייסען אויסלופטערן... ס׳הייננט שוין גרייט אין שאפע (קוקט אויף דער בעלויכטענעם חתונה=זאל) אהא... ווייטער...

מייטע (קוקט אויך): אט באלד וועט זיך שוין דארטען אנהויבען. (הוידעט איראניש מיט׳ן קערפער) הע=טע=טע=טע=טע... ס׳קעהרט מיר שוין די גאל. אלע נאכט, אלע נאכט...

רוזשע: געלטעלע איז ביי לייטען נענוג...

מײטע: די נארישע כלות... קוצעניו־מוצעניו... פשש... זײערע חתנים׳לעך (געהט אום) זעהסט? (ווייזט אויף דער רויטער לאמטערנע אין דער טיעף סצענע). דארטען מעג מען.

רוזשע: יע, דארטען האט מען בייטאג פערריגלט דעם ברוק. וואסי?

מײטע: אז ביי אונז אין פענסטער איז געהאנגען אזא לאמטערנע, האט זיי דארטען נישט געלוינט (גיט א וויגק צו דעם חתונה־זאל), נישט אנגעשטאנען. „פעטערס", מען קען איך...

רוזשע: א —

מײטע: א פריהער האבען אלע אזוי אויך געוואוסט... און יעצט פריהר, ווי א הונד אויף דער גאס... זוך זיי...

רוזשע (מיט א זיפץ): יא.

מײטע: הכלל, א געוואלד... דער דושאנצע איז געקומען צו לויפען: אי—אי—אי... עס פאסט זיי ניט... עס שאדט זיי צום געשעפט... די מחותנים קרימען זיך... ער וועט דערלאנגען דעם פאליצמייסטער, וועט ער דערלאנגען... (גיפטיג די מחו־ת־נים. —

רוזשע: און ווער וואלט זיי דאן געהערט, אויב פרומע וואלט געהאט פאפירען?

מײטע: או די באבע וואלט געהאט רעדלעך... מען ווייסט. —

רוזשע: און אז זיי וואלטען טאקע דערלאנגט?

שרה׳לע (געהט ארוים פון טויער אנגעטאן אין א שוואר־צען זשאקעטעל. א יונגער שטילער פנים׳ל. א ווייכער קול): צאלעס פאבריק האט שוין געפייפט?

מײטע (כעס): איך האב נישט געהערט.

רוזשע (מיטען צום טאן): ס׳איז נאך נישטא קיין אכט.

שרה׳לע (פערשעמט): איך פרעג דאך מעהר ניט.

מײטע (קרימט איבער): זי פרעגט דאך מעהר ניט... זי האט שוין אויך קיין צייט ניט. דיין חיים׳קע וועט צו דיר אזוי אויך טרעפען. האב נישט מורא. —

שרה׳לע: ווער זאגט איהם? אז די „הויכע גנב׳טע" וויל אוי, עס פורקעט איהר, וואס, זאגט זי, זיצט? דו האסט דאך

שוין אָבגעגעסען... איך בין ניט שולדיג — דו ביסט, זאָגט זי...
(פערלאָפּט זיך).

רוזשע: וואָס זאָגט זי? —

מייטע: (גיפּטיג) נו, נו ווייטער... דו ביזט, זאָגט זי, ניט גלייך צו מייטען און צו רוזשען און צו קרוינען... אַוודאי. (געהט אום מיט רוזשען פאַרביי טויער) מיט אַ יאָהר צוויי צוריק האָט זי מיר דאָס זעלבע גע׳טענה׳ט... אַלע יאָהר קריגט זי זיך איהר „יונגע", מיט ווענען זי שטעלט אַלעמען...

רוזשע: שטעלענייש איהר.

מייטע: (צו שרה׳לען) אין גילען וועט זי דיך אויך אָנהויבען שטעלען... אין גילען ועסטו אויך ווערען ניט גלייך... אין גילען (לאַכט דערשטיקט).

רוזשע: (אומגעהענדיג מיט מייטען. שטילערהייט) לאָז זי... אַ רחמנות... אַך, ביסטו אַ בייזע.

מייטע: ווי געפעלט דיר? אַ זשאַקעטל האָט זי דאָך (קרימט איבער) אַ רחמנות... (געהט אום צערייצט) קאַלט, אַז די כּאָלירע...

שרה׳לע: (שטעהט נעבען טויער און קוקט דאַרשטיג צו דעם בעלויכטענעם חתונה־זאַל) נאָך אַזוי ווייניג געסט. — (צו מייטען און רוזשען) איך וואָלט ביי אייך געוואָלט פרעגען — איהר זענט דאָך פריהער אַרויס — די כּלה איז שוין געקומען אין אַ פאַטעאָן?

מייטע: כ׳ווייס ניט.

רוזשע: ס׳איז ניט אונזער עסק, שרה׳לע.

שרה׳לע: (מיט פערדרוס) קיינמאָל זעה איך ניט, ווי עס הויבען זיך אָן די טענץ. —

אַדורכגעהער (בעווייזט זיך אויף דעם לינקען טראָטואַר און קנייפּט זיך דאָס בערדיל) דער רוח ווייסט, ווי אַזוי איך האָב געמאַכט אַ טעות... געשעפטען. — און ער...

מייטע: (פערלויפט איהם אַנטקעגען און ווינקט) יונגער מאַן?

רוזשע (נאָך איהר) פאַני, פאַני...

דער דורכגעהער: האַ? (קוקט זיי אָן) וואָ־אָס? אַ וועק צו אַלדי שוואַרץ... (פערקירעוועט זיך און ווערט פערשוואונדען אין געטעלע).

מײַטע: (הויך אויפ׳ן קול) גײ אַלײן צו אַלדי שװאַרץ יאָהר... װאַריאַט!

רװשע: אויך מיר אַ שײנהאָץ!

מײַטע: נו, אַט בין איך אַ בײזע... װאָס בילט ער זיך?

רװשע: אַ הונד.

שרה׳לע: איך קען איהם. ער איז אַ בעל־האַלטער... דאָ ניט װײט... ער האָט געמוזט לאַפּען אַנ׳עליה פון „אַלטען“..

מײַטע (מיט אַ שמײכעלע): אַז דו קענסט איהם, פאַר װאָס האָסטו איהם ניט פערורופען?

שרה׳לע: נײן, אַז איך — װאָס װילט איהר...

(רװשע און מײַטע הערען זי ניט און גײען אַ ביסעל אַרויף גאַס. שרה׳לע פערקוקט זיך אויף דעם חתונה־זאַל. אַ פּאָר דורכ־גײער קומען אַן פון רעכטען טראָטואַר און גײען אַריבער די ברײטע גאַס).

רװשע (לאָזט זיך גײן צוריק): פאַני — פאַנאָטשע... (די דורכגײער לאַכען און גײען אַרײן אין געסעלע).

מײַטע (קוקט זײ נאָך מיט שנאה) אין דער ערד מיט די בײנער. —

רװשע (גרױלט) קאַ—אַלט.

מײַטע (לאַפּט זיך פאַר׳ן קאָפּ. קרעכצט אָב)

רװשע: װאָס? שױן װידער אַ מיגרען?

מײַטע (פערדרײסט דעם קאָפּ צום פענסטערען, דריטען שטאָק): די חדר־יונגלעך זענען זיך שױן צוגאַנגען... אַט באַלד נאַכט — יאָ.

רװשע (שלעפּט די טיר): די פּאַראַדנע טיר איז שױן אויך פערמאַכט.

מײַטע: אַ קלאָג צו זײ. װאָס זײ גיבען אַן אַ טאָג. אַרויף די טרעפּ און אַראָב די טרעפּ, אַראָב און אַרויף... אַ קלאַפּערײ, אַ טאַראַראַם. װי מיט העק אין מוח, װי מיט העק... מען קען מיט אַנ׳אויג ניט צו מאַכען. נאָך װעניג די נאַכט...

רװשע: װאָס? זײ שלאָפען זיך דען ניט אויס?

מײַטע: טאָמער װעניג, האָבען זײ נאָך אָנגעקויפט אַזעלכענע פּײַפעלעך. אַ פּײַפערײ. האָב איך זיך צו זײ אַרויסגע׳גנב׳ט, אַז פרומקעלע זאָל ניט זעהן, און געבעטען זיך. אײנער צװישען זײ,

א בוהיי מיט באקענעס, האט זיי עפּיס א שעפּטש געטאָן... און אלע האבען מיך אזוי גענומען אנקוקען, ווי עפּעס א חיה: „טאקע? טאקע?" א מכה זיי. און עפּיס האבען זיי געקראָגען א פּאסקודנעם ווארט. חאראש... וואראך. דער רוח ווייסט זיי.

רוזשע: היינטיגע קינדערלעך זענען נאך בעסער פון די גרויסע.

מייטע: הערסט דאך, און דער עלטערער בוהיי מאכט צו זיי: „וואס שווייגט איהר, חברה? פייפט!..." און ס'האט זיך אנגעהויבען אזא פייפעריי, אז... די גרויסע מגפה האט זיי געקענט אוועקלעגען...

שרה'לע (מיט פערחלומ'טע אויגען): רוזשע, אויף איין רגע'לע... דו זעהסט דארטען אין זאל א הויכע מאדאם—א — אזי אין ווייסען. —

רוזשע: וואו?

שרה'לע: אט... מיט א סיווען געגרייזעלטען קאפּ —

מייטע: נו?

שרה'לע: איך רעכען, אז דאס איז דער כלה'ס אדער דעם חתנ'ס מאמע, א? זי סארווערט.

רוזשע: מילא בכן?

מייטע: פערדרעה זיך דיין קאפּ. (צו רוזשען) וואס שטעלסטו זיך מיט איהר אב? (צו שרה'לען) באלד וועט קומען דיין חבר'טארין... וועט זי דיר אלץ דערצעהלען... זי איז דאך עפּיס א געלערנטע. און שרייבט אמעריקאנער אדרעסען' (נעהמט רוזשען אונטער'ן אָרים און געהט אום) עס ווילט זיך איהר א פּנים זעהר שטארק חופּה-שטעלען... (לאכט גיפטיג).

שרה'לע (גיט א גערע און כאפּט זיי אן; מיט א ציטערדיג קול) זאגט נאר, וואס זענט איהר... וואס ביסטו אויף מיר שטענדיג אין כעס, מייטע? בין איך דען שולדיג?... איך וועל ניט צוגעהן, ווען איינער וועט דורכגעהן... איך וועל זיך אבּ-רוקען אן א זייט, ווען זיי וועלען געהן פון פאבריק... איך וועל בלייבען די לעצטע... (שטיל, פערשעמט) איך וויל זעהן, ווי מען טאנצט דארטען.. כ'וויל הערען, ווי די מוזיק שפּיעלט...

מייטע (קוקט זיך איבער מיט רוזשען, ווייכער.): ווער שטערט דיר? כאטש ביז טאג.

רוזשע: נאַרעלע, װער לאָזט דיך ניט?

שרה׳לע: אַלע מאָל, אַלע מאָל שלעפּט מען מיך אַװעק... פריִהער... קיינמאָל קומט מיר נישט אוים צו זעהן דאָרטען... קיינמאָל נישט...

מיִטע: אַגליק װעט דיר געשעהן, אַז דו װעסט זעהן.

רוזשע: איך קוק גאָר ניט אין יענעם זייט, מײנע דאגות. (אויף דעם לינקען טראָטואַר בעװײַזט זיך אַ שאָטען. שרה׳לע רוקט זיך אָב אָן אַ זײַט).

מיִטע (פערגעהט דעם שאָטען פאָראוים. צו רוזשען): אַהער! (צום שאָטען) פּאַני?

רוזשע: (נאָך איהר) פּאַני...

2-טער דורכגעהער (געגאָלט. אין אַ קאַפּעליוש. קעהרט זיך אָב פון זיי): אַך. ניין, פערצײַהט... (װערט פערשװאונדען אין דער פינסטערער געסעלע).

רוזשע: אַנ׳אָנשטענדיגער יונגערמאַן.

מיִטע: אַזוי גוט, װי אַלע.

(ס׳דערהערט זיך אַ שטאַרקער פייף פון אַ פאַבריק)

רוזשע: (גיט אַ ציטער) קוים מיט צרות...

מיִטע (בעהאַלטענדיג איהר פרייד): די װאוילע יונגען הויבען שוין באַלד אָן צו געהן...

רוזשע: קאַ—אַלט... כ׳װאָלט שוין גערן אין שטוב אַרײַן. (שװײַגט אַ װײַלע) הײַנט בעקומען זיי געהאַלט?

מיִטע: און אַז הײַנט? אַ סך בלײַבט איבער. יאָ. אָט.. אין איין בלױזען שאַל... אַך, פרומקעלע די גנב׳טע!...

שרה׳לע: (שטעהט אין שאָטען פון טויער און לייענט פער׳חלומ׳ט דעם שילט פון חתונה-זאַל) זאַ—אַל... איטאַ—לי—יע... ניין, אי—טאַ—לי—יאַ...

רוזשע: ...ס׳איז נאָך דאָ ערגער... עט. דו װייסט דאָך..

מיִטע: דו מיינסט—חוה? (קוקט זיך אום, צי שרה׳לע הערט ניט; שטילערהייד): הערסטו, איז זי מיר נמאס געװאָרען מיט איהר הוסטען, מיט איהרע דאַרע „הראַבליעס", מיט איהר קוקעלע... פוי!

רוזשע: מען טאָר נישט זינדיגען. נאָר אין אמת׳ן איז דאָך טאַקע אַזוי! שלעכט—און קוקט אויף קיינעם נישט. אַ זכיה נאָך, װאָס זי רעדט מיט שרה׳קען... שלאָפט ניט און רעדט פאַר

זיך און לאָזט דעם אַנדערן ניט שלאָפֿען. (שווייגט אַ ווײַלע) נאָר ניט לאַנג וועט זי דאָ בלײַבען...

מ ײַ ט ע: דו קלערסט אַזוי? אָ! אַ זעלכע לעבען אַוועק..

ר ו ז ש ע: ניין, ניט דאָס... (בסוד) איך האָב געהערט...
איך האָב זיך צוגעהערט, ווי פֿרומע האָט גערעדט מיט'ן „אַלטען"...
איהר פֿערדריסט, וואָס זי האָט זי צוריקגענומען נאָכ'ן שפּיטאָל...

מ ײַ ט ע: און איז גערעכט. שוין דרײַ נעכט, אַז זי האָט קיין געסט ניט געבראַכט.

ר ו ז ש ע: אַ צימער מיט מעבעל, זאָגט זי, וועל איך איהר געבען, דער שמאַטע, זאָגט זי, אַ צימער?

מ ײַ ט ע: וואָרום וואָס טוט זי דאָרטען? הוסט און לײַענט כלומר'שט ביכלעך... דער גאַנצער יחוס—זי איז אַמאָל געווען אויף מאַרשאַלקאָווסקע...

ר ו ז ש ע: ...אויב, זאָגט זי, זי וועט מיר הײַנט ווידער קומען פֿון גאַס אָט אַזוי, וועל איך איהר, זאָגט זי...

(אַ גערויש. פֿון טויער לויפֿט אַרויס קרוינע, שלעפּענדיג פֿאַר'ן האַנד מאַניען.)

**מ אַ נ י ע (אַ זאַטער, טעמפּער פּנים. נעניצט): ...שוין נעפּײַפֿט? מײַטע, צאַלעם פֿאַבריק...**

**מ ײַ ט ע: געפּײַפֿט, געפּײַפֿט...**

ק ר ו י נ ע (צו מאַניען): **זעהסט, רײַזשע, און דו האָסט געזאָגט, אַז מיר דוכט זיך!**

**שרה'לע (צו מאַניען) און וואו איז חוה?**

**מ אַ נ י ע: (געניצט לאַנג און ברעכט זיך) האַ—אַ?**

**ק ר ו י נ ע: (מיט אַ גרימאַסע) חוה פּוצט זיך!... (נעהמט מאַניען אונטער'ן האַנד) קום זײַ געהן אַנטקעגען...**

מ אַ נ י ע: (ווײַזט פֿויל אויף'ן בעלויכטענעם זאַל): **אַ חתונה... (געניצט) אַ ח—תו—נה.**

ק ר ו י נ ע: קום, קום.... (געהען אַרויף גאַס).

**מ ײַ ט ע (קוקט זיי נאָך מיט האַס): ע—ע... פֿערלאָפֿען אַ פֿריהער די גראָבע רײַזשע... און קרוינדעלע, אַ קרײַנקעלע איהר, דרעהט מיט'ן קעפּעלע: ע—ע... דאַכט זיך, זי ווייס, אַז מיר זענען פֿריהער אַרויס. (ס'דערהערט זיך אַ הוסט הינטער'ן טויער) אַהאַ! (טרעט אָב מיט רוזשען נעהנטער צו דער סצענע).**

חוה (נעהמ ארויס פון מויער מיט א פאטשײלע אויף די פלייצעס. מאגער; א לאנגליך דארע נאז. גרויסע איינגעגראבענע אויגען; אנגעפארבט די באקען און אנגעפודערט).

שרה׳לע (כאפט זיך צו איהר צו) אך, חוה — חוה׳לע, זעהסט? (ווייזט אויף דעם בעלויכטענעם זאל) זעהסט, ס׳ארא חתונה ביי אונז ווערט באלד זיין? אט געהען מחותנים...

חוה (שמייכעלט): ביי אונז? (נעהמט פון זיך אראב שרה׳לעס האנד) לאז, שרה...

שרה׳לע. ניין, כ׳מיין אזוי... אין גאס... מיר וועלען אויף זעהן... זי מאג דארטען אפילו צעפוקעט ווערען... (שלעפט חוה׳ן פאר׳ן האנד) כ׳בעט דיך — דו ווייסט דאך — וואס ס׳טייטש אי־טאליע? און, זעהסטו? זאל — איטא—ליע..

חוה: (אפאטיש) דאס איז אזא לאנד, ווייט פון דאנען... דארטען איז אייביג זומער.

שרה׳לע: נו—או? אייביג? דו ווייסט עס זיכער? עס קען ניט זיין —

חוה: א! מיר וואלט דארטען גארניט געשאדט צו וואוינען— נאר... יא, יא, שרה: איך ווייס עס זיכער.

שרה׳לע: און מען געהט אום אזוי, און וואקעטלעך? כ׳בעט דיך, וואס וואלט א שטייגער פרומקע געטאן דאר־טען מיט איהר פייענער רעטאנדע, א? (לאכט).

מייטע: (קרימט איבער שטילערהייד) כי—כי—כי... ס׳קעצעלע האט זיך צעלאכט פאר איהר חבר׳טאריך... פאר וועמען וועט זי לאכען, אז מען וועט איהר ווייזען דעם וועג?...

רוזשע. שא—א... (רעדען צווישען זיך שטילערהייד)

חוה (מיט חשר): וואס ווינקען זיי דארטען, ווי די מאלפעס? (הוסט און כאפט זיך ביי׳ם הארצען)

שרה׳לע (קוקט זי אן מיט רחמנות): ס׳שטעכט? (וולט עפיס וואס צו זאגען) ע—נישט געדארפט נאך אזוי גיך אויסשרייבען זיך פון שפיטאל.

חוה. (ווערט קרענקליך אויפגערעגט) ניט געדארפט, ניט געדארפט... כ׳האב געהערט... און—און איך—פרעג ניט — דו ביסט א נארישע קינד...

שרה׳לע (פערוואונדערט): חוה!

חוה. (בערוהיגט): נו, נו, זײַ אויף מיר ניט ברוגז — איך גין נערוועז... (שווײַגט אַ ווײַלע)... אַז ווי נאָר איך האָב זיך אָנגעהויבען פיהלען אַ ביסעל בעסער, האָט מען מיר גענומען געבען אָנצוהערעניש, אַז אַזוינע, ווי איך, זענען דאָ גענוג... די זיצערקע האָט אײנמאָל אָפּען אַרויסגעזאָגט, אַז „די דאָזיגע" שטופּען אַרויס די אָרימע לײַט... (שטיל ווי פאַר זיך) און דאַן האָב איך מעהר גישט געקענט...

מײַטע: (גערהט אום מיט רוזשען פאַרבײַ טויער) אַ שלים־מזל אויף זײַ! ווי צו להכעיס געהען זײַ ניט... ס'אַראַ פײַכטקײַט!

רוזשע: זײַ זיצען נאָך אין ביר־שײַנקעל. און מאַניטשקע האָט שוין דאָרטען — די גראָבע קלאָץ...

מײַטע: ניש'קשה — ס'וועט אויסדאַרען... (קוקט אַ רגע אויף חוה'ן פון אונטערן שטערן. פלוצלונג) וואָס מײַנען זײַ טאַקע? אויף צופוקעניש קום אַהינצו אויף... (לאָזען זיך אַוועק נעשווינד אין דער טיעף סצענע).

שרה'לע (לעהנט זיך אָן מיט'ן קאָפּ אויף חוה'ס פּלײַצעס): אַז דו זאָלסט וויסען, ווי זײַ שטעכען מיך — דער גוטער ווײַסט זײַ — ניט אויסצורעדען פאַר זײַ אַ וואָרט. וואָס האָבען זײַ צו מיר איך טו זײַ דען עפּיס?

חוה: אַ, איך ווײַס גאַנץ גוט. דיר פערגינען זײַ ניט. און מיך — מיך האָבען זײַ אמת פײַנט. (נאָך אַ קלײַנער פּויזע) און אפשר נאָר דערפאַר זענען מיר בײדע געוואָרען גוט צווישען זיך... לכל הפחות, דו מיט מיר.

שרה'לע: אַך, וואָס רעדסטו? גאָט איז מיט דיר...

חוה. דיר פערגינען זײַ ניט, וואָס דו ביסט פריש, וואָס דו האָסט פולע בעקלעך... וואָס דו האָסט קלײדער, וואָס מען העגנט זיך דיר אויפ'ן האַלז. דו רײצט זײַ. זײַ דערמאָהנען זיך' ווי אַזוי זײַ זענען געווען... פריהער...

שרה'לע (לאַכט קינדעריש־צופרידען): עס קען ניט זײַן און פאַר וואָס דיך?

חוה: (שווײַגט).

שרה'לע (נײַגעריג): פאַר וואָס דיך? פאַר וואָס? ל'בעט דיך...

חוה (פּלוצלונג, דוטפּיג): ווייל אין מיר זעהען זיי דאָס, וואָס מיר זיי וועט זיין ... שפּעטער ... אין אַ פּאָר יאָהר אַרום... דער פּאָר ...

שרה׳לע (שטעלט אויף איהר אוים די אויגען): וואָס רעדסטו? הייסט דאָס, אַז איך ... אַפילו ... ניין, ניין.

חוה (הערט נישט. אויפגערייצט): איך בריה זיי די אויגען. איך בין זיי אַ שפּיגעל. אַ שרעקליכער שפּיגעל!? ניט ווילענדיג זעהען זיי אין מיר דאָס שפּעטערדיגעס ... (מיט כעס) אָה, איך ווייס! זיי האָבען מורא פאַר מיר ... (לאָזט מיט אַ מאָל טרויעריג אַראָב דעם קאָפּ) נאָר אַלץ איינס...

שרה׳לע (בלייך): ערגער דיך ניט, ערגער דיך ניט... (גלעט איהר די האַנד, אין דער טיעף סצענע דערהערט זיך אַ גערויש פון אַ קאַראָט. עטליכע מחותנים באווייזען זיך אויף דעם רעכטען טראָטואַר). דו זעהסט? אָט געהען מחותנים. באַלד וועט מען דאָרטען טאַנצען... פריילינס אין ווייסען, אין ווייסען און קאַוואַליערען מיט בלומען אין די לאַצען... יאָ, חוה?

(די מחותנים ווערען פערשוואונדען אין פאָראַדנעם אײַנגאַנג פון חתונה־זאַל).

חוה: יאָ, שרה׳לע. איך זעה. זיי אויף מיר ניט ברוגז׳ איך בין אַזוי... דו ווייסט דאָך. (טוט זיך אָן אַ כח און שמייכעלט) אָך, יאָ. ס׳וועט טאַקע זיין זעהר אַ שענע חתונה.

שרה׳לע: וואָס, ניט אמת? (בערוהיגט) הער, חוה׳לע, כ׳בעט דיך... אָט באַלד וועלען זיי אָנקומען, די גראָבע יונגען, און איך וועל פערלויפען און באַהאַלטען זיך; דאָ אין געסעלע. אַז מען וועט דיך פרעגען, זאָלסטו זאָגען... ווייסט דאָך וואָס.—

חוה: צו ליעב וואָס זאָלסטו עס טון? קינד איינע! ס׳איז אַזוי פּײַנט.

שרה׳לע: כ׳וויל זעהן, ווי מען טאַנצט דאָרטען, ווי מען שפּיעלט... קיינמאָל זעה איך ניט. מען לאָזט מיך ניט אַב — (מיט בענקעניש) און רוזשע זאָגט, אַז זייגער ניין הויבט זיך אַלע מאָל אָן די חופּה. ווי איך בין אַ אידישע טאָכטער! זי זאָגט. אַז די חופּה שטעהט פונקט אַנטקעגען דער גלעזערנער טיר פון באַלקאָן...

חוה: אָ, קינד איינע, קינד איינע.—

שרה׳לע: מיר װעלען בײדע קוקען. יאָ? דיר װעט ניט זײַן קאַלט? װעסט אָנטאָן מײַן זשאַקעטעל... אָט דעם. —

חוה: נײַן, דו װײסט דאָך, איך שטעה אַלע מאָל שפּעט אױפ׳ן גאַס... אַפילו, אַז ס׳איז אַ פראָסט.

שרה׳לע: אַך, חוה. אין פראָסט... (גיט אַ ציטער) זײַ געהען. געדענקסט?

חוה (גיט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ אױף „יע״. שמײכעלט).

(אין דער טיעף סצענע דערהערט זיך אַ גערױש פון מאַנסבילשע טריט און אַ שטיל׳ר געלעכטער).

שרה׳לע (גיט אַ לאָף צום געסעלע און כאַפּט זיך ־וריק פאַרזיכטיג) חה׳לע?

חוה: יאָ?

שרה׳לע: און װי, אַז קדו װעסט ?אַװײַ? מיעט ז... איך װעל ניט בלײַבען אַלײן. כ׳װעל אױך אַרײַן.

חוה: האָב ניט מורא. מען װעט מיך ניט נעהמען. איך... איך װעל דאָ נאָך שטעהן.

שרה׳לע: (בעהאַלט זיך פלינק אין געסעלע)

חוה: (פאַר זיך. — שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ) נאַרעלע... קײנער װעט מיך ניט נעהמען. (בעקוקט די דאַרע הענד) ניטאָ װאָס... (גלײַכט זיך אױס) נאָר אַלץ אײנס. (הוסט און רוקט זיך אָב אין שאָטען ־ו טױער)

(אױף דעם לינקען טראָטואַר בעװײַזט זיך אַ קופּקעלע ־ר־ בײַטער. די פּנים׳ער פאַרשמירט. די הענד—ברודיגע. ערשט פון פאַבריק. צװישען זײ קרױנע, מאַניע, רױזשע און מינטע. רעדען און לאַכען).

1־טער אַרבײַטער (קיצעלט מאַניען מיט אַ פינגער אין האַלז): העט שױן אױף צו געגעצען. גראָבע!

מאַניע: אַי־אַי! ס׳אַרא קאַלטער פינגער! (רײַסט זיך אַרױס) דײַן קאָפּ ה׳עהטאָג! נישט אױף דײַן קאָסטען עס איך.

2־טער אַרבײַטער (װינקט אונטער): מען װײסט. מען װײסט...

3־טער אַרבײַטער (װײַזט אױף דעם בעלױכטענעם זאַל): און דאָ נאָר מען זױג׳ט זיך. אַ מלאכה! (צו מײַטען) און װען װעסטו חתונה האָבען?

מײטע (חמורע): לאָטש באַלד.

2-טער אַרב.: מײטקע איז בײַ מיר אַ מאַלאַדיעץ! (נעהמט זי אַרום טאַליע).

מײטע (פרעהליכער. דרעקסעלט זיך).. און אַז מען האָט חתונה, טאַנצט מען. אָט אַזוי—אָ. אַ פּאָלקע. (זינגט אונטער) יעדיע, יעדיע פּאַגאָטאָוויע... יעדיע טו אי טאַם, יעדיע דאָקטאַר טאַם... (טאַנצט אַוועק אין טויער, נאָכשלעפּענדיג נאָך זיך מאַניען מיט עטליכע מאַנספּערשוינען).

רוזשע (קוקט איהר נאָך מיט קנאה): אַ נײַע הויט האָט זיך נאָר אויף איהר אָנגעטאָן.— און וואו זענען דאָס די איבעריגע איערע?

4-טער אַרב.: דיר איז ווענינג?

5-טער אַרב.: זענען נאָך געבליבען אין שײַנקעל... שכורין. (קוקט זיך אַרום) און שרה'קע וואו איז? שרה'לע, מײַן גאָלד! שרה'קע!

חוה (קוקט מיט גלעזערנע אויגען אין איין פּינטעל): פערנומען.—

6-טער אַרב.: אַ שאָד.

4-טער אַרב.: אַ, דאָס ביסטו?... (שפּאָטיש) חוהלע? מײַן קרוין! וואָס האָסטו זיך דאָס אַזוי דעם פּרצוף אויסגעווײַסט.

5-טער אַרב.: וועסט דאָך אָנמאַכען אַ יקרות אויף מעהל... (אַ געלעכטער).

4-טער אַרב.: זעהט נאָר, איהר זאָלט אַזוי געזונד זײַן, איהרע הערלעך, ווי זיי גלאַנצען...

6-טער אַרב.: דו שוואַרצט זיי מיט טינט צו מיט סאַזשע?

5-טער אַרב.: מיט סמאַרע-ווידלע... (אַ געלעכטער).

חוה (וויל עפּיס אַזאָג טון, נאָר פערבײַסט אַ ליפּ).

4-טער אַרב.: שטעהט ווי אַ גולם. אַ נפש.

5-טער אַרב.: (שעפּטשעט עפּיס אַרײַן זײַן חבר)... אויף מײַן ערענוואָרט...

6-טער אַרב. (הויך, גראָב): נו—אוי פון שפּיטאָל? טפוי.

5-טער אַרב.: אַ סימן האָסטו איהר געזיל... אַ מאָדנע זאַך מיט איהם! אַראָב—געהט עס, ווי אויף פּוטער, און אַרויף—

פערהאַקט עס זיך... (גיט אומגעריכט אַפיהר מיט'ן פינגער איבער חוה'ס פנים — אַראָב און אַרויף...).

חוה (ניט ווילענדיג. שרייט): הונד, גראָבער יונג, רוז.. (ווערט פלוצלונג אַנטשוויגען).

רוזשע: הערט שוין אויף... אז זיי בינדען זיך צו, קענען זיי שוין גאָרניט אויפהערען.

קריינע: קומט בעסער אַריין, ס'איז קאַלט.

(אלע, א חוץ חוה'ן, געהען אריין אין טויער. א ווײלע הערט זיך דאָס קלאַפּען פון זייערע פיס אויף די טרעפ. —).

חוה (פאַר זיך) און איך בייזער זיך. — אַלץ איינס. — (צערייצט, קריצט מיט די ציינער) און איך פודער זיך נאָך... און טאַקע (ווישט נערוועז די באַקען מיט'ן עק פאַטשײלע) און איך פאַרב מיך...

שרה'לע: (שטעקט פאָרזיכטיג אַרויס דעם קאָפּ פון געסעלע) אַוועק שוין?

חוה. (שטאַרקט זיך און מאַכט אַרוהיגען פנים) אַוועק..

שרה'לע (לויפט צו און נעהמט זי אַרום) אָט איז גוט. אָט איז גוט...

חוה: עטליכע זענען נאָך געבליבען אין ביער־שײנקעל. די װעלען באַלד קומען...

שרה'לע: און זאָלען זיי קומען—און איך מאַרש אין געסעלע... ניטאָ מיך ... ניטאָ ביז נאָך די טענץ ... זיי וועלען ביי מיר היינט ניט אויספיהרען. מייטען מיט רוזשען וועט נאָך זיין דאָס אַטובה ... זיי האָט דאָך שוין דערעסען די טענץ מיט די חופות, וואָס זיי זעהען דאָ אַלע נאַכט. — זיי האָט דעם עסען... כלומר'שט... (מאַכט צו איין אויג. שעלמיש) אָ, איך פערשטעה, איך פערשטעה... זיי פערדריסט... זיי זענען מקנא... און נאָך ווי... זיי מאַכען זיך נאַר ... כ'פערשטעה ... (קוקט אָן חוה'ן) וואָס שטעהסטו אַזוי? (פויזע) איך האָב געהערט, ווי דו האָסט געשריען — „הינד"... דו, דאַכט זיך, אַ? ווער האָט דיך שוין ווייטער געטשעפּעט?

חוה: כ'געדענק ניט...

שרה'לע (אונגלויביג) געדענקט ניט... יאָ. און איך האַלט דערפאַר ... (שטעלט זיך פעסט אָן, מאַכט צוויי פויסטען)

איך וואָלט יענעם דעם מוח געשפּאָלטען...

חוה (שטיל, פּונקט ווי פאר זיך)... איך וואָלט דערפון ניט געוואָרען שענער...

שרה'לע: דו זאָגסט — (קוקט זי אָן דורכדרינגענדיג) אָדער... הער... פרומקעלע האָט שוין היינט אויף דיר עפּיס געבורטשעט?... געזאָגט עפּיס?

חוה (גיט זיך ניט ווילענדיג אַ טרייסעל) ניין. (שווייגט אַ ווײַלע) וואָס? וואָס דאַרף זי מיר זאָגען?

שרה'לע (גיך) גאָרנישט... כ'פרעג אַזוי... דו קענסט זי דאָך!

חוה (שטיל) זי האָט מיט דיר גאָרנישט גערעדט?

(אין דער טיפע סצענע הינטער'ן זאַסטאַווע דערהערט זיך ווידער אַ גערויש פון קארעטען, וואָס שטעלען זיך אָב)

שרה'לע: אָן געהען שוין נאָך מחותנים, אַ—ס—ך...

חוה: איך פרעג דאָך ביי דיר...

שרה'לע (געשווינד) אַ מאָדנער מענש דאָס איז! וואָס האָט זי מיט מיר צו רעדען?! אַהאַ, וויפיעל זיי געהען... אַ חיל אַ גאַנצער, אָ ה—אָ—אָ...

(אַ היבש ביסעל מחותנים — מענער און דאַמען—געהען אַרויס אויף דעם רעכטען טראַטואַר; איילען זיך. און קווינטשענדיג און לאַכענדיג ווערען זיי ביסלעכווייז פערצוואונדען אין איינגאַנג פון ווייסען טויער).

שרה'לע (כאַפּט זיך אַראָב פון טראָטואַר. שטעלט זיך אין מיטען ברוק און ציהט אין זיך די לופט): אַ, ס'אַרא מאכל! חוה, דו פיהלסט?

חוה (פערטראַכט) וואָס?

שרה'לע: שמעק, וואסער...

חוה: אַ? אַך, יאָ... טאַקע...

שרה'לע (קוקט דערשטיג אין די בעלויכטענע פענסטער פון זאַל) כ'האָב אַזוי מורא, אַז פרומקעלע זאָל נישט אַרויסגעהן אָדער חיים'קע זאָל זיך נישט צובינדען.

חוה: אַ מאָדנע זאַך... (גיט נערוועז אַ לאַך)

שרה'לע (גערט צו איהר צו) וואָס איז?

חוה: דיר איז נישט מאָדנע? דאָ, ביי אונז נעסט, און

דאַרטען — געסט. (גיט אַ וואונק אויפ'ן חתונה-זאל) ביידע היסען געסט...

(פון דעם חתונה-זאל גרייפען פריהער ניט דייטליכע אויסגעשריִיען און נאכהער א שטארקער, פרעהליכער אקארד פון א קאפעליע)

שרה'לע: נו, איז וואס פאר אַ וואונדער?... אַי—אַי— מוזיק! מוזיק! דו הערסט? דאס בעגעגענט מען אזוי די געסט?

חוה: מסתמא. (פויזע) ... און אפשר אַט די דאזיגע יונגע לייטלעך אין שווארצע געוועהנטע פרעקלעך מיט די פערקעטטע קעפעלעך, וואס טאנצען דאָ אזוי אַבּט און רעדען גוטשינקע רעדעלעך זייערע „פאניענקעס" דאַרטען ... דאַכען שוין אַכט-צעהן מאל געהאט אזוינע, ווי איך, ווי דו—און גאָרנישט... אפשר דער חתן אליין...

שרה'לע: (מאַכט איהר שעלמיש מיט'ן פינגער) אַז כ'פערשטעה... כ'פערשטעה... חוה'לע, אַ?

חוה: און פון דעסטוועגען שטעהען מיר דאָ אונטען אין דער פינסטער, אין קעלט... און זיי זענען דאָרטען אויבען, און ס'איז זיי ליכטיג און ווארים און פרעהליך — פאַר וואס? (צו שרה'לען—שאַרף) וואס פערשטעהסטו?

שרה'לע: ניט אמת? (בויגט זיך צו איהר צו) דאס האסטו געלייענט אין דיינע ביכלעך, אין די רוסישע... איך פערשטעה, מיט מיר פלעגסטו נאר לעזען די יודישע געשיכטעס. און די רוסישע — דו אליין. פלעגסט זאגען: איך וועל ניט פערשטעהן.— געדענקסט?

חוה (קריינקליך אויפגערעגט) וואס געדענקסטו? קינד איינע. וואס פערשטעהסטו?! פערשטעהסט גאר ניט... (פער-הוסט זיך).

שרה'לע: נו, ניין, ניין... ערגער דיך ניט... כ'האב גאָרנישט געמיינט. (גלעט זי מיט רחמנות און שווייגט אַ ווײַלע) מאַ פאר וואס רעדסטו אלץ אזוי?

חוה (בערוהיגט. שוואך) מיט אַ פאר יאָהר צוריק האב איך אזוי ניט גערעדט — ניט אויסגעקומען...

שרה'לע: נאך איידער דו ביזט ניט געזונד געוואָרען... אז איך בין אהער אנגעקומען, פלעגסטו אַפטמאל זינגען, טאנצען— דו טאנצט דאך אזוי גוט...

חוה. דאָס איז שוין געווען דאָס רעשט פון פריהער...
פריהער! איז דאָס דאַן געווען אַ משוגע'נע ווילדע צײַט. מאָרגנס, אין גאַנצען מיט עטליכע גאַסען ווײַטער פון דאַנען...

שרה'לע. אויף מאַרשאַלקאָווסקע, יאָ?

חוה. אין יענע מקומות.

שרה'לע. קײַנמאָל דערצעהלסטו ניט... מען זאָגט, אַז דאָרטען פלעגען אַלע נאַכט זײַן מאַלצײַטען... און סטודענטען פון װיסשע אוטשעבנע זאַוועדעניעס פלעגען קומען. אַנ'אמת? פון וויסשע אוטשעבנע?

חוה. (האַלב ערנסט, האַלב איראָניש) און אָפּיצערען...

שרה'לע (מיט דתּ׳לות) נו—או? (כאַפּט אָן חוה'ס האַנד מיט היץ) אָפּיצערען? אמת'ע אָפּיצערען? מיט שפּאָרעס? און מיט שווערדען בײַ דער זײַט... אָט ווי די רעוויראָוועס? און זיי פלעגען דיך לאָזען אַרויסציהען עס פון שװ..ד? אַ בלויזער שווערד בליצט אודאי אַזוי שעהן... וואָס, נײַן?

חוה. ס'פלעגט זיך טרעפען. —

שרה'לע. מען דערצעהלט אַפילו, אַז דו פלעגסט דאָרטען טרינקען מאַשפּאַניער... נײַן אַשפּאַניער-ווײַן... וואָס?

חוה. שאַמפּאַניער-ווײַן...

שרה'לע. און דו האָסט טאַקע געטרונקען? (שלעפּט זי פאַר'ן שאַל) מען זאָגט, אַז דאָס האָט אַ טעם פון ליקער מיט זאָדע-וואַסער? אַנ'אמת?

חוה. אַ ביסעל געשמאַקער. ווער האָט דיר דאָס אַלץ געזאָגט?

שרה'לע. רוזשע. זי ווייס. זי זאָגט, אַז דו האָסט אַ מאָל געהאַט דאָרטען אַ סך, אַ סך קליידער, זײַדענע אויך. הימעל-בלאָהע און רויטע, ווי בלוט. אַלע געבלויזטע. אַלע נאַכט, זאָגט זי, פלעגסטו אָנטאָן אַנ'אַנדער קלייד. אַ, איך האָב אַזוי ליעב דעם געראויש פון זײַדענס... שטענדיג, אַז איך דערהער עס, ווילט זיך מיר וועמען ניט איז גלעטען. דאָס דערמאָנט אַ חתונה.

חוה (בעגײַסטערט פון שרה'לעס רייד) נאָר מעהר פון אַלץ איז צו מיר געגאַנגען מײַנע אַ שוואַרצע, סאַמעטענע קלייד—אַלע פלעגען זאָגען... די קלייד איז געווען מיט אַ לאַנגען, לאַנגען שלײַף. דעקאָלטירט; מיט האַלבע אַרבעל מיט קרוזשעוועס, לײַכטע

זי שוים. אלע נאכט, דו הערסט? אלע נאכט האט מען געשפּילט פּיאנע און מען האט געטאנצט ביז צום קאפּדרעהעניש?

שרה'לע. אך, איז דארטען, דארטען האסטו איך דאס אזוי אויסגעלערענט טאנצען?

(בשעת'ן לעצטען דיאלאג עפענט זיך פּאמעליך אויף א האלבע גלעזערנע טיר פון חתונה־זאל, און די צווי יונגלעך גנב'ענען זיך ארוים אויפ'ן באלקאן און פערמאכען די טיר צוריק).

1־טער יונגעל:... די מאמע זעהט ניט, זי עסט טײַגלעך. (קוקט זיך ארום) אן זענען זיי — זעהסט? אהא, וואס?

2־טער יונגעל. וואו? (ביידע שישקען זיך און שטיקען זיך פון געלעכטער). אט ווי די וואס אין יהושוע, טאקע?

1־טער יונגעל. איך וועל דיך דען אויסנארען? האסט דאך מיר געגעבען קנעפּלעך. —

חוה (בעמערקט נארנישט. היציג) און וויפיעל פלישענע טעפּיכען דארט זענען געווען... שפּיגלען פון דער ערד ביזן סטעליע... א מארמארנע וואנע א בעזונדערע... שמעקוואסער פרימע־סארט, אויסלענדישע... מײַן בעט איז שטענדיג געשטאנען אין א ווײַדענעם געצעלט. זי אונטער א שטענדיגער חופּה איז זי געשטאנען. —

ביידע יונגלעך (פלוצלונג) רחב, רחב, ר—חב! (פײַפען)

חוה ⎫ הא?
(ביידע גלײַך) ⎬
שרה'לע ⎭ ווער איז דאס?

1־טער יונגעל (צום צווייטען) שרײַ: „צוויי רחב'ס". שרײַ!

ביידע יונגלעך. צוויי רחב'ס, צוויי רחב'ס... (פײַפען)

שרה'לע. זעה... חדר־יונגלעך, פון דאנען.

א קאפּ פון א מחותנת'טע (רוקט זיך האסטיג ארוים פון דער גלעזערנער טיר) וואס פאר א קעהרען די וועלט, א? וואס פאר א פײַפערײַ? אהא? אן פאלטענס ארויסגעלאפען? טײַערע יונגעלעך! אהן פאלטענס? אט געה איך דערצעהלען דער טאטען, אט געה איך...

(דער קאָפּ רוקט זיך צוריק אַריין. בײדע יונגלעך לויפֿען געשווינד אַריין אין זאַל. די גלעזערנע טיר פֿערמאַכט זיך)

שרה'לע. דאָס האָבען זײ געמײנט אונז? נאַ דיר נאָר אַ מיטען ד'רינען. —

חוה (שווייַגט)

שרה'לע: אַ מאָדנער וואָרט. — דיר זעהט ניט אויס דאָס, וואָס זײ האָבען געשריען, ווי עפּיס אַ פּלאַטשיגע זשאַבע, מיט אַ ברייטען פּיסק אַזאַ, וואָס שמייכעלט... מיט קײַלעכיגע, אַרויסגע־שטעקטע אויגען, אַזוינע גרויסע... ניין? אוי בין איך אויף זײ אין כעס. —

חוה. אַט, שרה... ס'איז דאָ נאָך שענערס. שענע ווערטער הערען מיר גענוג...

שרה'לע (פֿערמאַכט איהר דעם מויל) שווייַג, שווייַג, דערמאָן ניט... דאָ אַנטקעגען איז יעצט אַ חתונה. אַלע זענען אין ווייַסען, אין ווייַסען... פֿערשטעהסט? (פּלוצלונג, מיט התפּעלות). אַך, זעה! זעה, וואָס איז דאָרטען! זעה!

חוה (הויבט אויף רוהיג די אויגען צום זאַל) די חופּה. (ווי פֿאַר זיך) יעצט איז דאָ אַ חופּה...

(אַנטקעגען דער גלעזערנער טיר פֿון באַלקאָן בעוועי־זען זיך שטאַנגען מיט אַ רויטער פּלאַכטע איבער זײ, שאָטענס פֿון מחותנים רינגלען עס אַרום מיט אַ סך אָנגעצונדענע ליכטלעך).

שרה'לע (אויף די שפּיצען פֿינגער) די חופּה, חופּה, אָט לײַענט עפּיס איינער מיט אַ לאַנגער באָרד... דער רב, אַפּנים... עס זעהט זיך ניט דײַטליך. (דורשטיג) אַך, פֿאַר וואָס האָבען זײ פֿערהאַנגען די שויבען מיט פֿאָרהאַנגען?... פֿערגינען ניט, טאָמער וועט אַ פֿרעמדער אויך זעהן, פֿערגינען ניט... דאָ איז אַלץ אַזוי! און בײַ אונז אין שטעדטיל, אַז מען האָט געשטעלט אַ חופּה, איז עס געוועזען אין בית־מדרש, און אַלע האָבען געמאָגט קוקען. — זעה, איינער אין אַ צילינדער האָט זיך דאָרטען איינגעבויגען... דאָס איז געוויס דער חתן...

חוה (רוטפּיג) דאָס טוט ער אָן דעם פֿינגערל.

שרהלע: די כלה זעה איך ניט, די קלײנטשינקע.

חוה: אַ קלײנטשינקע? ווער האָט דיר געזאָגט?

(ס'דערהערט זיך א פרעהליכער „וויוואט” פון ארקעסטער.)

שרהלע (מיט פערדראס): אך... שוין, מען צענעהמט די חופה, מען פערלעשט די ליכטלעך... מען צענעהט זיך... אט שיט מען זיך מיט פאפירעלעך, זעה רויטשינקע, גרינינקע, בלאהינקע, א סך, א סך פאפירעלעך... מען לאכט. איינער האט זיך עפיס געשטעלט אויף א שטול... ער האלט א כוס אין האנד, א גלעזערנעם... מיט וויין, מיט וויין... רויטער וויין. ער זאגט עפיס... זעה, אלע פאטשען מיט די הענד...

(ס'גרייכט א ניטדייטליכער גערויש פון אויסגעשרייען און אפלאדיסמענטען).

שרהלע (דארשטיג): דו הערסט?

חוה (מיעד): איך הער. (הערט זיך צו) די איבעריגע געהען פון שיינקעל...

(אין דער טיעף סצענע דערהערען זיך טריט).

שרה'לע (ווערט פלוצלונג קינדעריש אויפגערעגט):... און דוקא ניט! אויף צעפוקעניש. (וויל לויפען).

חוה (כאפט זי אן): גענוג וועט דיר שוין זיין, נעה... קינד איינע. דו קענסט בעסער—דיר זאל זיין ווארים. צוליעב וואס?... וואס עפיס גראד היינט האט זיך דיר פערוואלט?

שרה'לע: די טענץ, די טענץ... (אנטלויפט אין געסעלע ארייין).

(נאך דריי ארבייטער געהען צו. שכור'ע).

1=טער ארבייטער (קריכט אן אויף חוה'ן מיטן שכור'שן פנים): הם?... חא—חא...

2=טער ארבייטער (שלעפט זי ביים שאל): די חברה איז שוין געווען דא?... ארייין? ארייין?

חוה (נערוועז) כ'ווייס ניט...

3=טער ארבייטער (א גראב קול): שרה'קה איז דארטען? דארטען שרה'קע?

חוה: כ'ווייס ניט.

1=טער ארבייטער (קרימט איבער מיט א באס): כ'ווייס ניט, כ'ווייס ניט... כ'ווייס ניט... (שאקעלט זיך).

2=טער ארבייטער (ווינקט אונטער צום דריטען): חוה'קע קום.—(נעהמט זי אונטערן ארעם) קום, א?

חיה (קוקט זי אָן מיט שרעק): ניין, עיהר—(קוים-קוים) איהר לאַכט.

3-טער אַרב.: וואָס זאָגסטו? קום.

חוה: איהר... לאַכט.

?-טער אַרב: וואָס פאַר אַ טענות? געגאַנגען. נו!

חוה (שטיל. מיט הכנעה): נו, קומט... איך זאָג דאָך ניט... (לאָזט זיך געהן):

3-טער אַרב.: (שטויסט זי אָב מיט אַ גראָב געלעכטער און לויפט אַריין אין אַ טויער. נאָך איהם דער 2-טער.)

1-טער אַרב. (שאָקעלט זיך): כאָ—כאָ—כאָ פישלא, פער-שטאַנען?... פסיאַ-קרעוו... הם? (געהט אויך אַריין).

חוה (כאַפט זיך מיט ביידע הענד פאַר'ן קאָפּ און בלייבט אַ ווײַלע שטעהן פערגליווערט, אָנגעשפאַרט מיט'ן רוקען צום וואַנד פונ'ם טויער. נאַכהער גלייכט זי זיך אוים, קוקט זיך אַרום און ניט אַ מאַך מיט דער האַנד): נו, אַלץ איינס, אַלץ איינס... גענוג, גענוג. נעכטן וואָלט זי מיר שוין אויך געזאָגט... די פער-שאָלטענע... (שטיל ווי פערחלומ'ט) דער הייסעל איז טיעף טיעף, טיעף... טי—יף.—

עֶנדע ערשטער אַקט.

# צווייטער אקט.

(אין 5 מינוט ארום)

די זעלבע דעקאראציע, ווי אין ערשטען אקט. אין „זאל איטאליע" געהען טאנצען. ריזיגע שאטענס פון הענד גיבען זיך דארטען אלע ווייליע א הויב, באלד דערהערען זיך אפלאדיסמענטען, און די מוזיק גיט א לאפ אונטער „א וויוואט" און ווערט אנטשוויגען. פון דער רונדער, אפענער טירעל, וואס צום לינקען, געהען ארויס א פאר מענשען, און א פאר געהען אריין.

חוה. (שטעהט, ווי א פערגליווערטע, אנגעשפארט מיט'ן רוקען צום טויער און בעמערקט קיינעם ניט).

מייטע. (לויפט ארויס פון טויער אהן א פאטשיילע, בײדע הענד אונטערן קאפטעל, קוקט זיך ארום). און וואו איז זי?

חוה. (ניט א ציטער און גלייכט זיך אויס) הא?

מייטע. (קרימט איבער) הא—הא? — שרה'קע דיינע וואו איז? מען דארף זי דארטען האבען... נויטיג... פרומקעלע זיצט און בראט.—שומרים דארף מען נאך זיין ביי איהרע שרה'קעס. צרות איהר!

חוה. (קוקט זי אן אנגעשטרענגט) פרומע איז זעהר אין כעס?... אויף שרה'קען?

מייטע. מען פרעגט דאך ביי דיר עפיס?

חוה. שרה'קע? זי איז — כ'ווייס ניט. לאז מיך.

מייטע. (מיט א בעהאלטענעם קוועטש) איך לאז דיך, איך לאז דיך... (געהט אין טויער) זאל זי אליין געהן און זוכען זי, אויב זי דארף—(ווערט פערשוואונדען).

חוה. (קוקט איהר נאך) ... נו, אלץ איינס. — (פארזיכטיג) שרה, שרה!

שרה'לע (איהר שטים הערט זיך פון געסיל) כ'בעט דיך, חיים, לאז מיך יעצט אב.

חיים. (געהט ארויס פון געסעל, האלטענדיג שרה'לען ביי

דער האַנד. די היטעלע אויף אַ זײַט. מאַכט ברײַט מיט'ן פינגער) אַ
כ'וויל ניש—וויסען ...

שרה'לע (רײַסט זיך פון איהם אַרויס) און איך וויל ניש
נעהן. (לויפט צו צו חוה'ן) איך שטעה דאָ מיט חוה'ן. איך דאַרף,

חיים. (גערט צו צו חוה'ן לאַבוסדיג, מיט אַ זײַט): זאָג
נאָר, פײַפּע, דו רעדסט איהר דאָס צו? (גיט איהר אַ שרויף מיט'ן
קלײַנעם פינגער אונטער דער נאָז) מײַנט'ס ניש—אַנ'זאַ תרנגלת...
כ'גיב דיר באַלד—אַ—אַ כמאַל און אַ שיט אויס דײַן זעקיל בײַנער
אַז „סמענטאַזשעס" וועלען דאָס קלײַבען אויף צוקער. — וואוהין
קוקסטו? איך רעד דאָך מיט דיר!

שרה'לע. מאַך דאָ ניט קײַן שטיק, חיים.

חוה. (קוקט אויף איהם רוהיג).

חיים. וואָס קוקסטו מיך אָן מיט דײַנע קעצישע שפּאַקטי־
װעס? סט'מיך נישט—דערקענט (אַרײַן אין סעריאָז. כאַפּט זי אָן
און טרײַסעלט) דו קענסט מעך? (העכער) איך פרעג דיך: דו
קענסט מעך?

חוה. (קאַלטבלוטיג) לאָז.

חיים. (אַנגעריהרט) חיים־קישקע קענסטו? ס'געהערט פון
חיים־קישקען?

שרה'לע (שפּאָטיש) פ־ש־ש־ש—

חיים. (קלאַפּט זיך ענערגיש מיט'ן פינגער אין האַרצען,
הויך אויפ'ן קול) ס'בין איך. אי—איך! (נאָך העכער) ס'בין
אי—איך!

שרה'לע. אָ־חאַ, אַ העלד אין גאַטקעס!

חיים. (נעהמט זיך צו שרה'לען) און דו אויך? זאָג נאָר,
קאַסמאָרע, דו אויך? דו ווייסט, אַז איך האָב אָט אַנ'זאַ (שטרעקט
אויס אײַן האַנד און קלאַפּט אויף איהר מיט דער אַנדער האַנד)
אָט אַנ'זאַ!

שרה'לע. אָי—אָי, ווי פאַר אַ יאָהריגען שניי...

חיים. (אויפגעבראַכט) דו ווייסט, וואָס אין כאָלעווע ליגט?
(פּאַטשט זיך אין שטיוועל) אין כאָלעווע!

שרה'לע. אַ שקאַרפּעטקע. — נאָך מיט אַ לאָך. —

חיים. (כאַפּט אַרויס פון כאָלעווע אַ מעסער און ניט מיט
איהם אַ בלאַנק)

שרה׳לע (גיט זיך א טרייסעל) אי, א דונער!

חוה. (שטעהט רוהיג).

חיים. (צופרידען פונ׳ם עפעקט) אז קאסטארע, מיינט טאקיזש. —אט שוין, נו! א הויב די פיסלעך און געגאנגען.

שרה׳לע. (צעשראקען) חיימ׳קע, כ׳בעט דיך...

חיים. כ׳וויל נישט וויסען.

שרה׳לע: געה יעצט אוועק; א גאסט דארף קומען... (שטילער־הייד) מיט פייאימ׳ס... ס׳טקריגען א פאר גילען—קום שפעטער...

חיים. (לאבוסדיג) א פאנ׳ל׳ן (בעהאלט דעם מעסער) געדענק, איך געה יעצט אוועק פ׳ס׳עסען (לאזט זיך געהן) קאסטארע, אבער געדענק! (ווערט פערשוואונדען אין דער טיעף סצענע.)

שרה׳לע. אזא לאבוס—וואס?

חוה. נישט׳קשה זיך...

שרה׳לע. (מיט פערדראס) דו ווייסט, ער איז גאר ניט אזא שלעכטער... ער דרעקסעלט זיך נאר אזוי—וואס ניין? אט מייטע׳ס און רוזשע׳ס יאטען... וואשנע בעשיצער! געהמען צו ביי זיי ביז א גראשען, און אפט מאל נאך—(שטיל) מיט די פויסטען. מיט די פויסטען... ס׳געהערט, ווי מייטע האט ביי זיך אייערנעכטען געוויינט ס׳געהערט!

חוה. כ׳האב דיר פערגעסען זאגען, מייטע איז דא געוועזען פרומקעלע זוכט דיך—זי איז בייז.

שרה׳לע. בייז? נו זאל זי זיין בייז!.. איך פעהל איהר אבער, א? — זי וועט שוין מסתמא באלד ארויסלויפען מיט איהר רעטאנדע. נעכטיי וואלט זי אמאל קראנק געווארען! כאטש אויף איין נאכט, אויף היינטיגער נאכט, אט וואלט געווען גוט! — ניין, זי איז געזונד ווי א שטיין.

(פון חתונה־זאל דערהערט זיך א פרעהליכער „וויוואט“).

שרה׳לע. (טרויעריג) דא איז יעצט דער מאלצייט. די מחותנים האבען צייט. שווער געהט ביי זיי צו די טעניץ. (שווייגט א ווייל) עס שאדט איהר, אז איך שטעה אמאל אין א יאהר אויפן נאס, אנ׳איבעריגע שעה. און חיימ׳קע, ער אויך! ליידען קען איך איהם ניט...

חוה. און ניט לאנג הָאָסטו מיר געזאָגט, אז דו האָסט איהם שרעקליך ליעב; אַ, שרה'לע?

שרה'לע. שרעקליך ליעב ... ניין, כ'ווייס ניט, כ'ווייס ניט. ביי זיי קומט אַלץ אויס בעסער, איידעלער ... (ווייזט אויפ'ן חתונה־זאַל) אַז דו וואָלסט וויסען! איך האָב דאָך געזעהן דעם חתן מיט דער כלה, וואָס האָבען דאָ היינט חתונה. איך ווייס אויף געוויס, אז דאָס זענען זיי. היינט ביי טאָג האָב איך אויף אַ רגע אַ קוק געטאָהן דורכ'ן פענסטער. זעה איך, אַז אָט די גלעזערנע טיר פון באַלקאָן איז אָפען. די בעדיענער האָבען אינוועניג געפוצט די סאַמעטענע בענקלעך. רויטע בענקלעך אַזוינע. — צוויי זענען דאָרטען אומגעגאַנגען און בעקוקט. נאָכהער זענען זיי אַרויס אויפ'ן באַלקאָן. וועסט דאָך ניט גלויבען — דאָס זענען געווען חתן־כלה. כ'האָב אויפ'ן שטעל פערשטאַנען פון זייער שמייכעל... ער איז אַזאַ שענער, מיט געגרייזעלטע האָר, שוואַרצע, ווי סמאָלע...

חוה. (גיט שטיל אַ ציטער) געגרייזעלטע? — מען זאָגט: מיט אַ געגרייזעלטען מאַך נישט קיין שותפות.

שרה'לע (מיט חשק) העֶר זיך צו... ער האָט איהר עפּיס אַ שושקע געטאָן, און זי האָט איהם געמאַכט מיט'ן פינגער צום נאָז... ער האָט זיך אומגעקוקט, צו די בעדיענער... כי־כי, ער האָט געמיינט — קיינער זעהט ניט. ער האָט אַזוי פאַמעליך אַראָבגעצויגען פון איהר הענטעל די הענטשקע, אַזאַ קליינינקע הענטשיקע — און האָט זיך איינגעבויגען... ער איז אַ הויכער, און זי — אַזאַ ווייסינקע, אַ יונגינקע.

חוה. און ער איז אַ הויכער?

שרה'לע. אַ, זעהסט, ביסט אויך מקנא... דו אויך. טרעף וואָס ער האָט געטאָן, אַנו? (ווי בסוד) ער האָט איהר אַ קוש געטאָן, אַ קוש געטאָן אין האַנד. אַלע „ריסטאָקראַטען״ קושען אין האַנד, אַנ'אֶמת? זי איז רויט געוואָרען. זאָל איך אַזוי געזונד זיין, ווי איך האָב געזעהן מיט מיינע אויגען. מיר איז נאָכדעם געוואָרען אַזוי אומעטיג, אַזוי אומעטיג. פרומקעלע איז צו מיר צוגעגאַנגען, גענומען מיך שלעפען אין זאַל, בעסער געהן זיך אויסשלאָפען, איידער קוקען אין מיטען העלען טאָג אין פענסטער... אוי, ווי מיר האָט זיך גע'חלש'ט אָנשפייען איהר אַ פולען פנים!

חוה. (רייבט זיך נערוועז דעם שטערן).

שרה׳לע. און דערפאר ווילט זיך מיר היינט אזוי זעהן, ווי עס געהט דא צו זייער חתונה, עפּיס ציהט מיך אזוי... איך ווייס אפילו, ווי ביידע הייסען... וואס קוקסטו אזוי?

חוה. (רעדט פלוצלונג) שרה, וואס ועט זיין, אז איך וועל מיט אמאל... שטארבען?

שרה׳לע. וואס איז דאס פאר א ווערטער?

חוה. זעהר איינפאך... מיט אמאל: וואו איז חוה? ניטא חוה! ניטא... (גיט א לאך אין זיך).

שרה׳לע. (שטעלט אוים גרויסע אויגען) ח-ו-ה? איז יענץ טאקע אנ׳אמת? און איך האב געמיינט—

חוה: נו-נו. נארעלע, דאס לאך איך—גלאט אזוי; די האט שוין מורא. (שטרענגט זיך אן) דו האסט געמיינט? וואס האסטו געמיינט?

שרה׳לע (נעהמט איהר האנד): חוה, די ווייסט, אז דו רעדסט פון שלאף?

חוה: איך?

שרה׳לה: דו.

חוה: ס׳האט זיך דיר אויסגעדוכט.

שרה׳לע: די ווענטיל צווישען אונזערע ביידענס צימערן איז זעהר דין. מען הערט אפילו דעם אטעם; אז עס איז שטיל...

חוה: נאר דו! אז... אז זינט איך בין ארויס פון שפיטאל שלאף איך ניט גאנצענע נעכט.

שרה׳לע: איז רעדסטו דאס אזוי? ניט פון שלאף?

חוה (מבולבל): וואס אזוי? קינד איינע. רעד, אז די רעדסט.—

שרה׳לע: נו, זאג אליין, איינמאל קען זיך אויסדוכטען. אבער עטליכע מאל? זאג אליין. דו ווייסט, דעם לעצטען מאל האב איך זיך זעהר דערשראקען... כ׳האב זיך איינגעהאלטען ניט צו שרייען. גלויבסט ניט? כ׳קען דיר שווערען. אלע זענען זיך שוין יעמאלט צעגאנגען. ס׳איז געווען אודאי פיער אזייגער ביי נאכט. די „הויכע" האט שוין אומעטום צעלאשען די לאמפען ו פינסטער. ליג איך אזוי און שלאף ניט. מיר דאכט זיך, אז דו קרעכצסט. פלוצלונג הער איך, ווי דו טוסט א לאך אזוי מאדנע... שטילערהייד און דערנאך— (ניט א ציטער און שטעלט זיך אב.)

חוה (שטיל): דערנאָך?

שרה׳לע: דערנאָך. „דער ווייסעל איז טיעף—טיעף—טיעף... דער ווײַסעל איז טיעף—טיעף—טיעף"... און ווידער א לאַך—

חוה: אט דאָס גאָר? (לאַכט ניט נאַטירליך.)

שרה׳לע (אונגלויביג) דאָס איז גאָרנישט, חוה?

חוה: כ׳ווייס וואָס. איינמאָל גייע איך אַזוי איבערן אײַזערנעם בריק פון „פראַגע". טו איך א קוק אַראָב אין וואַסער... דער קאָפּ האָט מיר ווייה געטאָן. גיט מיר עפּיס אַזוי א שווינדעל... קלער איך: און ווי איז, אז דער בריק פאַלט מיט אַמאָל איין... דרומעלט זיך מיר פון דאַן אָן עפּיס... אין שלאָף, אז א גוי שלעפּט מיך אין ווייסעל אַרײַן... אַט וואָס.

שרה׳לע: און איך האָב געמיינט—גאָט ווייס וואָס. כ׳האָב געמיינט, אז דו ווילסט עפּיס שלעכטס טון.

חוה (קוקט זי אָן אָהן בעוועגונג).

שרה׳לע (מבולבל): ווײַלע זי איז אויף דיר אַזוי... אָנגעבלאָזען, ווײַל דו פערדינסט ניט—פּטור נו, בײַ מיר אויך... ס׳טרעפט זיך... און בײַ קרוינען און—און בײַ מײַטען אויך... בײַ אַלעמען—

חוה (גלעט זי) טרייסט מיך ניט, מײַדעלע, טרייסט ניט—

שרה׳לע: זאָל איך אַזוי געזונד זײַן—.

חוה: איך טרייסט זיך אַליין ניט. טאָמער ניט הײַנט, איז מאָרגען, זאָגען מוז זי מיר.—

שרה׳לע: א ליגען, זי וועט ניט זאָגען, זי וועט זיך ניט דערוועגען... (שווײַגט א ווײַלע) און דאָס, וואָס זי האָט פון דיר פריהער געהאַט? זי דערצעהלט דאָך אַליין...

חוה: אָה, פריהער! (קריצט מיט די צײַהן) דו ביסט א קינד! שענערע מענשען, ווי „פרומע די הויכע", האָבען פערגעסען, וואָס פריהער—שענערע מענשען... (פערהוסט זיך)

שרה׳לע: אַט וועסטו זעהן, זאָל זי נאָר פּרובען. מײַן חיים וועט ניט דערלאָזען, ער האָט חברה, איך וועל איהם בעטען... וועסט זעהן.— אָ, ער האָט חברה!

חוה: אַלץ איינס, פון דאַנען איז נאָר איין וועג פאַרהאַן—

שרה׳לע: (דערשראָקען) וואָהין?

חוה: אהינצו... וואו מען פערדינט א פערציגער א מוני־לעט און דערנאך נעהמען עס אב די לאבוסעס... דא בין איך שוין אוים סחורה... אין „סטארי גאראד"—יא.

שרה'לע: אך דאס?—ניין, ניין... זאל גאט היטען!

חוה: גאט האט שוין פערהיט.— (נעהמט דעם פנים אין ביידע הענד) אז איך בין געלעגען אין שפיטאל, האב איך א סך געקלערט. קיינמאל האב איך אזוי פיעל ניט געקלערט, גאנצע טעג, גאנצע נעכט...

שרה'לע: א שענע מלאכה, מען קען דאך פון זינען אראב!— און דיינע ביכער... די רוסישע, מיט די רימענע רוקענס? עפיס זעהט מען זיי ניט...

חוה: א, די ביכער? (גיט א לאך) זיי האב איך צעפליקט, צעפליקט...

שרה'לע: (הויבט מיט די פלייצעס).

חוה: נאר סיי ווי סיי לאזט מען ניט לייענען אין שפיטאל. דער דאקטאר פערוועהרט. דאס שאדט צום געזונד, פערשטעהסטו מיך... דערפאר אבער טראכטען—ווער קען דאס זעהן, ווער קען דאס פערוועהרען? (קליינע פויזע)... דעם ערשטען צינגעל איז נאר געווען שווער ארויסצונעהמען. און דערנאך האט זיך שוין איטליכער גענומען גרינגער, גרינגער, ביסלעכווייז. יעצט איז מיר גארנישט געבליבען; גארנישט, גארנישט...

שרה'לע: מען קען זיך פארשטעלען—אנקומען פון מאר־שאלקאווסקע אהער, וואס עס קען שוין בלייבען... אבער א מענש מוז מען זיין... נאר זיין א מענש...

חוה: (הויבט אויף איהר אויף די אויגען, שמייכעלט טרוי־עריג) אך, ניט דאס, ניט דאס... מיידעלע מיינס. מיינסט, א דארטען איז מיר טאקע געווען גוט? פרעהליך?... דארטען האט מען נאר ניט געלאזען זיין אומעטיג, מען האט טאג־טעגליך ניט געלאזען.—אבער אין אמת'ן—

שרה'לע: וואס רעדסטו? און די אפיצערען און—און מאש פאניער־ווין?...

חוה: אפילו ניט די פלישענע טעפיכען, ניט די שפיגלען, ניט די זיידענס, ניט די פארפומען... איך האב זיך נאר געמאכט פרעהליך, אדער אז דער קאפ פלעגט זיך פערדרעהען, פלעג איך

פֿערגעסען... (אָטעמט שווער) איך וועל דיר זאָגען איך וועל דיר זאָגען... איך האָב געהאַלוט פֿרעמדע, ווילד פֿרעמדע און געקלערט וועגען איהם... געטרונקען ווײַנען און ליקערען מיט סטודענטען און אין אמת'ן מיט איהם, נאָר מיט איהם... פֿער־שטעהסט? נאָר מיט איהם... איך פֿלעג נאָר דאַרפֿען פֿערמאַכען די אויגען. —

שרה'לע (מיט חשק): אַה, איך פֿערשטעה, װאָס דו מײנסט, איך פֿערשטעה.—און אַז מען עפֿענט אויף די אויגען, זעהט מען עפּים פֿרעמדע פּנים'ער... אָפּטמאָל נאָך שכּור'ע, מאוס'ע... און עס ווערט אַזוי ניט גוט.—

חוה (האַלב־איראָניש): און וועמען—דו? וועמען האַלוסטו, אַז דו פֿערמאַכסט די אויגען? חיים'ען?

שרה'לע (שטאָלציג): פֿון יעצט אָן—דעם געגרײַזעלטען חתן, וואָס איך האָב דאָ געזעהן—און פֿריהער... פֿריהער שטענ־דיג דעם פּרינץ אַלברעכט, ער שטעהט מיר, ווי אַ לעבעדיגער פֿאַר די אויגען...—

חוה (פֿערוואונדערט): וואָסער פּרינץ אַלברעכט?

שרה'לע: ע! ט'שוין פֿערגעסען. (דעקלאַמירט)... און דאַן האָט דער פֿערצווייפֿעלטער פּרינץ אַלברעכט געטאָן אַרויסכאַ־פּען זײַן גאָלדענעם דאָלך פֿון דער זילבערנער שייד און מיט די שנעלקייט פֿון אַ בליץ געטאָן עס אַרײַנשטעקען אין דער ברוסט פֿון דעם אַלטען פֿרידריך, וואָס האָט אַוועקגערויבט זײַן הײס־געליבטע דאָלאָרעס..."

חוה: אַ, דאָס האָסטו געלעזען אין דער „בלוטיגער ראַכע".—

שרה'לע (פֿערשעמט): און וועמען דו? וועמען האָסטו געמײנט? איך האָב געמײנט, אַז דאָס איז אײנער פֿון דײַנע—פֿון דײַנע ביכער, אַן'אַנדערער...

חוה: אי, נאַרעלע. (קלײנע פּויזע) אַז איך בין געווען אַ יאָהר עלטער פֿון דיר, האָב איך געהאַט אַן'אײגענעם פּרינץ, ער האָט געהאַלטען עקזאַמענס אין יענער שטאָדט, וואו איך האָב געאַרבײַט.—

שרה'לע: דאַן? אַז דו ביסט געווען אַ מאָדיסטקע? אין דער ליטע?

חוה (גיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ): אַלע פֿאַרנאַכט פֿלעגט ער

אויף מיר וואַרטען אין בולוואַר... און איך—אוי בין איך געווען נאַריש, אַזוי נאַריש!—איך געה, דאַכט זיך, צו זיך אַהיים, צו זיך אין צימער, און פערגעה אין גאַרטען אַריין... צו יענעם בענקעל, וואו ער זיצט... און דאָס האַרץ קלאַפּט מיר אַזוי, קלאַפּט...

שרה׳לע: דאָס איז ביי אייך געווען א ליעבע? אַ יאָ? אַן׳אֶמת׳ע ליעבע?

חוה: צו די פיס איז ער געלעגען (גיפטיג), ווי אַ הונד... נאָך ווי.—איך זאָג איהם, אַז מיר זענען ניט קיין פּאָר, אַז איך בין אַ פּראָסטע נייטאָרין, און ער: „אָהן דיך קען איך ניט לעבען" און אָט נעהמט ער און פערוואַרפט דאָס לערנען און אלץ, און הויבט אָן טרינקען בראַנפען... א פערציטערטע פלעג איך ווערען.— איך זאָג איהם, אַז איך בין אָרים, אַן׳אָרימע יתומה, און ער: „אַלע מענשען זענען גלייך ביי אַ געבילדעטען, אָרים און רייך— אלץ איינס"... און נאָך אַ סך, אַ סך פלעגט ער מיר רעדען. (שווייגט אַ ווײַלע) ביי דער אַרבייט, אַז איך האָב מיך דערמאָנט אָן זיינע רייד, פלעגט מיר ווערען אַזוי וואַרים, און איך פלעג אָנהויבען זינגען... די מאַשינעס האָבען געקלאַפּט נאָכאַנאַנד, די נייטאָרי־נען האָבען אונטערגעקרעכצט—און איך האָב געזונגען.— א פוליגקע בין איך געווען, א פרעהליכע.—

שרה׳לע (נייגעריג): און דערנאָך?

חוה: דערנאָך האָט ער גענומען מיט מיר לערנען, אַלע אָבענד געבען מיר שטונדען, לייענען מיט מיר צוזאַמען און אַוועקזיצען שפּעט... דערנאָך אלץ שפּעטער און שפּעטער ביז וואַנען... ביז וואַנען ער האָט אויסגעפיהרט.— איך האָב מיך געבעטען... מיט טרערען... און ער: „אַלע מענשען זענען גלייך", און א סוף־אַן׳עק.

שרה׳לע (שטיל): כ׳וויים, ווי דאָס טרעפט זיך... ביי מיר אויך—ביי מיר איז אויך אַזוי געווען. דאַכט זיך, מיט איין האַנד שטופּסט דו איהם: „מען דאַרף נישט. מען דאַרף נישט", און מיט דער אַנדער האַנד האַלזסטו. „מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט"—און אַליין קושט דו... פאַר וואָס איז דאָס אַזוי?

חוה (פלוצלונג אויפגעבראַכט, קריצט מיט די ציינער): געלד איז ער מיר געקומען פאָרלעגען און ווידער—„אַלע מענשען זענען

גלייך". אזא הונד! פערשטעהסט? איך האב שוין יעמאלט ניט געקענט געהן צו דער ארבייט, און ער—געלט. אט איז געוואָרען: "אלע מענשען זענען גלייך"—(הוסט).

**שרה'לע** (כאפענדיג אלע רגע אונגעדולדיג א קוק צום חתונה־זאל): גאט איז מיט דיר, חוה! זעה, ווי דו האסט זיך צעקאכט! א מענש האט זיך דערמאנט!—נו זאג אליין! טו א שפיי... און געווג...

**חוה** (אבגעקיהלט, טרויעריג): זעקס יאהר האב איך געשפייט, ביז וואנען איך האב אנגעהויבען שפייען מיט בלוט—(גיט א לאך) און אפטמאל האט זיך מיר געדאכט, אז מיך ארט שוין ניט... אז אלץ האט זיך אוועקגערוקט ערגיץ ווייט, ווייט.—נאר אז איך בין ניט־געזונד געווארען און געלעגען איינע אליין, איז עפיס אלץ ארויסגעשוואומען, און ס'האט מיך גענומען ברענען אין הארצען, עקבערן אין מח: איך ליג דא—און וואו איז ער. דאן האב איך אלע מיינע ביכער, זיינע צמאליגע מתנות—געריסען, געפליקט בלעטלעכווייז, בלעטלעכווייז, שטילערהייד. פערשטעהסט? איך פלעג מיר פאָרשטעלען, אז דאס רייס איך פון איהם שטיקער פלייש, איברים־ווייז—פלעגט מיר גרינגער ווערען אויף א ווילע (שווייגט). ביז איין בוך האב איך צעריסען.

(בשעת'ן לעצטען דיאלאג האט זיך דער מאלצייט אין חתונה־זאל געענדיגט. א בעוועגונג.—הינטער דער גלעזערנער טיר פון באלקאן טראגט מען דורך לאנגע מאלצייט־טישען. די קאפעליע שטעלט אן די כלים, ס'הערען זיך אבגעריסענע טענער).

**שרה'לע** (נעהמט ניט אראב אנ'אויג פון די בעוועגונגען אין חתונה־זאל): אך, איז דערפאר האסטו זיי צעריסען, א משוגע'נער מענש דאס איז.—

**חוה** (פערשטעלט דעם פנים): אז דו וואלסט וויסען—דו ווייסט ניט. ער איז געוועזן אזא וואוקסיגער, א ווארימער. איך האב איהם שטענדיג גערופען: מיין אדלער, אדלער מיינ'ס... און ער מיך: מיין ווייסע טויב...

(פון חתונה־זאל גרייכען די ערשטע אקארדען פון וואלס).

**חוה** (הויבט אויף די אויגען) שענע טויב און א שענער

אָדלער—(בעמערקט, אז שרה׳לע הערט זי ניט, גיט א מאך מיט דער האנד און חמורעט זיך אן. פּויזע).

(אין זאַל האָבען זיך אָנגעהויבען די טענץ. הינטער דער זאַסטאַווע ווערען די פערבײַלויפענדיגע פײַערלעך פון די פוהרען אַלץ וועניגער און וועניגער).

שרה׳לע (חדוה׳דיג): אַהאַ! אָבער דערוואַרט זיך!—די טענץ, די טענץ! ווער האָט אויסגעפיהרט, אַ? (צעטרײַטעלט) וואָס ביסטו אַנטשוויגען געוואָרען? דערציעהל, דערציעהל... אָבער איך האָב אויסגעפיהרט! (טאַנצט אונטער אויף איין אָרט צום טאַקט דער מוזיק) אַ שטײַגער, ווי זעהט איצט אויס די כלה, די קלײַנינקע, און דער חתן אין צילינדער—כ׳וואָלט זיי נאָך אַ מאָל געוואָלט אָנקוקען—אוך (גערט צו נאָהענט צו חוה׳ן) הער זיך צו! וולאַ—די—מיר... אַ שענער נאָמען, אַ?

חוה (שטיל, דערשראָקען): וואָס איז דאָס? פון וואַנען ווײַסטו זײַן נאָמען? פון וואַנען?

שרה׳לע: אַנ׳עכטער נאָמען פון אַ אָפיצער, אַ? אַ שטײַגער, ווי וועט ער זײַן אין אידישען—ברוך? בעריל? ע... ניט שען.

חוה (דײַטליך) מאַך זיך ניט קינדעריש. ווי אַזוי האָסטו זיך דערוואוסט?

שרה׳לע (קוקט צום „זאַל"): און ווי אַזוי דו?

חוה: ביסט בײַם זינען? איך זאָל ניט וויסען, ווי ער הײַסט? איך?

שרה׳לע: מײַן נישט. איך קען נאָך אויך ווי ניט איז איבערלײַענען אַ רוסיש וואָרט. אַי, חוה׳לע! איך בין געוועזען זיכער, אז נאָר איך אַלײַן האָב עס געטאָן. ווען ביסטו דאָרטען געוועזען?

חוה (קוים, קוים): איך? געוועזען?...

שרה׳לע: נו, נו. (מאַכט מיט׳ן פינגער צום נאָז) איך ווײַס... איך האָב זיך ניט געקענט אײַנהאַלטען—ווי נאָר איך האָב זיי הײַנט דערזעהן אויפ׳ן באַלקאָן, האָב איך זיך געמוזט אַרויסגנב׳ענען אַ קוק טון, ווי זיי הײַסען. כ׳האָב געמוזט.—

חוה: וואָס אויפ׳ן באַלקאָן? — דו זאָגסט: וולאַדימיר!— וואו? —

שרה׳לע (ווינקט איהר ממורי׳ש מיט די אויגען), נו, וועל

איך דיר דערמאָנען. אַט די מירמעלשטיינערנע טרעפּ ווענען בעדעקט מיט שמאָלע טעפּיכען. (ווייזט אויף דעם אָפענעם איינגאַנג פון חתונה-זאַל) און אַז מען גנב'עט זיך אַרויף, הערט מען ניט—אַ, חוה? און אַז מען דערגעהט ביז דער וואַנד, דערזעהט מען דאָרט אַ רעמיל.—

חוה (זאָגט נאָך): דערזעהט מען אַ רעמיל.—

שרה'לע: אַהאַ, ט'זיך דערמאָנט. אַ ברייטע רעמיל אַזאַ, אַ בעגילדעטע.—

חוה: אַ בעגילדעטע.—

שרה'לע: און אַלע טאָג שטעלט מען אַריין אין דער רעמיל די נעמען פון דעם פּאָר'ל, וואָס האָבען ביי-נאַכט חתונה. (פּאַטשט איהר אין פּלייצע) און חוה'לע ווייסט דאָס אויסגעצייכענט. און היינט ווער האָט חתונה? ווי רופט מען די כלה, די קליינינקע?—

חוה (שטאַקט זיך): כ'ווייס ניט, מיין עהרען-וואָרט...

שרה'לע: לידאַ. געדענק! לי—דאַ...

חוה: לידאַ— — (קוים, קוים) און ער?—

שרה'לע (געהט אום, הערט ניט): נאָר יעצט איז שוין אוים „לידאַ". שוין נאָך דער חופּה. אַ מאָדנע זאַך! אַ טו אָן דעם פינגערל—מאַדאַם. (מיט אַ שטרענגער מינע) מאַ—דאַם סע—גאַל.—

חוה (דערשטיקט) אָ. (גיט זיך אַ שאָקעל און הויבט אָן ציטערן) ניין... ניין...

שרה'לע. (חאַפּט זי אונטער מיט ביידע הענד) חוה, חוה! וואָס איז מיט דיר? גיב אַ קוק אויף זיך—דיר איז ניט גוט געוואָרען?

חוה. (שפּאַרט זיך צו צו דער וואַנד, האַלב גע'חלש'ט) ווי אַזוי—ווי אַזוי—דאָס איז ניט אַזוי—דאָ! אין וואַרשוי?—

שרה'לה. זיי אַ מענש, חוה, זיי אַ מענש... וואָס פּלוידערסטו? וואָו טוט דיר וועה? קום אין שטוב! קום!

חוה. (שטאַרקט זיך מיט אַלע קרעפטען) גאָרניט—אַ ביסעל—דאָ, דאָ האָט אַ שטאָך געגעבען, גאָרנישט... שטעה, שטעה! איך וועל ניט געהן... געה, געה אַליין אין שטוב—(טרייסעלט זיך) קאַ—אַלט, שרה'לע... מיר איז זעהר קאַלט...

שרה'לע (חאַפּט פון זיך אויסטון דעם זשאַקעטעל) דאַכט זיך, אַ גאַנצען אָבענד בעט איך זיך ביי דיר: וועסט זיך פאַר-

קיהלען, טו אן מיין זשאקעטעל, ס׳איז פייכט — „ניין“—און א סוף!

חוה. (האלט זי אב) מען דארף שוין ניט, מען דארף ניט. פערקעהרט, מיר איז גאר הייס, מיר איז זעהר הייס. (עפענט פונאנדער די פאטשיילע) זעהר הייס...

שרה׳לע. זעה, ביי דיר ברענען די באקען, די אויגען—(טאפט איהר דעם שטערן) דו האסט היץ! קום אין שטוב... לאז, איך געה זאגען אין שטוב...

חוה (האלט זי צו) מען דארף ניט, ס׳איז גארנישט. ביי מיר טרעפט זיך דאס. (ב׳אנדזשעט מיט די אויגען איבער דעם בעלויכטענעם „זאל“) זאג גארנישט. ווארט, ווארט. געה נישט.

פרומע. (א ברייט־ביינערדיגע, א הויכע, א ביזער פנים, א רעטאנדע אויף די פלייצעס—געהט פלוצלונג ארויס פון טויער. קוקט ניט אויף חוה׳ן)... צי געהן, צי ניט געהן—איז זי דא ביי מיר קיין בעל־הבית׳טע ניט,— שרה׳קע, אט שוין זאלסטו מיר אין שטוב אריין, אט שוין!—א... א העזה א ביסעל אבהאלטען נעבען זיך א קינד א גאנצען אבענד! וואסי, איהר איז אומעטיג צו שטעהן אליין! נאך וועניג!—

שרה׳לע. איך בין דאס אליין געשטאנען, איך וויים אליין... איך בין אליין געשטאנען, איך... איך האב געווארט אויף איינעם...

חוה. (קוקט צום „זאל“ מיט קיילעכיגע אויגען.)

פרומע. (צו חוה׳ן) און דיר האב איך געוואלט זאגען, אז דו זאלסט זיך אוועקגעהן אין אנ׳אנדער ארט... איך האב פאר דיר מעהר קיין צימער ניט. היינט קענסטו נאך איבערנעכטיגען — און מארגען אין דערפריה פערשלים איך... איך קען מעהר נישט —

שרה׳לע. פרומע, וואס רעדט איהר? זי איז דאך זעהר ניט געזונד... זי איז דא שעור אין חלשות ניט געפאלען—זי—

פרומע. (שלאגט זי איבער) דו שטעהסט נאך? (ברייט) אט—שוין זאל—סטו מיר—אין—שטוב אריין, נו! (ווארפט א קרום מען קוק אויף חוה׳ן) איך בין ניט מחויב—ביי מיר איז דא ניט קיין „בקור־חולים“... און דו — געה! (שטופט שרה׳לען אריין אין טויער און פערמאכט די טירעל).

חוה. (פֿאַר זיך) אַ כּלה אַ קליינינקע, אַ ווייסינקע, אַ?... (קוקט זיך אום מיט צעטראָגענע אויגען) איהר? וואָס ווילט איהר, פֿרומע?

פֿרומע. אַז מען רעדט מיט דיר, זאָלסטו הערען (מיט כּעס) פֿון מאָרגען אין דער פֿריה האָסטו ביי מיר מעהר קיין צימער ניט. איך קען דיך מעהר ניט אויסהאַלטען. און איך דאַרף דיך ניט.

חוה. דאָס? מיר איז שוין דאָס אַלץ איינס... איצט אַלס איינס. איך האָב אַזוי אויך געוואוסט. (קוקט צום „זאַל") איך האָב נאָך פֿריהער געוואוסט.

פֿרומע (קאַלט). אַז דיר איז אַלץ איינס, איז אַ ודאי גוט. איך מוז דיר נאָר זאָגען, אַז אַ חוץ וואָס דו קאָסט מיך אָב בלוי־טיגע געלט, טוסט דו מיר נאָך אָן שאָדען. אָט געה הער, ווי די געסט לאַכען מיר אין די אויגען אַריין... דו פּטר'סט מיר אַוועק אַ געשעפֿט... און געה הער, וואָס זיי זאָגען: וואָס עפּיס פֿרומע, האָט איהר אונז געגומען אַרויסשטעלען פֿוילע סחורה?— אָט, געה, הער...

חוה. וואָ—אָס? (שרעקליך אויפֿגערייצט) פֿוילע סחורה? גנבֿ'טע! ווערט פֿערפֿוילט מיט זיי צוזאַמען, פֿרומקעלע די גנבֿ'טע! כ'האָב אייך אַלעמען אין ד'ר ערד... גנבֿ'טע!

שרה'לה. (איהר קאָפּ רוקט זיך שטיל אַרויס פֿון טירעל.)

פֿרומע. (קוקט אַ ווײַלע פֿערוואונדערט) דו פּאַסקודסטווע? דו—מיר? דו האָסט נאָך אַ העזה? איך וועל דיך באַלד... איך וועל דיך באַלד דיין שמאַטע־פּנים צופּאַטשען (הויבט אויף איהר אויף אַ האַנד.)

חוה. (שטעלט אָן ביידע הענד ווי אַ קאַץ) אַנו, פּרובּט אַקאָרשט?... יעצט? אַנו, גנבֿ'טע, אַנו...

שרה'לע (לויפֿט אַרויס און האַפּט אָן פֿרומע'ן פֿאַר דער האַנד): גאָט איז מיט אייך! זי איז קראַנק... מען טאָר זי ניט טשעפּען... איהר ווייסט ניט.—

פֿרומע (דערזעהט שרה'קען): און דו בּיסט נאָך אַלץ ניט אַריין! טו נאַ דיר—(לאָזט איהר אַראָב אַ פֿייערדיגען פּאַטש).

שרה'לע (גיט אַ חליפֿע און פֿערכאַפּט זיך): פֿרומע, איהר

ווייסט ניט, וואָס זי רעדט ביי נאַכט,— איהר ווייסט ניט...

פרומע. (צו חוה'ן, שטיקט זיך פאַר כעס): אויף מיר אויפהויבען הענד? דו אויף מיר?—דיין זכר זאָל דאָ ביי מיר מעהר ניט זיין! אַט שוין!—(נעהמט אַרויס אַ גרויסען שליסעל) צו מיר אין שטוב?—וואָן! (געהט צום טירעל).

שרה'לע. (האַלט זיך פאַר'ן באַק, שטעלט זיך פרומען אויפ'ן וועג) וואָס ווילט איהר טון? פרומע, פרומינקע, פערשליסט ניט, פערשליסט ניט דעם טויער... ס'איז נאָך פריה—

פרומע. (שטופּט זי אין טירעל): נאָך-עלף דער זייגער איז ביי דיר פריה? פּראַטאָקאָלען ווילסטו, מען זאָל מיר קומען מאַכען? (וואַרפט אַ חשד'יגען קוק אויף חוה'ן)... פּראַטאָקאָלען?

שרה'לע. לאָזט זי אַריין, זי האָט זיך שוין אַזוי אויך פערקיהלט... איך האָב אַליין געוואָלט שטעהן און קוקען, ווי מען טאַנצט... זי האָט מיך געטריבען.—

פרומע. נו, נו, איך האָב געהערט, ווי זי האָט דיך געטריבען—(שטופּט זי) און דיר וועל איך נאָך געבען—אַ גאַנצען אָבענד מאַכען חוזק פון מיר און פון געסט?!

שרה'לע (חליפּעט. צו חוה'ן): געה ניט, געה ניט, געה ניט ערגעץ אַוועק!.. שטעה דאָ.—

פרומע. האָטש ביז מאָרגען אין דער פריה. (שטופּט אַריין שרה'לען אין טירעל מיט געוואַלד און געהט אויך אַריין. די טירעל פערמאַכט זיך. מען הערט, ווי דער שליסעל דרעהט זיך איבער צוויי מאָל).

שרה'לע (איהר קול הערט זיך פון הינטערן טויער): שטעה דאָ, חוה! שטעה! חיים וועט באַלד קומען! חיים—(איהר קול האַקט זיך אָב).

חוה. (איינע אַליין) אָט ווייס איך... אָט האָט זי מיר געזאָגט. אוים! (מאַכט מיט די פויסטען צום חתונה-זאַל, רעדט פערשטיקט דורך די ציינער) צאַ... דאָ ביסטו! דאָ!.. פערפאָהרען אַהער חתונ'קע האָבען... אַ? געטראָפען דיך אַמאָל, געטראָפען?—(טראַכט) און אפשר ניט ער? וואָס דאַן? אַ געגרייזעלטער, זאָגט זי? אַ הויכער? סעגאַל?..

3-טער דורכגעהער (געהט צו איהר אריבער פונ'ם

רעכטען טראָטואַר, נעהט צו איהר צו און נעהמט זי אָן פאַר דער גאָמבע), פאַניענקע, אַ?—

חוה. (גיט איהם אַ שטויס), דו, אַוועק!... אויס גע־שעפטען מיט מיר (לאַכט) איך בין אַ פוילע סחורה... פערפוילט זאָלט איהר אַלע ווערען, אַלע ביז איינעם...

3־טער דורכגעהער. משוגע'נע! (געהט פון איהר אַוועק נעשווינד אין געסעלע אַריין, קוקט זיך אום ביי איטליכען טראָט).

חוה. (אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ) און ווי אַז אַ טעות? אַז ניט ער? דאַן—(גלייכט זיך אויס) מענשען וועל איך קוילען... הייזער וועל איך אונטערצינדען. (טראַכט) די בעגילדעטע רעמיל?— (מאַכט עטליכע פאָרזיכטיגע טריט צום איינגאַנג פון חתונה־זאַל, דערנאָך אַלץ געשווינדער, געשווינדער, ביז זי חאַפּט זיך אַריין אין איינגאַנג און הויבט זיך אָן גנב'ענען אויף די מאַרמאָרנע טר״ר. [illegible] בלייבט אַ ווײַלע לעדיג. אין זאַל שפּילט מען און מען טאַנצט).

[illegible] ווייזט זיך ווידער אין איינגאַנג מיט אויסגעגלאָצטע אויגען. בלייך. געהט צוריק אַריבער צום לינקען טראָטואַר. שטעהט אַ ווײַלע פערגליווערט) ער—ער... ער! — אָט דאָ וועל איך וואַרטען — (מאַכט מיט די פויסטען) אָט דאָ... און אַז ער וועט אַרויס — (טראַכט אַ ווײַלע) און וואָס וועל איך איהם זאָגען? וואָס? העלף גאָט, גאָט!

חיים. (קומט אָן פון דער טיעף סצענע, אַ ביסעל אויסגע־טרונקען. גנב'עט זיך אונטער הינטער חוה'ן, גיט זיך צו איהר אַ נויג מיט'ן רוקען און אַ שטויס) אַפּטשכי!... (מישט איהר איבער מיט די פינגער) יאָלדיכע, זאָג נאָר, האָסט דאָ געשפּינט סקאָר־פּיָטקעס, צי גערעדט מיט'ן מלאך־המות? רעד בעסער צו מײַן דאַ־שעק. — וואוהין קוקסטו? איך רעד דאָך מיט דיר! קאַסמאָרע איז שוין אַרויף?

חוה: אַרויף. געה צו איהר, געה. זי וואַרט — געה.

חיים: פּײַפּע, מיר הייסטו געהן? (קלאַפּט זיך אין האַרצען) מיר דאַכט, אַז דאָס איז חיים־קישקע, אַ? איך גיב דיר באַלד אַ רייב־אַרײַן פאַרפּעל אין רעכטען אויער, אַז דיר וועט אָנהויב[illegible] געהן פייער פונ'ם לינקען... (שטעהענג) דער העכט איז שוין גע־

קומען? דער גאַסט מיט די פּייאימס? וואָס קוקסטו מיך אָן?

חוה. וועלכער? דאַרטען זענען דאָ אַ סך געסט, אַ סך. —

חיים. (גערט צום טויער) האָט מיך קאַסמאָרע אויסגענאַרט, איז ניט מיין נאָמען חיים-קישקע, אויב איך מאַך פון איהר ניט קיין קאַטערינקע. (גיט אַ שטופּ די טירעל) פערשפאַרט? פון חייב קישקען פערשפאַרט? (שלעפּט דאָס הענדעל פון גלאָק מיט ביידע הענד. נאָך יעדע זילבע) איז—ניט—מיין—נאָמען—חיים—אַ רוח אין אייער—טאַטענס—טאַטען אַריין...

(אויפ'ן צווייטען שטאָק, וואָס איז די גאַנצע צייט פערהאַנגען מיט טונקעלע שטאָרען, הויבט זיך אויף איין שטאָרע, און ס'עפענט זיך אַ האַלבער פענסטער).

פרומע. (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ) ווער קלינגט דאָס דאָרטען אַזוי? וואָס איז דאָס פאַר אַ קלינגעניש? (דערזעהענדיג אונטען חוה'ן) אַך, דו? דו וועסט ביי מיר ניט אַריין...

חוה. (גיט אַ שפּיי מיט האַס און גערט אָב)

חיים. פאַני-פרומע! אפשר דערקענט איהר שוין ניט חיים'ען?... איך דאַרף האָבען צו מיין קאָלעזשאַנקע—גוט נ'אָוועגד פאַני-פרומע!

פרומע (שרייט אַריין אין צימער) קריינע! נאַ, געה עפען. (חיים'ען) נאָר אָט יענע שמאַטע זאָלסטו מיר ניט אַריינלאָזען, ס'געהערט?

חיים. וועמען? חוה'ן? פאַני פרומע ווייס, אַז זי איז ניט מיין קאָלעזשאַנקע.

פרומע. בּיסט אַביסעל... אַזוי אין לאָמפּ אַריינגעגאָסען... אָבער זעה, איך בעט דיך!

חיים. פאַני פרומע, אַז חיים — קישקע זאָגט — איז געזאָגט!

(דער פענסטער פערמאַכט זיך. די שטאָרע לאָזט זיך אַראָב. אין אַ ווײַלע אַרום הערט מען, ווי מען שפּאַרט אָב די רונדע טירעל.)

חיים. (אַריינטרעטענדיג אין טויער) אַז חיים-קישקע זאָגט: געעפענט—איז געעפענט. (געהט אַריין. — די טירעל פערשפּאַרט מען ווידער.)

**חוה**, (געהט צו) — חיים וועט העלפען? אט דער? (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד) — נאָר דו ביסט דאָרטען! דו ביסט דאָרטען... (מיט שרעק) אַ — — — —

(אַ האַלבע גלעזערנע טיר פון באַלקאָן עפענט זיך. פון אינוועיניג חתונה־זאַל רייַסט זיך אַרויס אַ שטראָם ליכטיגקייַט און מוזיק. עס גיבען אַ בלאַנק חתונה־קלייַדער פון מענער און דאַמען.— דער חתן מיט דער כלה געהען אַרויס אויפ'ן באַלקאָן, די ליכ־טיגקייַט בעגיסט זיי).

**חוה**. (קוקט זיך צו. ציטערט) דאָס איז ער — (דריקט זיך צו צו דער וואַנד און בלייַבט שטעהן. קוקט אָהן בעווע־גונג) ער —

**די כלה** (פערוויקעלט אין אַ ווייַסען וואַרימען שאַל, רעדט ווייך אין זאַל אַרייַן)... מאַמע, האָב נישט מורא, איך בין ניט פערשוויצט. איך האָב זיך גוט אַרומגעוויקעלט. (די גלעזערנע טיר פערמאַכט זיך.)

**דער חתן**. טייַבעלע מייַנע, ווייַסע —

**די כלה**. וואָס האָסטו מיר געוואָלט זאָגען? טייַערער—

**דער חתן**. גאָרנישט — (גיט פלינק אַ הויב אַ ביסעל איהר שאַל און אַ קוש אין פּלייצע) גאָלד מייַנס! מיר האָבען נאָר דערעסען אַלע צערעמאָניעס, דער געפילדער—מיר האָט זיך פּלוצלינג פערוואָלט כאָטש אויף איין רגע בלייַבען מיט קלייַנינקער, ווייַסינקער, וואַרימער...

**די כלה**. מיר האָבען געלאָזען אַלע געסט... עס פּאַסט ניט —

**דער חתן**. (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד) זאָלען זיי געהן.— אַלע חדרים האָבען זיי פערפלייצט, פערשוויצטע, אָנגעגעסענע—

**די כלה**. טייַערער, איך בין אַזוי מיעד, ס'איז ערשט האַלב צוועלף — —

**דער חתן**. טייַבעלע, ווייַסינקע, האָב געדולד נאָך אַ פּאָר שעה — אין גיכען — (שטעלט זיך הינטער איהר און קושט איהר אין קאָפּ) לידע, לידינקע...

**די כלה**. טייַערער, מען זעהט —

**דער חתן**. (קושט ווידער) ניין, קינדעלע, איך פערשטעל דיך דאָך —

די כלה. ניט פון זאל; דא אונטען, זעה, ס'ארא אויגען. איינער קוקט... זעה!

דער חתן. (בויגט זיך איין איבער איהר) וואו?

חוה. (מאכט עטליכע טריט פאראויס און שטעלט זיך אין מיטען ברוק צווישען ביידע הייזער. דומפיג) מזל-טוב דיר.. וועלוועלע...

דער חתן. הא? וואס איז? ווער איז דאס?

חוה. (דומפיג) איך. — מזל טוב.

די כלה. אודאי א מחותנת'טע, האט פערשפעטיגט. מאדנע. (צו חוה'ן) קומט ארויף, פאר וואס שטעהט איהר אויפ'ן גאס?

חוה. איך שטעה אלע מאל אויפ'ן גאס. —

דער חתן. (חאפט אן לידען פאר דער האנד. שטיל) לאז זי. רוף ניט — (צו חוה'ן) נו, יע... הייסט דאס, מיט מזל— מיט מזל זאלט איהר לעבען...

חוה. חא—חא—חא.. . מיט מזל? ווי, וועלוועלע? ווי?

די כלה. וואס לאכט זי דאס? וועמען מיינט זי דאס— וועלוועלע!

דער חתן. (מבולבל) ניין, דאס איז... שדים ווייסען וואס — (פערהאפט זיך) א משוגע'נע... איך זעה אבער...

די כלה. (קוקט אראב) נעביך —

חוה. (קאכט אויף) איך בין משוגע? נעביך? גנב דו; אה, אויסגעזוכט דיך; אויסגעזוכט, א? אלע מענשען זעגען גלייך, א? יעצט איז זי שוין א ווייסע טייבעלע! א ווייסע בעט האט מען דיר היינט אנגעגרייט, א? (שטיקט זיך) שלאנגען און עקדישען דיר אין בעט, שלאנגען און עקדישען — (הוסט)

די כלה. (דערשראקען) וואס איז דאס? (צום גאס) איהר! וואס שילט איהר זיך? איהר! —

חוה. מאדאם סעגאל, וויפיעל האט איהר געצאהלט פאר א פונט פוך! א, מאדאם?...

די כלה. וואס איז דאס? זי קען דיך דאך, זי קען דיך —

דער חתן. זי — מיך? אפשר. — איך ווייס? נאר ווער

איז דאָס מחויב? (נעהמט זי אונטער דער האַנד) קום אין זאַל אַריין — די משוגע'נע שרעקט דיך? שרעק זיך ניט —

די כלה. (קוקט איהם אָן מיט חשד) ניין, דו שרעקסט זיך, דו, — פאַר וואָס?

חוה. (שטאַרקט זיך רעדען געלאַסען) מאַראָס, שטעהט אַ ווייַלע, געהט ניט, פרעגט איהם בעסער, וואָס מאַכט זיין קינד, פרעגט... פרעגט! אַמאָל בין איך געוועזען אַ ווייַסע טויב — ניט לאַנג...

דער חתן. פי, ס'אַרא שמוץ! — איך וועל זי... לידע, קום אין זאַל אַריין! —

די כלה. ניין, לאָז. פאַרוואָס ביסטו בלייך? פאַר וואָס זאָגט זי דיר „דו"?

דער חתן. (הויבט מיט די פלייצעס.) כ'בעט דיך. לאָז צו רוה...,

די כלה. (צו חוה'ן) ווער זענט איהר? ווער?

חוה. איך? אַ פלעדערמויז —

דער חתן. נאַ, אָט זעהסטו דאָך, אָט! איך זאָג אָבער! —

חוה. אַלע ביי=נאַכט פליה איך אַרוים... אַלע ביי=נאַכט, ווען ביי אייך הויבט מען אָן שפּיעלען חתונ'קעס און עסען וועטשערקעס. — נאָר יעצט איז שוין דאָס אויך ניטאָ, יעצט בין איך שוין אַ „פוילע סחורה"... קיינער קויפט ניט —

דער חתן. (דרעהט זיך אום ווי אַ פער'סמ'טער) וואָס פאַר אַ שלימזול... תחינות לייענט זי דאָרטען, אָדער וואָס? איך שיק באַלד דעם שווייצער שיק איך!... (כאַפּט אַקוק אין „זאַל", צי מען בעמערקט גאָרנישט. צו לידען.) נו, דו הערסט דאָך!... קום אין זאַל אַריין... עס פּאַסט ניט — —

די כלה. (האַלט זיך אָן באַלקאָן. שוואַך) וואָס איז דאָס? גאָט, מיין גאָט... גאָט, מיין גאָט...

חוה. (הויבט אָן מיט כעס און לאָזט אוים מיט אַ שטילען געוויין) דעם שווייצער? אַלע מענשען זענען דאָך גלייך, אַ? אַ געריס דיר פון יענער וועלט, דיין בן=יחיד'ל איז געשטאָרבען... ער האָט געהאַט דיינע אויגען... יעצט בין איך אַ פוילע סחורה,

און דו האָסט חתונ'קע... פון היינט אָן ניטאָ—אפילו וואו דעם קאָפּ אוועקצולייגען...

די כלה. גאָט, מיין גאָט —

דער חתן. (צו לידען) וואָס גאָט? (שטילער)... דו הערסט דיין, וואָס זי וויל... זי וויל אַ נדבה וויל זי... נו איז וואָס? איך זאָג אָבער—(האַפּט אַרויס דעם טייסטער מיט ציטערדיגע הענד און וואַרפט אַראָב חוה'ן) וואָס פאַר'אַ סקאַנדאַלען? נאַט אייך און גערט. (נעהמט לידע'ן אונטער דער האַנד.)

חוה. גערט נישט, גערט נישט... (איהר קול ציטערט) ניט דאָס וויל איך דיר זאָגען, ניט דאָס... זעקס יאָהר אַז איך קלייב זיך דיר זאָגען... גערט נישט...

דער חתן. נאָך ניט צופרידען? גערט איך זאָגען דעם שווייצער—אָט וואָס. (עפענט אויף פלינק די גלעזערנע טיר האַפּט זיך אַריין מיט לידע'ן. די טיר פערמאַכט זיך.)

חוה. (איינע אַליין, מיעד) ניטאָ? אוועק? גאָרנישט געזאָגט, גאָרנישט... וואָס האָב איך איהם געדאַרפט זאָגען?... פערגעסען, ניטאָ שוין וואָס צו זאָגען... צוליעב וואָס? (טראַכט) אַ? ער האָט דאָ עפּיס אַראָבגעוואָרפען—(זוכט אַרום זיך אויפ'ן ברוק און הויבט אויף דעם טייסטער) גע—עלט? ווידער געלט? אַך דו (קוקט אויף דעם אַ ווייַלע אָהן בעוועגונג — פערקריצט די ציינער) אַך דו! דו! (טרעט אָב אויף הינטען) נאַ דיר עס צוריק! (טוט אַ שלייַדער דעם טייסטער אין דער גלעזערנער טיר אַריין. ס'דערהערט זיך אַ קלאַנג פון צעבראָכען גלאָז און צעשאָטענע מטבעות. די מוזיק אין זאַל האַקט זיך אָב)... דו, איהר אַלע, זענט אַליין פוילע סחורה... טפו, פאַסקודניקעס! (גיט אַ לאָף און שטעלט זיך אָב) יאָ... שרה'לע, דער ווייסעל איז טיעף, זעהר טיף... (לאָזט זיך געהן געשווינד אַ ווילדע מיט צעוואָרפעניע האָר, אָבער מיט זיכערע טריט. אויפ'ן ראָג פון געסע-לע פאַלט פון איהר אַראָב די פאַטשיילע; זי הויבט עס ניט אויף, און ווערט פערשוואונדען אין דער טיעף הצענע, אין נעבעל).

(אויפ'ן באַלקאָן רייסען זיך אַ-ויס נייגעריגע מחותנים און מחו:נת'טעס. דער חתן מיט זיי. דערנאָך בריידע יונגלעך. אַלע קוקען אַראָב און זוכען מיט די אויגען, עס הערען זיך אויסגעשרייען.)

1=טער מחותן. ניטאָ שוין.—אַט וואָס ווארשע איז, אַ גרויל וואָס ווארשע איז...

2=טער מחותן (בגלופין. דער צילינדער אויף דער פּאַטילִיצע) גענומען און גערופען אַ גאָראָדאָווא, „ראַז=דוואַ" און פּאַרטיג —

דער חתן. (מבולבל) ניין, ניין, מען דאַרף ניט. גאָט בעהיט! איהר הערט דאָך, ווי אַזוי—

1=טע מחותנת'טע. ווער האָט דאָס געטאָן, אַ?

2=טע מחותנת'טע. אַ שכור'ער גוי, איהר הערט דאָך—

3=טע מחותנת'טע. וואו איז ער?

3=טער מחותן. ניין, אַ משוגע'נע.—

דער חתן. איך זאָג אָבער לידען, קום, זאָג איך—

4=טער מחותן. (מאַכט מיט די הענד) דעם זשאַנדאַר זאָל מען רופען.—

2=טער מחותן. אָהן אַ גאָראָדאָוואָי איז גאָרניט.

דער חתן. ניין, ניין, נאָך אָנהויבען זיך מיט די דאָזיגע... איהר הערט דאָך, איך געה אַרויס —

4=טע מחותנת'טע. ווי אַזוי האָט דאָס דער סטרוזש דערלאָזען?

5=טער מחותן. וואו סטרוזש? וואָס סטרוזש!—ער שכור'ט מיט'ן שווייצאַר.

3=טע מחותנת'טע (צום חתן). וויז ווי איז דאָס געוועזן?

דער חתן. איך זאָג אָבער לידען... איך געה מיט איהר אַרויס אויפ'ן באַלקאָן.—

1=טער יונגעל (לויפט צום חתן, שטופט איהם עפּיס אין האַנד). אַט איז נאָך געלד: אַ קופּערנער פּיאַטאַקעל.—

2=טער יונגעל (טוט דאָס זעלבע). איך האָב מעהר, איך! איך האָב געפונען נאָך צוויי פערציגער—איך!

דער חתן. (נעהמט צו מעכאַניש דאָס געלט און שטופּט אין די קעשענעס) אַט זעהט איהר דאָך... איך וואַרף דער משוגע'נער אַראָב מיין טיכטער—אַ נדבה וואַרף איך אַראָב—זי האָט געבעטען.—

3=טע מחותנת'טע. אַ גאַנצען טייכטער?

2=טער מחותן. וואָס פאַר'א געלד? אַ גאָראָדאָוואָי!

5-טע מחותנת'טע. גערט אַריין, גערט אַריין, איהר ווערט זיך פערקיהלען.

1-טער יונגעל (שטופּט זיך ווידער צו צום חתן, פערשאַמפּערט). אָט האָב איך געפונען נאָך אַ גריוונעטשקע... געלעגען אונטער אַ שטול.—

2-טער יונגעל. (שרייט) אַ ליגען, אַ ליגען! דאָס האָב איך דערזעהן, ער האָט צוגעכאַפּט!

3-טע מחותנת'טע. שטילער, קינדער. (צום חתן) נו איז וואָס איז געוועזן?

דער חתן. שטעה איך אַזוי מיט לידע'ן, שטעהען מיר און קוקען, קוקען מיר און מי—מיר קוקען —

אַ קול פון „זאַל“ אַרוים. דער כלה איז נישט גוט געוואָרען—די כלה חלש'ט...

(אַלע, אַחוץ ביידע יונגלעך, גיבען זיך אַ וואָרף פון באַלקאָן אין זאַל אַריין.)

1-טער יונגעל. דאָס האָט געמוזט אויסברעכען די שויב אָט יענע... רחב, וואָס פריהער —

2-טער יונגעל. (מיט שרעק) אַהאַ, אָ, פאַר וואָס האָסטו מיר געהייסען פייפען, פאַר וואָס?

1-טער יונגעל. הער, זאָלסט קיינעם ניט זאָגען, הערסטו?—

2-טער יונגעל. גערה, גערה, דו האָסט מיך צוגערעדט... אַן'עבירה... דו האָסט מיך צוגערעדט, גערה —

1-טער יונגעל. ש ש ש... כ'וועל דיר אָוועקגעבען אַלע מיינע קופּערנע קנעפּלעך; קום קוקען, ווי די כלה חלש'ט. . .

(לויפען אַריין אין זאַל“. דאָרטען רוישט נאָך ניט-דייטליך. פון אינוויינייג פערהענגט מען די אויסגעבראָכענע שויב פון טיר מיט אַ ווייסער טוך. אין דעם הויז קעגענאיבער, אין פרומע'ס וואוינונג, הויבט זיך אויף די זעלבע שטאָרע, וואָס פריהער, און דער פענסטער עפענט זיך אויף.)

חיים. (האַלט צו פעסט דעם פונאַנדערגעעפענטען פענסטער)... זי איז מיין „קאָלעזשאַנקע“.—און פאַני-פרומע, — ניש געררעדט קיין סך! איז ניט מיין נאָמען חיים-קישקע, אויב זי וועט דאָ היינט ניט געפּטיגען...

פרומע. קוקט איהם נאָר אָן! פערמאַך דעם פענסטער.

פֿערמאַך—ווי לאַנג איז דאָס בײַ אײַך געוואָרען אַזאַ ליעבעטשקע—אַ שענע פּאַרשוין האָט ער זיך געפֿונען.

ח י י ם. ניש אײַער אוינגעוועהטאָג! (זעצט זיך רײַטענדיג אויפֿ'ן פֿענסטער, איין פֿוס דרויסען, די אַנדערע—אין שטוב; קלאַפּט מיט'ן פֿוס) און פֿאַר דרײַ מאָנאַטען וועט איהר דער „פּײַפּע" בעצאָהלען און ניש געהערט קיין סך! (שרײַט צום גאַס) יאָלדיבלע! וואו ביסטו דאָרטען? אַ גאַ! אין שטוב!

פֿ ר ו מ ע. פֿערמאַך דעם פֿענסטער, פֿערמאַך!—איך וועל איהר אַרײַנצאָהלען, יאָ!

ח י י ם. אָפּשר ניין? (זעהר ערנסט) ס'איז שוין יעצט אַ צײַט פֿון „פּראָליטאַריאַטען", אַ „נאַש בראַט" פֿערגיסט יעצט זײַן בלוט פֿאַר דעם „פּראָליטאַריאַטען", און טאָמער ניש—איז דער פֿעטער אין חאָליוע, און גאָט איז אַ פֿאָטער!—און—פֿרומעס רעפּאָרע איז עפּיס אויך ווערט!

פֿ ר ו מ ע. (מיט שרעק) וואָ—אָס? מײַן רעפּאָרע? פּרוב נאָר עפּיס... (דראַבעט זיך) הער נאָר, לאָבוס דו, מאַך דאָ ניט קיין סקאַנדאַלען אין מיטען דער נאַכט, וואָרום...

ח י י ם. איך בין לאָבוס? חיים-קישקע איז לאָבוס? אַלטע הור דו, איך וועל דיר באַלד אָנהויבען מפיל'ען דײַנע אַרײַנ-געשטעלטע צײַהן...

ר ו ז ש ע. (געהט צו צום פֿענסטער האַלב-נאַקעט) ש ש ש—חיים, אויפֿ'ן גאַס איז גאָרנישט געוועזען? כ'האָב עפּיס פֿריהער געהערט אַ געפּילדער—

ח י י ם. (שטויסט זי אָב) יאַזדאַ!—געגאַנגען און געריפֿען מיר אַהער קאַסאַרען!

פֿ ר ו מ ע. (בלײַך פֿאַר כעס און שרעק) רוזשע, גאַ דאָרטען, גיב שרה'קען אָט דאָס... דעם שליסעל פֿון טויער... גאַ; אין כף—הקלע זאָלט איהר אַלע גאַהן. (צו חיים'ען מיט אַ צוקריטען שמײַכעל) אָפּשר איז שוין פֿאָרט אַ סברה פֿערמאַכען דעם פֿענסטער?

ח י י ם. אַז חיים-קישקע זאָגט, איז געזאָגט... (נעהמט אַריבער דעם פֿוס אין שטוב אַרײַן) געגאַנגען און געעפֿענט—איז געעפֿענט!—

(דער פֿענסטער פֿערמאַכט זיך. די שטורע לאָזט זיך

אראָב.—אין חתונה=זאַל הויבט אָן ווידער שפּיעלען מוזיק, און עס בעגייען זיך די טענץ. אין אַ ווײַלע אַרום הערט מען אָבשפּאַרען די רונדע טירעל פונ׳ם לינקען מויער).

שרה׳לע. (לויפט אַרוים פון טירעל, דעם שליסעל אין האַנד. פערסאָפּעט) אַהאַ! נו וואָס? חיים האָט אָבער—(קוקט זיך אַרום) חוה, וואו ביסטו? (זוכט זי) חוה, הוה! חוה׳לע, חוה! (שטויסט זיך אָן, אָן דער פּאַטשײַלע, וואָס וואַלגערט זיך אויפ׳ן ראָג פון געסעלע) וואָס איז דאָס? (הויבט עס אויף לאַנגזאַם, מיט גרויסע דערשראָקענע אויגען) ח=וה׳עס? עס=קען=ניט=זײַן. (שטעהט אַ ווײַלע ווי פערשטיינערט מיט איין האַנד אין די האָר) ניין, ניין, נאָט... נאָר ניט דאָס, נאָר ניט דאָס! (רופט פערצווייפעלט) חוה! ח=וה—

(אין חתונה=זאַל שפּיעלט די קאַפּעליע און ס׳טאַנצען פּאָרלעך)

# אינהאלט.

## 1. ערצעהלונגען און בילדער.


| | זייט |
|---|---|
| אויףביידע זייטען דנעסטער | 3 |
| דאס פארל | 44 |
| מיין ערשטע דירה | 54 |
| די נקמה | 80 |
| ברוינע מויד | 96 |
| עס פאסט ניט | 110 |
| נחום | 116 |


## 2. פאעמען אין פראזא.


| | |
|---|---|
| מעשה בראשית | 128 |
| די פרייהייט | 147 |
| פייער | 162 |
| מיין ביינקשאפט | 172 |


## 3. געדיכטע.


| | |
|---|---|
| טרא־לא־לא־לא | 178 |
| איטע | 180 |
| נשמות | 183 |
| א שטיין | 187 |
| אין אבענד | 190 |
| קארשען | 191 |
| שבת־מאטיוועז 1 וויים־בלאה | 195 |
| " " 2 ביים פענסטער | 197 |


## 4. דראמאטישע שריפט.


| | |
|---|---|
| קעגען־איבער, סצענעס אין צוויי אקטען | 199 |